STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02416

AF UNDZER ERD

Avrom Kahan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אווראָם קאהאַנ

DONATED FROM
Sam & Esther Frank's
PRIVATE LIBRARY

אפ אונדזער ערד

ראָמאַנ

דיר, מײַנ זונ, געווידמעט

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

אָ ג י ז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע, 1944

אינהאלט

ערשטער טייל

		זײַט
קאפיטל איינס	שווארצע פענצטער	3
„ צוויי	כאנקע שקליאר	13
„ דרײַ	א גרוס פונ גאריוּוקע	18
„ פיר	אפ אונדזער ערד	23
„ פינפ	מעל אונ טרערנ	29
„ זעקס	אינ וועג ארײַנ	33
„ זיבנ	צוואנציק מינוט	41
„ אכט	אינ אומרו	46
„ נײַנ	מישעס פאַרדראָס	52
„ צענ	אונטער די הויכע טאָפּאָלנ	59

צווייטער טייל

„ עלפ	די לעצטע נאכט פונ מאיאָר פאָנ־פאָגעלשטײַער	67
„ צוועלפ	א לופט־דעסאנט	76
„ דרײַצנ	מיט די אייגענע אויגנ	79
„ פערצנ	טײַערע מאטאָנעס	89
„ פופצנ	דער וואלד ברענט	95
„ זעכצנ	אָטריאַד „טאראס שעווטשענקאָ"	107
„ זיבעצנ	אינ כוטאָר־שטיבל	111
„ אכצנ	א נאכט אינ שפיטאָל	124
„ נײַנצנ	אונ קינדער... אונ ווײַבער... אונ זקיינים	130

А. КАГАН

НА НАШЕЙ ЗЕМЛЕ

Роман

Редактор Й. Ойслендер Обложка худ. А. Гефтера

Л 53007. Подписано к печати 28/VI-44 г. 8 1/2 печ. л. 8 3/4 уч.-изд. л. Тираж 5000 экз. Заказ № 170.

Типография Госэнергоиздата, Москва, Шлюзовая наб., 10.

ערשטער טייל

קאפיטל אײנס

שווארצע פענצטער

קיִעוו האָט זיכ אופגעכאפט אינ א ווילדנ געברומ פונ באָמבעס־אופרײַסנ. אײַנגעוויקלט אינ פארטאָגיקנ זיסנ שלאָפ, האָבנ די אײַנוווינער פארנומענ דעמ שרעקלעכנ געברומ ניט אפ אנ עמעס, זיכ אויסגעקערעוועט אפ דער צווייטער זײַט אונ ווײַטער געדרימלט, זעענדיק אינ כאָלעמ זונטיקדיקע פרײלעכע כאלוימעס. די גאסנ, די פארקנ אונ סעדער פונ קיִעוו האָבנ, ווי שטענדיק, אויכ אינ יענעמ פרימאָרגנ אונטערגעשטעלט זייער אשירעס קעגנ דער אופגייענדיקער ליכט.

ווי שטענדיק אינ א זונטיקדיקנ טאָג, האָבנ די קיִעווער זיכ געלאָזט פונ גאנצפרי צומ דניעפער פארכאפנ אפנ גאָלדענעמ פליאזש א גוט ערטל. אלע שיפלעכ זײַנענ געווענ איבערגעפולט מיט יוגנט, וואָס האָט מיט אומפעטדיקע לידער פארהילכט דאָס פליעסקענ פונ די דריבנע כוואליעכלעכ.

פונ די ארומיקע דערפער לענגויס דעמ דניעפער האָבנ זיכ געצויגנ קאָלווירטישע פורנ מיט אויבס, מיט גרינוואַרג. זיי האָבנ געפירט דער שטאָט די רײַכקײַט אונ די זעט פונ די געבענטשטע פעלדער. פויערישע יינגלעכ, באָרוועסע מיט פארברענטע פיס, זײַנענ נאָכגעלאָפנ נאָכ די פולע פורנ אונ געשריגנ אפ די פערד, פארוואָס זיי שלעפנ זיכ אזוי פאמעלעכ, גלײַכ די יינגלעכ האָבנ געוואָלט אײַנטײַנענ מיט די פערד, אז אינ שטאָט וואַרטנ מיט אומגעדולד באלעבאָסטעס מיט קאָשעקעס אונ זעקלעכ. די שטאָלצע אָנגעכמורעטע סאָסנעס האָבנ אָקאָרשט אופגעהויבנ פונ דער נאכט די קרוינענ זייערע צומ העל־בלויענ הימל. זיי האָבנ ערשט פונ זיכ אראָפגעווישט דעמ טוי אונ גענומענ אויסגלײַכנ די גלידער. א פונ לאנג אופגעוואכטער פויגל איז געפלויגנ נאָכ עסנ פאר זײַנע ברעקלעכ, וואָס האָבנ אינ א ווײַטער נעסט, דאָרט, באמ ראנד פונ וואלד, געוואַרט מיט א פארשטיקט פישטשערײַ.

אינ יענעמ מאָרגנ האָט דער פרי־אופגעוואכטער פויגל זיכ געלאָזט מיט א געזאנג, אז דער טאָג וועט זײַנ א קרישטאָל־ריינער, א דורכגענומענער מיט זונ אונ מיט גליענדיקער לויטערקײַט. דער פויגל האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבער די קעפ פונ די פויערישע יינגלעכ, באגלייטנדיק זיי מיט שירע.

א פויעריש יינגעלע האָט אופגעהויבנ א שטיינדל באמ וועג אונ א שלײַדער געטאָנ אינ פויגל.

— וואָס טוסטו? — האָט אים אויסגעשטראָפט א צווייטער, — אז מע שלאָגט פויגלען, קומט אנ אומגליק אפ מענטשנ.

— ביים דיר אפ די צונג, — האָט דער ערשטער א ציטער געטאָנ, אופגעהויבנ נאָכ א שטיינדל אונ, שוינ ווי אפ צו פארענטפערנ זיכ אליינ, ארײַנגעוואָרפנ עס אינ דניעפער. דער טײַכ האָט דאָס שטיינדל אײַנגעשלונגענ מיט א כליופ אונ מיט א ווארג.

— אָט הערסטו! — האָט דער צווייטער אָנגעשטעלט דעם אויער צום טײַכ.

— וואָס הערסטו? — האָט צערייצט, אָבער מיט אנ אינטערעס, זיכ נאָכגעפרעגט דער ערשטער. — סע כליופטשעט! שטענדיק כליופעט, אז מע ווארפט שטיינדלעכ.

— נײנ, מע טאָר ניט משעפענ קיינ פויגלענ, זיי זײַנענ פרײַ אונ בויענ נעסטנ, — טײַנעט דער צווייטער מיט א פילדרײַטנדיקנ שאָקלענ דעם קאָפ אונ מיט א טאָנ פונ א ווייסער.

מוטערס, ניאנקעס האָבנ ארויסגעפירט קינדער אפנ שפאציר אינ די גערטנער, אינ די סעדער אונ אינ די פארקנ. אנשטאלטנ, מאגאזינענ, קלייטנ, קראָמענ האָבנ געעפנט די טירנ, ארײַנגעלאָזט באזוכער. פאָטערס, מוטערס, ווײַבער, קאלעס, שוועסטער האָבנ נאָכ ניט געוווּסט, אז זייערע זינ, מענער, כאסאנימ אונ ברידער האָבנ אפ זיכ גענומענ דעם ערשטנ שווערנ קלאפ פונעם סוינע, ניט געוווּסט, אז אינ דער גאַנצער לענג פונ דער גרענעצ — פונ צאָפנ ביז דאָרעמ — האָט דער אומווירדיקער דײַטש א גאָס געטאָנ זײַנ צעגליטנ מעטאל איבער די בליענדיקע פעלדער אונ ליכטנדיקע שטעט פונעמ גרעסטנ לאנד.

א מוטער איז גאנצפרי געגאנגענ אפ דער פאָסט אוועקשיקנ א בריוו צו איר איינציקנ זונ, וועלכער האָט געדינט אפ דער סאמע גרענעצ. מיט א גליקלעכנ שמייכל האָט זי געקויפט די מארקעס אינ פאָסטפענצטערל, זיי פאמעלעכ צוגעקלעפט צום קאָנווערט, מיט א ציטערדיקנ קסאוו אָנגעשריבנ דעמ אדרעס אונ אוועקגעשיקט.

זי האָט ניט געקאָנט וויסנ, אז אינ דער זעלביקער מינוט איז איר זונ געלעגנ צונויפגעוואקסנ מיטנ אווטאָמאט אונ מיט אלע קרעפטנ פונ זײַנ יונג לעבנ האָט ער פארטיידיקט דאָס שטיקל ערד, וואָס איז אים אָנפארטרויט געוואָרנ. אינ דער זעלבער רעגע, ווענ די מוטער האָט אויסגעצויגנ איר אָרעדיקע, פארהאָרעוועטע האנט נאָכ דער בריוו-קוויטאנציע, איז איר זונ געפאלנ מיט אנ אויסגעשטרעקטער האנט צום שטיקל ערד, וואָס ער האָט באגאָסנ מיט זײַנ בלוט.

א פאָטער, וועלכער האָט פאר זײַנע באשיידענע מיטלענ אוועקגעשיקט דאָס מיידעלע זײַנס אפ היילונג אינ ווארעמענ קרימ, האָט זיכ דערמאָנט, אז הײַנט איז דעמ קינדס געבורטס-טאָג. אָנגעשריבנ א פרייילעכנ באגריסונג דעמ טעכטערל, האָט ער זי מיט א פול הארצ געשיקט טעלעגראפיש. אינ דער זעלביקער צײַט איז דאָס קינד מיט פיל אנדערע קינדער, ווי זי, געווענ אפנ פליאזש אונ געוואָרעמט די גלידער אונטער די היילבארע שטראלנ פונ דער קרימער זונ, גרויסע שווארצע פליגל מיט א האקנקרייצ האָבנ אפ עטלעכע רעגעס געוואָלט פארשטעלנ די זונ, אונ דאָס קינד איז, ווי פיל אנדערע אומשולדיקע קינדער, געבליבנ ליגנ מיט פארגלייזטע אויגנ.

באם דאָקטער אָסיפ קראמער אינ שטוב איז מענ נאָכ געשלאָפנ, ווענ איבער דער שטאָט האָבנ זיכ דורכגעטראָגנ די דײַטשישע אעראָפלאנענ.

אָסיפ קראמער איז נעכטנ געקומענ אהיים שפעט אינ אָוונט. ער האָט דורכגעקוקט די אָנגעקומענע בריוו אונ צײַטונגענ פאר דער גאנצער וואָכ, אונ ערשט נאָכ האלבער נאכט האָט ער אויסגעשלאָסנ די שײַנ. די פרוי זײַנע איז נעכטנ דעם גאנצנ אָוונט געווענ פרײַ, איז זי צוזאמענ מיטנ פערצניאָריקנ טעכטערל דינע אוועק אינ דראמע. אומגעקערט זיכ אנ אופגעלעבטע, האָט זי, טרינקענדיק טיי, לאנג זיכ געשפארט מיט דער טאָכטער וועגנ דעם הויפט-העלד פונ דער פיעסע, אונ זיכ געלייגט שלאָפנ, ניט דערווארטנדיק זיכ אפנ מאנ. די טאָכטער האָט געזאָגט:

— מאמע, האָסט פארגעסנ, מאָרגנ איז זונטיק, דער פאפא קומט שאבעס געוויינלעכ פרײַער.

די מוטער האָט א מאכ געטאָנ מיט דער האנט:

— דו האָסט פארגעסנ, שאבעס קומט דער פאפא שפעטער, איידער אינ אנדערע אָוונטנ.

— אונ איכ וועל אפ אימווארטנ, — האָט דאָס מיידעלע מיט אקשאָנעס געזאָגט, — אפילע ביז טאָג ווארטנ.

זי האָט זיכ דערווארט אפנ פאָטער, אונ זי איז אויכ אײַנגעשלאָפנ שפעט.

די אײנציקע אינ קראמערס שטוב, וועמ עס האָט אינ יענעמ פרימאָרגנ זיכ אופגעכאפט פרי, איז געווענ די שטוב-ארבעטערנ, די גאָלדהאָריקע כריסטיא. זי האָט פארטאָג דײַטלעכ דערהערט דאָס בוכקענ אונ די אופרײַסנ, אָבער ס'איז איר ניט אײַנגעפאלנ, אז דאָס איז דער שווארצער אָנהייב פונ מילכאָמע.

אָנגעשפארט זיכ מיט די עלנבויגנס אפנ געלעגער, האָט כריסטיא קוים אופגעריסנ די אויגנ אונ געמיינט צוערשט, אז מע קלאפט אינ טיר. נײַנ, ס'איז ניט אינ טיר, האָט זי זיכ אָנגעשטויסנ, אונ ווענ ס'האָט מיט א גרעסערער קראפט אופגעטרייסלט די לופט, האָט זי אראָפגעשטעלט די באָרוועסע פיס אפנ דיל אונ אינ אײנעמ העמד געגאנגענ וועקנ די באלעבאָסטע:

— עספיר מיכײַלאָוונא! — האָט זי מיט א שעפטשענדיקנ קאָל גערופנ.

עספיר מיכײַלאָוונע האָט ניט געהערט.

פארלייגט די הענט צו די נאקעטע אקסל — ס'איז יענעמ פרימאָרגנ איר קיל געוואָרנ, — האָט כריסטיא מיט האלב-אָפענע אויגנ געכאפט א קוק דורכ די פענצטער צומ הימל אונ דערזענ אנ אעראָפלאנ. זי האָט ווידער, איצט שוינ שטארקער, געוועקט די באלעבאטים.

דינע האָט זיכ אופגעכאפט.

דערזענ כריסטיענ שטיינ אינ אײנ העמד, האָט זי זיכ פארוונדערט:

— וואָס איז געשענ?

כריסטיא שטעקט אויס די האנט צומ פענצטער:

— כאפ א קוק...
— וואָס איז?
— בלינדע, זעסט ניט: סע פליט!
— ווער פליט?.. שטילער, ווערסט אופוועקנ די מאמע. — אונ דינע וויל זיכ איבערדעקנ מיט דער קאָלדרע אונ אויסקערעווענ זיכ מיטנ פאָנעמ צו דער וואנט.
— הערסט ניט, ווי סע שיסט? — בארויקט זיכ ניט כריסטיא.
— ס'האָט זיכ דיר געכאָלעמט.
אונ ווייל ס'איז אינ די דאָזיקע עטלעכע מינוט שטילער געוואָרנ, איז כריסטיא אָפגעשטאנענ נאָכ א ביסל אונ אוועק צוריק צו איר געלעגער אינ קיכ אריינ. ווי נאָר זי האָט זיכ אוועקגעלייגט, האָט ווידער זיכ דערהערט א גרילצנדיקער אופרייס, וואָס האָט געמאכט אופטרייסלענ אלע ארומיקע גאסנ.
— ערדציטערניש! — האָט איצט כריסטיא אלעמענ אופגעוועקט מיט איר אויסגעשריי. — מע שלאָפט, ווי דערהארגעטע!
דער מאנ, דאָס ווייב אונ די טאָכטער האָבנ זיכ געלאָזט צו די פענצטער, לאנג געקוקט צומ האָריזאָנט.
פונעמ הויכנ שטאָק האָט דער בלאָוולעכ־פארטאָגיקער הימל אויסגעזענ, ווי שטענדיק, ווייט אינ זיינ הערלעכער הייכ. ווו־ניט־ווו אינ אייניקע ערטער האָט זיכ געדאכט, אז ער הענגט נידעריק איבער די פילגאָרנדיקע געביידעס אונ וויל זיי צודעקנ מיט זיינע לייכטע וואָלקנדלעכ. אזוי האָט אויסגעזענ אינ יענעמ פארטאָג אינ די קראמערס אויגנ די הימל־הייכ, וואָס איז צעבויטעט געוואָרנ פונ די דייטשישע עראָפלאנענ.
מ'האָט באשלאָסנ, אז דאָס איז ניט קיינ ערדציטערניש, נאָר טאָקע א שיסערייַ, מעגלעכ א באָמבירונג מיט לערנ־צילנ. מע גרייט זיכ, מע דערמאָנט אונדז, אז מיר לעבנ אינ אנ עפאָכע פונ מילכאָמעס אונ רעוואָליוציעס, האָט א קלער געטאָנ אָסיפ, צוריק אראָפגעוואָרפנ די פיזשאמע פונ די אקסל אונ מיט האנאָע זיכ אוועקגעלייגט אפנ בעט.
ביזנ אופשטיינ האָט מענ שוינ אומרויִק געדרעמלט, אופכאפנדיק זיכ יעדע ווייַלע.
אינדערפרי האָט מענ, ווי געוויינלעכ זונטיק, געטרונקענ פריש־אופגעקאָכטע קאווע מיט געשמאקע זעמעלעכ. פאר דער קאווע האָט דער עטלעכע אונ פערציקיאָריקער דאָקטער געמאכט גימנאסטיק מיט זיינ עקספאנדער. קראמער האָט זיכ אויסגעארבעט זיינ אייגענע סיסטעמ פונ בויכ־גימנאסטיק.
אינ די פרייע מינוטנ האָט אָסיפ קראמער ליב געהאט עקזאמענירנ די טאָכטער אפ געשיכטע אונ געאָגראפיע. ער האָט געהאט א באזונדער פארגעניגנ צו דיסקוסירנ מיט דער רייפווערנדיקער אונ אונטערוואקסנדיקער טאָכטער. ער פלעגט אומיסטנ, כיטרע אונטערווינקענדיק צו דער פרוי, זי זאָל איידעס זיינ, אָנהייבנ פונ א פאלשער האנאָכע, קעדיי ארויסרופנ בא דער טאָכטער דערווידערונגענ. דערנאָכ שטיל בלייבנ אונ מיט צופרידנקייט זיכ איינהערנ אינ דינעס געדעכטע טיינעס...
די אויגנ אונטער די פענסנע האָבנ דערביי זיכ געזשמורעט אונ גע־

גלאַנצט מיט אַ פּערל פֿון פֿאַרגעניגן, ביז עספיר מיכײלאָװנע פּלעגט זיך צעשמייכלען, איבערשלאָגן די טאָכטער און זי באַרויִקן.

— דו ביסט גערעכט, דער פּאַפּאַ איז מאַסקים.

— ניין, איך בין ניט מאַסקים, — פּלעגט דעם טאַטערס פּענסנע בליצן מיט כּויזעק. — בעשומויפֿן ניט.

— דער פּאַפּאַ זאָגט אומיסטן, — באַרויִקט זי דינען.

דינע טוט ערנסט אַ קוק אויף טאַטער, בלאָזט זיך אָן, און קינדערש־אויפֿגערייצט הייבט זי זיך אויף פֿונעם טיש און לאָזט זיך אַוועקגיין אין קאַבינעט. דער מוטער פֿאַרדריסט דאָס, טוט זי אַ ווינק צום טאַטער; ער גייט גלייך נאָך דעם טעכטערל און בעט זי איבער מיט אַ שמייכל:

— נאַרעלע, דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר פֿאַרגעניגן.

אַלע צעלאַכן זיך און דערמיט ווערט פֿאַרענדיקט די היימישע דיסקוסיע.

...אויך אין דעם זונטיק האָט געזאָלט זיך צעפֿלאַקערן אַ שטרייט צווישן דעם טאַטער און דער טאָכטער און דאָס מאָל וועגן נעכטיקן ספּעקטאַקל, וואָס עספיר מיכײלאָוונע און דינע האָבן געקוקט, אָבער דער שטרייט איז גלייך איבערגעהאַקט געוואָרן, ווייל פֿונעם היילאַנשטאַלט האָט מען דורכן טעלעפֿאָן אָנגעקלונגען און געבעטן אָסיפֿ לװאָװיטשן גלייך קומען. ס'איז אַ געוויינלעכע זאַך, וואָס מע רופֿט אַרויס זונטיק דעם דירעקטאָר. דאָס מאָל האָט אָנגעקלונגען דאָקטער גאָלדשטיין, דער דעזשורנע איבערן היילאַנשטאַלט. קראַמער האָט דערפֿילט אין גאָלדשטיינס שטים אומרו און אַפֿילע שרעק. וואָס איז געשען האָט ער דורכן טעלעפֿאָן ניט געוואָלט זאָגן.

— וואָס, אַ קאַטאַסטראָפֿע?

— די גרעסטע, — האָט געענטפֿערט דאָקטער גאָלדשטיין.

— באַרויִק זיך, אָסקאַר זאַכאַראָװיטש, וואָס רעדסטו? — האָט קראַמער ענערגיש אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל.

— די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿע. די מאַשין שטייט שוין געווים לעם דײַן הויז, — און גאָלדשטיין האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, געבנדיק צו פֿאַרשטיין דעם דירעקטאָר, אַז מער קאָן ער דורכן טעלעפֿאָן ניט ריידן.

אָסיפֿ קראַמער האָט אַפֿילו זיך איבערגעטאָן. עספיר מיכײלאָוונע, דינע און די שטוב־אַרבעטערן האָבן געזען, ווי אָסיפֿס האַנט טרעפֿט ניט אין אַרבל פֿונעם זומער־מאַנטל און ווי די אויגן פֿינטלען בײַ אים צו אָפֿט. מיט די ווערטער „איך הייב גאָר ניט אָן צו פֿאַרשטיין“ האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּ און בײַ דער דרויסנדיקער טיר געטראָפֿן שטיין דעם גלאַנציקן אויטאָ. דער שאָפֿער האָט שנעל אויפֿגעעפֿנט דאָס טירל, אָסיפֿ האָט נערוועז זיך אַרײַנגעזעצט, און די מאַשין האָט שטיל אַ שווים געטאָן איבער די לויטערע קיִעווער גאַסן.

און ביז די שטוביקע האָבן זיך דערוואַרט אויף אָסיפֿס קלונג — אַפֿאָנעם שטאַרק פֿאַרנומענע געווען, — האָט מען דערווײַל אײַנגעשלאָסן דעם אויפֿנעמער און זיך דערוווּסט און פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַן „ערדציטערניש“ קיִעוו האָט הײַנט פֿאַרטאָג איבערגעטראָגן. דינען האָט

זיכ געדאכט, אז זי זעט נאָכ דעם רויכ אָט דאָרטנ, אינ צאָפנ־זײַט באם האָריזאָנט. עפעס פלאקערט, דאכט זיכ, נאָכ איצט, אָבער בא דער זונ־שײַנ זעט מענ ניט קײנ פלאם.

— יאָ, יאָ, — האָט די וווּקסיקע אײדלגופיקע דינע זיכ געצויגנ איבער דעם פענצטער, זיכ אײַנגעקוקט אינ האָריזאָנט, זוכנדיק די שפורנ פונעם סוינעם אָנפאל. מיט גרויס מי האָט די מוטער זי אָפגעריסנ פונעם פענצטער־ברעטל.

דינע איז אראָפ פונעם פענצטער און מיט באדויערונג געזאָגט:

— ווי מײנסטו, מאמע, די עפענונג פונעם סטאדיאָנ וועט שוינ הײַנט ניט פאָרקומענ? קײנ פוטבאָל־מאטש וועט הײַנט ניט זײַנ, ווי מײנסטו?

די מוטער האָט א גלעט געטאָנ די טאָכטער איבער די האָר:

— א סאכ מער וויכטיקערע זאכנ וועלנ איצט אָפגעלײגט ווערנ... פוטבאָל...

אפנ געדאנק איז איר גלײַכ אויפגעקומענ דער זונ. וואָס וועט זײַנ איצט מיטנ זונ, מיט מישענ? שטילע טרערנ האָבנ גענומענ זי ווארגנ. איר קײַלעכיק פאָנעם, וואָס האָט ערטערווײַז פארהיט די פרישקײַט און שפורנ פונ יונגטלעכער פארב, איז בא דער דאָזיקער פערציקיאָריקער מוטער אינ די ערשטע שאָענ פונ מילכאָמע טינקעלער געוואָרנ. ווי א פרוי, ווי א מוטער האָט זי דערפילט מיט איר גאנצנ וועזנ, אז דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט הײַנט אויסגעבראָכנ איבער דער וועלט, וועט זי ניט פארבײַגײנ. און גלײַכ פונ די ערשטע בלוטיקע שאָענ אינ דעם וויסטנ פרימאָרגנ האָט איר מוטערס הארצ גענומענ נאָגנ, צאפלענ און ברענענ פונ צאאר.

„בא אזויפיל מאמעס, — האָט עסטער קראמער א טראכט געטאָנ, — האָבנ די הערצער הײַנט אויפגעציטערט, און איכ בינ ניט אײנע".

נאָר וויפל זי האָט זיכ אלײנ ניט געשטארקט, האָט דער אומרו ווי א כוואליע זי באהערשט.

זי איז ארײַנ אינ קינדער־צימער, צוגעגאנגענ צו דעם ווינקל, וווּ ס'איז געשטאנענ מישעס בעט. ס'איז געווענ פארדעקט מיטנ זעלביקנ בלוילעכנ דעקל, וואָס איז געלעגנ, בײם דער זונ פלעגט נאָכ שלאָפנ אינ דעם. זי האָט ניט געוואָלט איבערבײַטנ דאָס דעקל, ווײַל זי האָט געוווּסט, מישע האָט עס ליב געהאט. און אָט קוקט ארויס דאָס קלײנע קישעלע, וואָס דער זונ האָט ליב געהאט אונטערלײגנ, סע זאָל זײַנ העכער דער צוקאָפנס. אָט זעט זי אים, ווי ער שפארט אונטער מיט דער האנט דעם געקרײַזלטנ קאָפ און פארטיפט זיכ אינ א ביכל. וויפל זי האָט מיט אים געהאט צו טאָנ, אז ליגנדיק איז ניט געזונט צו לײענענ. מישע פלעגט מאכנ א כײנדל דער מאמענ: אָט־אָט גלײַכ ענדיקט ער דאָס קאפיטל און לײגט אינגאנצנ אוועק דעם בוכ... און אז די מאמע פלעגט ארויסגײנ, האָט דער יונג ווײַטער געלײענט...

עספיר מיכײַלאָוונע דערזעט איבערנ בעט א באקאנטע פאָטאָגראפיע. ס'איז דעם זונס באליבטער העלד — מישע ראטמאנסקי. ער קוקט אויכ אזוי שטאָלצ און שטרענג, ווי איר מישע. זי דערמאָנט זיכ:

איינמאָל האָט מישע האַלב-ערנסט, האַלב אינ א שפּאַס א פרעג געטאָנ בא איר: „נאָכ וועמענ הייס איכ?“ — „נאָכ מײַנ פאָטער“, — האָט אימ עספּיר מיכײַלאָוונע געענטפערט. מישע האָט זיכ א קנײטש געטאָנ: „אונ איכ האָב געמיינט נאָכ ראָטמאַנסקינ“. זי האָט עס אָנגענומענ ווי א קינדער-שפּאַס, אָבער וואָס ווײַטער האָט מישע אַלץ מער אָנגעהויבנ ריידנ וועגנ ראָטמאַנסקינ. איינמאָל איז ער אַפילע אָפּ עטלעכע טעג אַוועקגעפאָרנ אינ אַנ עקסקורסיע קיינ טריפּאָליע, ווו ראָטמאַנסקי מיט זײַנע כאַווײרימ זײַנענ אומגעקומענ פונ זעליאָנימ באַנדיטנ. ס'איז געווענ איר ערשטע צעשיידונג מיט מישענ, האָט זיכ עס פאַרגעדענקט. אינגיכנ איז געקומענ א צווייטע צעשיידונג מיטנ זונ — דאָס מאָל שוינ ניט אויפ טעג, נאָר אויפ יאָרנ. דאָס איז געווענ, ווענ מישע איז אַוועקגעפאָרנ אינ דער אַוויאַ-שול.

זי דערמאָנט זיכ, ווי ס'איז פאָרגעקומענ דעמ זונס אַוועקפאָרנ, וויפל היציקע רייד, וויפל שפּאַרעניש אונ קריגערײַענ מע האָט דעמאָלט געקענט הערנ דאָ אינ שטוב; ווענ מישע האָט צומ ערשטנ מאָל געמאָלדנ, אַז ער וויל זײַנ א פליִער, האָט דער פאָטער פונ איבעראַשטקײַט א היפּשע ווײַלע ניט געקענט קומענ צו-זיכ, שפּעטער האָט ער מיט פאַרשיידענע רײַעס גענומענ דערווײַזנ, אַז מישע באַנעמט ניט, וואָס ער טוט, שוינ זשע ווייסט ער ניט, אַז ער באַזיצט ניט די קאַלטקײַט אונ געצוימטקײַט, וואָס זײַנענ נייטיק פאַר א פליִער? אַזעלכע נאַטורנ, ווי ער — מישע, דאַרפנ זיכ זוכנ אַנ אַנדער, גאָר אַנ אַנדער באַרופ. זאָל ער פריִער גוט-גוט א טראַכט טאָנ, וואָס וויל ער זײַנ לויט זײַנ באַרופ.

— א פליִער! — האָט אינ איינ אָטעמ דרייסט ווי אויסגעשאָסנ מישע. טאַטע-מאַמע זײַנענ געבליבנ געפּלעפט.

— א פליִער? טאַקע מאַמעש א פּילאָט? — האָט נאָכ, ניט גלייבנדיק, איבערגעפרעגט דער פאָטער.

— יאָ, — איז מישע געווענ פעסט.

— א פּילאָט? — האָט אָסיפּ איבערגעכאַזערט. — איכ בינ ניט מאַסקימ.

דערפילט די אָנגעשטרענגטע אונ אָנגעגליטע שטימונג, האָט מישע זיכ אויפגעהויבנ, האַסטיק געעפנט די טיר אונ אַרויס.

די עלטערנ האָבנ געמיינט, ער וועט א באַרויִקטער זיכ אומקערנ, וועט מענ פונדאַסנײַ קאָנענ א שמועס טאָנ מיט אימ, עפּשער וועט ער זיכ נאָכ אָפּזאָגנ פונ זײַנ באַשלוס. אָבער מישע איז אינ דעמ אָוונט ניט געקומענ אַהיימ. דעמ צווייטנ פרימאָרגנ — ער איז ניטאָ. באַטאָג — ער איז ניטאָ. דער פאָטער קלינגט פונ שפּיטאָל, די מוטער פונ שול — מישע איז ניטאָ.

ערשט אינ א צײַט אַרומ האָט מענ זיכ דערוווּסט, ווו מישע איז געווענ יענע צוויי טעג: בא יאַקאָוונ — בא אָסיפּס ברודער. דעמאָלט איז פאָרגעקומענ די קריג צווישנ די ברידער: אָסיפּ האָט געהאַלטנ, אַז יאַקאָוו איז שולדיק דערינ, וואָס מישע איז מיטגעריסנ געוואָרנ פונ אַזא געפערלעכער פּראָפעסיע, ווי פליִערײַ, אונ קאָנ זײַנ, אַז אָסיפּ איז געווענ גערעכט? יאַקאָוו — דער דירעקטאָר פונעמ אַוויאַ-זאַוואָד —

האָט פארשלעפט צו זיך אפנ זאוואָד דאָס יינגל, ווענ ער איז נאָך געווענ אינ 7=טנ קלאס. מישע איז געקומענ פונ דאָרטנ אנ איבעראַשטער, א דערשיטערטער פונ דעם געזעענעם, פונ דעמלט אָנ זיך אָנגעהויבנ אינטערעסירנ מיט קאָנסטרוקציעס פונ אלערליי פלי=מאשינעס. ער האָט אויסגעלערנט אפ אויסווייניק אלע מארקעס פונ אלע וועלטפירמעס. דאָס יינגל פלעגט ריידנ פונ שלאָפ מיט אוויא=טערמינענ, אונ ווי גליקלעך ער איז געווענ, ווענ ער האָט זיך דערשלאָגנ אונ איז געוואָרנ א מיטגליד פונ אוויא=קלוב. ער האָט ניט געגעסנ אונ ניט געטרונקענ — גלײַך פונ שול פלעגט ער לויפנ אינ קלוב ארײַנ.

דאָס אלץ דערמאָנט זיך עספיר מיכײַלאָוונע, שטייענדיק אינ מישעס ווינקל. זי געדענקט אזוי גוט, ווי מישע איז נאָך זײַנ פארשווינדנ ווערנ געקומענ אהיים. בלויז די שטוב=ארבעטערנ, כריסטיא, האָט שווײַגנדיק איר דערלאַנגט עסנ. מישע האָט צו איר געזאָגט:

— דו, כריסטיא, בייזערסט זיך אויך אפ מיר?

— יאָ! — ענטפערט דאָס מיידל.

— פארוואָס?

— נו, דערפאר וואָס אלע בייזערנ זיך אפ דיר. וואָס ביסטו אנטלאָפנ?

מישע צעלאַכט זיך.

— אונ א פילאָט געפעלט דיר?

— געפעלנ געפעלט מיר, א טשאָהאָ טי פאָביג, יאק סקאזשעני?[1]

מישע לאַכט ווידער, אָבער דאָס איז א כאראָטע=געלעכטער. ער ווענדט זיך צום שוועסטערל:

— אונ דו, דינע, ביסט אויך קעגנ אוויאציע?

— ניינ, איך בינ פאר, — ענטפערט זי שטיל.

— וואָס זשע שווײַגסטו? — שפרינגט ער צו צום שוועסטערל אונ הייבט זי אופ אינ דער הייך. — שרײַ זשע, אז דו ווילסט א כאָסנ א פילאָט... — זי רײַסט זיך פונ זײַנע הענט אונ גוואלדעוועט.

— זאָל ער מיך אָפלאָזנ, מאמע! — שרײַט דינע.

סאָפקאָלסאָפ רופט זיך אָנ די מוטער:

— וואָס איז געשענ?

— זי וויל א כאָסנ א פילאָט, מאמע!

עספיר מיכײַלאָוונע האָט זיך צעשמייכלט אונ געענטפערט:

— גענוג פונגרזערטוועגנ, וואָס דער זונ וועט זײַנ א פילאָט!

דינע האָט מיט דער רעכטער האנט אָנגענומענ מישענ באַם קינ, אים אופגעהויבנ דעם קאָפ אונ כיטרע א ווונק געטאָנ אינ דער מוטערס זײַט:

— הערסט?

מישע פינטלט מיט די אויגנ. דאָס שטארקע פּאָנעמ זײַנס ווערט חייך דורכגענומענ מיט א צופרידענעמ שמייכל.

— איך הער, איך הער, — דריקט ער דעמ שוועסטערל די האנט אלט צייכנ, אז זי האָט אימ מיטגעהאָלפנ צעווייענ דעמ נעפל, וואָס איז צווישנ אימ אונ די עלטערנ אָנגעשוואומענ.

[1] — אָבער וואָס ביסטו אנטלאָפנ, ווי א מעשוגענער?

דערנאָכ האָט מענ גענומענ גרייטנ מישענ אינ וועג ארײַנ.

אָסיפ לוואָוויטש איז נאָכ אלצ געווענ צוריקגעהאלטנ. ער האָט אלצ געמיינט, אז דער זונ וועט זיכ באטראכטנ, איבערלייגנ זיכ. נאָר מישע איז אוועק גאנצ ווײַט דערפונ. ער האָט שווײַגנדיק געגרייט זיכ צומ אוועקפאָרנ אינ דער מיליטער-שול אפ אוראל, וווּהינ דער קאָמיוג האָט אימ רעקאָמענדירט. בלויז אייגמאָל האָט ער זיכ דערלויבט א פרעג צו טאָנ באמ פאָטער:

— אז אונדזער לאנד קענ האָבנ א מילכאָמע, גלייבסטו?

— יאָ. — ענטפערט דער פאָטער.

— אונ מעגלעכ אינגיכנ? — זעצט פאָר מישע.

— איכ ווייס ניט, זוניו, צי אינגיכנ, אָבער ס'קענ זײַנ.

— איכ מיינ אויכ אזוי, — אונ בא מישענ פלאמענ די באקנ. נאָכ א פאוזע גיט ער צו פאָרזיכטיק: — דו ווייסט די מענטשהײַט היילנ פונ די פאשיסטישע קרעצ מיט מעדיצינ, אונ איכ... — ער פארענדיקט ניט.

— אונ דו? — פארינטערעסירט זיכ דער פאָטער. ער שטרענגט זיכ אָנ, אונ די פענסנע פאלנ בא אימ אראָפ פונ דער נאָז. — יאָ, יאָ... אונ דו?

— אונ איכ, טײַערער בירורג, וועל היילנ פונ פאשיסטישע קרעצ מיט אנ אנדער מיטל, — אונ נאָכ א רעגע שווײַגנ טוט העל א קלונג זײַנ קאָל: — מיט באָמבעס!

ס'האָט זיכ געדאכט, אז אינ שטוב האָט א הילכ געטאָנ.

אונ ער איז טאקע אוועקגעפאָרנ, אונ שוינ מער האָט עספיר מיכײַלאָוונע אימ ניט געזענ.

פונ יענער צײַט איז אוועק צוויי יאָר.

פונ דער נאטור איז עספיר מיכײַלאָוונע געווענ אנ ענערגישע. א מענטש מיט א שטארקנ ווילנ, אָבער ס'האָט זי איצט אזוי שטארק א בייג געטאָנ, אינ אלע גלידער האָט זיכ צעגאָסנ א שרעקלעכער געפיל, ווי א סאמ, וואָס האָט זי געפײַניקט אונ שווער געמאכט דאָס געמיט. מיטנ באוווסטזײַנ האָט זי זיכ קעגנגעשטעלט דעמ דאָזיקנ גיפט, געוואָלט מיט אלע קויכעס אימ אויסראָטנ, אונ ניט געקאָנט. וואָס ווײַטער האָט זי זיכ דערפילט צעבראָכענער.

פארנאכט איז עספיר מיכײַלאָוונע, ווי אנ אונטערגעזעגנער בוימ, געפאלנ אפנ קושעט אונ לאנג אָפגעלעגנ מיט א שווערנ קאָפ-ווייטעק, ביז מע איז געקומענ זי רופנ אפ דער ערשטער דעזשורסטווע אינ הויפ.

דער ערשטער פארנאכט פונ מילכאָמע האָט מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט זיכ פונ די שטענדיקע יונ-פארנאכטנ אינ דעמ שיינעמ לאנד אוקראינע. די קיעווער אויסגעפלאסטערטע גאסנ אונ טראָטוארנ האָבנ אינ זיכ פארנ טאָג אײַנגעזאפט די מליִענדיקע ליבע ווארעמקײַט. האָט זיכ געגלוסט שפאנענ אונ שפאנענ איבער זיי, ביז זיי וועלנ אײַכ פארפירנ אינ די שאָטנדיקע גערטנער אונ צו דער

זילבערנער סטענגע פונעם דניעפער. די קיעווער קאשטאנ־ביימער האָבן, ווי גרינע שוימרים, געהיט די טראָטוארן, זיי האָבן מיט פאַריסענע קרוינען שטאָלץ געקוקט צום פארנאכטיקן הימל.

ס'איז געווען שטיל. דער פארנאכט האָט זיך צוגעקײַקלט ווי א כמארע און אײַנגעדעקט די אופגערודערטע שטאָט מיט אומרו. קיין טראָפּן שײַן אין די פענצטער. די שטענדיק פריילעכע פענצטער, די פול־אָנגעגאָסענע מיט ליכט, וואָס האָבן אף מײַלנוויײַט גערופן צו זיך די וועלט צו גאסט, זײַנען איצט געווען אויסגעלאָשן, בלינד. א שטאָט מיט שווארצע אויסגעשטאָרבענע פענצטער.

עספיר מיכײַלאָװנע האָט ארומגעשפאנט פון איין עק מויער צום צווייטן אף דעם באצירק, וואָס איר איז אָנפארטרויט געוואָרן. זי האָט אכטונג געגעבן, אז אין ערגעץ זאָל קיין פאסיקל שײַן ניט דורכדרינגען. אָנגעשטרענגט, געטרײַ האָט זי אירע פליכטן אויסגעפילט. פארגעסן אין אירע אייגענע ליידן, האָט זי מיט דער גאנצער נעשאָמע געוואָלט אין די שאָען, ווען זי האָט געטראָגן די וואך, עפּעס אופטאָן אזוינס, וואָס זאָל אלעמען גרינגער און לינדער מאכן. אָבער וואָס קאָן טאָן א מענטש ״אין אזא אויסגעלאָשענעם אָוונט אין א שווארצ־פענצטערדיקער שטאָט? — בלויז היטן די רו אף דעם שטיקל פלאץ, וו ער איז געשטעלט געוואָרן. דאָס איז געווען א טרייסט און א בארוזקונג.

פון א זײַטיקער גאס איז צום הויז צוגעפאָרן א מאשין. עטלעכע מינוט קעסיידער איז פון דאָרט קיינער ניט ארויסגעגאנגען. ס'איז געוואָרן פארדעכטיק. אף דער פראגע „ווער איז דאָרט?“ איז קיין ענטפער ניט געקומען, גלײַך ווי אינווייניק איז קיינער ניט געווען. ס'איז צוגעלאָפן די וואך פון די שכיינעסדיקע הײַזער, אָבער מע האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט דערנעענטערן צו דער מאשין. בא מענטשן איז נאָך ניט געווען די געווינשאפט, ווי אופצופירן זיך אין אזעלכע פאלן. מע האָט געפײַפט, געשריגן, געדראָט און געפאָדערט. די מאשין האָט געשוויגן.

עספיר מיכײַלאָװנע האָט זיך אײַנגעשטעלט און געפרווט עפענען דאָס טירל. ס'האָט זיך ניט געלאָזט. עמעצער האָט געייצעט — מיט שטיינער אויסהאקן די פענצטערלעך.

— באפּט ניט האקן, — האָט עספיר מיכײַלאָװנע געזאָגט, און מיט וויפל ס'האָט איר געסטײַעט קויכעס, האָט זי ווידער געפרווט די הענטלעך פון די טירלעך. ס'גייט ניט. און דאָ איז פינצטער. קיין שוועבעלע אָנצינדן טאָר מען ניט. די סוידעספולע מאשין איז געשטאנען ווי א כײַע, גרייט זיך ווארפן אף עמעצן.

— וואָס טוט איר? — האָט גאָר פון א זײַט זיך דערהערט א שטים. — איר דערקענט מיך ניט, עספיר מיכײַלאָװנע? זי האָט דערקענט איר מאנס שאָפער.

— ווער זשע זיצט אין דער מאשין?

— קיינער ניט. איך בין צוגעפאָרן און בין ארויס אײַך זוכן. מ'האָט מיך פּאָשעט ניט באמערקט.

אָסיפּ קראַמער האָט געשיקט דעם שאָפּער איבערגעבנ זײַנ פרוי, אַז הײַנט וועט ער ניט קומענ נעכטיקנ. מע זאָל קײנ יעסורימ ניט האָבנ. מאָרגנ וועט ער אָנקלינגענ.

די מאַשינ איז צוריק אַוועק אינ דער שוואַרצער פּוסטקײַט פונ דער נאַכט.

קאַפּיטל צוויי

כאַנקע שקליאַר

א גרויסקעפּיקע, מיט אופגעבלאָזענע שוינ פאַרקעמטע שוואַרצע האָר, ליגט די סטודענטקע שקליאַר אָפ איר געלעגער אונ קוקט דורכ דאָס פּעקל צײַטונגענ, וואָס זי האָט ניט באַוויזנ דורכצולײענענ פאַר עפּלעכע טעג. הײַנט איז זונטיק. אינ צוזאַמענגווינונג פונעם סטו־דענטישנ שטעטל איז, ווי שטענדיק אינ דער צײַט, רויק אונ ציכטיק.

כאַנקע האָט זיכ הײַנט ניט געגלוסט אַרויסקריכנ פונעם בעט, כאָטש דער צימער איז שוינ געווענ פול מיט זונ. דורכ די אָפענע פענצטער האָט די זונ גערופנ צו דער פרישקײַט אונ אויסגעוואַשנ־קײַט פונעם דרויסנ. די סטודענטקע האָט געקלערט: די סעסיעס האָבנ זיכ שוינ קימאַט פאַרענדיקט. מע קאָנ זאָגנ, אַז זי איז שוינ אַפנ דריטנ קורס, טאָמער דאַרפ מענ נאָכ אָפּגעבנ צוויי געגנשטאַנדנ — איז דאָס א קלײניקײַט. אָבער דאָכ פילט זי זיכ אונטער צו בימ־לעכ, ווערליק זי איז שטענדיק פלײַסיק.

פונ נעכטנ אָנ קאָנ זיכ כאַנקע ניט באַרויִקנ פונ דעם בריוו, וואָס זי האָט באַקומענ פונ מישע קראַמער. זי האָט אימ געשריבנ, אַז די זומער־קאַניקולנ רעכנט זי פאַרברענגענ אינ גאַריוועקע, איר גע־בורט־שטעטעלע, ניט ווײַט פונ קיִעוו, האָט ער איר געענטפערט מיט א באַרויגעז־טאָנ:

„אַפּאָנעמ, — שרײַבט ער צו איר, — דו ווערסט א באָבעשי, ווײַל מיט וואָס קאָנ אינ איצטיקער צײַט צוציִענ א קלײנ שטעטל? איכ פאַרשטײ, אַז סע ווילט זיכ זענ טאַטע־מאַמע, כאַפּט מענ זיכ אַראָפּ אָפּ צוויי־דרײַ טעג אונ מע לאָזט זיכ צוריק אינ דער גרויסער, אינ דער שײנער וועלט אַרײַנ אָפּ קאַווקאַז, אָפּ דער וואָלגע. אונ עפּשער וואָלסטו נאָר אויסגעוואַרט אָפּ מיר. מעגלעכ, אַז צו יענער צײַט, ווענ בא דיר וועלנ זיכ ענדיקנ די סעסיעס, וועל איכ אויכ באַקומענ אורלויב אונ קומענ קײנ קיִעוו, אונ דעמלט...“

כאַנקע פאַרמאַכט די אויגנ אונ שטעלט זיכ פאָר, וואָס וואָלט פּאָרקומענ „דעמלט“. ס׳וואָלט שוינ גראַדע געווענ דער רעכטער „דעמלט“. עמעס, דאָ אינ קיִעוו וווינענ מישעס עלטערנ, אָבער זי וואָלט אימ אויכ אַזוי געזאָגט: „כאַפּט מענ זיכ אַראָפּ צו די על־טערנ אָפּ צוויי־דרײַ טעג“ אונ די איבעריקע צײַט פאַרברענגט מענ ערגעצ צוזאַמענ אינ דער גרויסער, אינ דער שײנער וועלט...

שוינ צוויי יאָר איז, ווי זיי האָבנ זיכ ניט געזענ. צוויי יאָר איז אוועק פונ יענער צײַט, ווענ זיי האָבנ זיכ באַגעגנט אינ שטעטל גאַריווקע, וווהינ מישע פלעגט זומער=צײַט קומענ צו זײַנ זיידנ. ווי גיכ עס פלעגט דאָרטנ דורכפליִענ דער זומער! דאָס שטעטל איז געגאַנגענ כאָדעראָם, אַז אינ דער קלייניקער קאָמיוג=אָרגאַניזאַציע איז אַפ עטלעכע זומער=וואָכנ צוגעקומענ אַזאַ לעבעדיקער יונג ווי מישע. ניינ, ניט געווענ דאָרטנ נאָכ אַזאַ איינער ווי מישע!.. פונ דעמ געדאַנק ווערט איר נאָכ איצטער לויטערער אינ מויעכ. סע פאַרדריסט זי אָבער, וואָס ער האָט א טעווע שרײַבנ צו איר מיט אַזאַ טאָג, גלײַכ ער באַפעלט. ווער האָט אימ אײַנגערעדט, אַז ער איז ענלעכ אַפ מישע ראַטמאַנסקי און אַז ער איז באַשאַפנ געוואָרנ אַפ גרויסע טאַטנ? אַלנפאַלס, צו איר, צו כאַנקענ, מעג ער שרײַבנ א ביסל געלאַסענער, ניט מיט אַזאַ היץ. „גאַריווקע איז פאַר די זיידעס און די באָבעס“. אַז סע ציט זי פאַרט אינ איר היימ=שטעטל. ניינ, זי וועט טאַקע ניט פאָרנ קיינ גאַריווקע, אָבער מישענ וועט זי אויכ ניט פאָלגנ. ער רעקאָמענדירט אַפ קאַווקאַז, צי אַפ דער וואָלגע, און זי האָט זיכ באַקלערט, זי וועט גאָר ווערנ אַנ אַלפּיניסטקע און צוזאַמענ מיט יורי קאַשאַרנ, דעמ שאָכנ אירנ, וועט זי הײַנטיקס יאָר פאָרנ קיינ מיטלאַזיע... און עפשער אַפ אַלטײַ.

כאַנקע וואַרפט אַראָפ פונ זיכ די לײַכטע קאָלדרע, וואָס פאַלט אַראָפ אַפנ דיל. זי בלײַבט שטיינ אינ איינעמ העמד, נעמט אַפ זיכ אַרופ דעמ קאַפּאָט און באַשליסט זיכ זעצנ אָנשרײַבנ א בריוו צו מישענ. זי האָט פעסט באַשלאָסנ, אַז הײַנטיקס יאָר פאָרט זי פאַרברענגענ קיינ מיטלאַזיע. און לאָז ער ניט מיינענ... ער וועט זיכ טאַקע צופיל איבערנעמענ, אויב זי וועט אימ שטענדיק נאָכגעבנ...

אָבער פריִער, איידער זי זעצט זיכ שרײַבנ, וויל זי איבעריידנ מיט איר שאָכנ, מיט יורי קאַשאַרנ, דעמ פאַרברענטנ אַלפּיניסט. זי וויל אימ פרעגנ, עפשער פאָרט ער אויכ קיינ מיטלאַזיע? כאַנקע קלאַפט אָנ עטלעכע מאָל אינ דער וואַנט, קיינער רופט זיכ ניט אָפ. לויפט זי אַרויס אינ קאָרידאָר, קלאַפט אָנ אינ קאַשאַרס טיר. ער איז ניטאָ, ס'איז אינ צוזאַמענוווינונג שטיל, ווי שטענדיק אינ א זונטיקדיקנ טאָג. די סטודענטנ זײַנענ זיכ צעגאַנגענ און צעפאָרנ, ווער אַפנ פּליאַזש, ווער צו באַקענטע אַפ די דאַטשעס, פיל זײַנענ אָנטיילגענומענ פונעמ קאָמיוגישנ קראָס, וואָס סע פירט דורכ דער שטאָטישער קאָמיטעט, — איז מענ אוועק אינ לאָסייעווער וואַלד, ווו דער קראָס ווערט דורכגעפירט, אייניקע זײַנענ אוועק אינ אָפערע אַפ דעמ אינדערפריִענדיקנ ספעקטאַקל, און נאָר זי איינע — כאַנקע — איז פאַרבליבנ. זי איז אָפגעלעגנ ביז האַלבנ טאָג פאַרטיפט אינ אירע פרײַלעכע טרוימענ וועגנ דעמ, ווי צו פאַרברענגענ הײַנטיקנ זומער...

כאַנקע האָט זיכ צוגעזעצט צומ טיש און מיט באַזונדערער שטאַרקײַט און פרייד גענומענ שרײַבנ. זי האָט זיכ אויסגעמאָלט, וויאַזוי מישע רעאַגירט אַפ יעדער פראַזע. א ווינטעלע פונ פאַרגעניגנ פלעגט איבערלויפנ איבער איר טונקלהויטיק פּאָנעמ, ווענ זי האָט דערפילט, אַז די אָנגעשריבענע פראַזע וועט מישענ געפעלנ. אָדער אַז

די אָדער יענע שטעל װעט אים אופרײצנ, און ער װעט גלײַכ װעלנ ענטפערנ מיט זײַנ יונגלשער בײזקײַט. זי האָט זיכ געסטאַרעט פאַרקײַלעכיקנ יעדנ אָס, אַזוי אַז זי האָט אָנגעשריבנ אַ שורע, האָט זיכ איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ניט איר קסאַװ, נאָר עפעס אַ פרעמדס, אַ געענדערטס. שרײַבנדיק, איז כאַנקע עטלעכע מאָל אופגעשטאַנענ פונעמ טיש, צוגעגאַנגענ צומ פענצטער און געקוקט צומ דניעפער, װאָס האָט פונדאַנענ אויסגעזעענ זײער װײַט. די קלײנע שיפנ און די באַרזשעס האָבנ זיכ אויסגעדאַכט, װי גרויסע זשוקעס, װאָס קלעטערנ און גליטשענ זיכ איבערנ דניעפערס אויבערפלאַכ און פאַרקריכנ צומ האָריזאָנט און בלײַבנ ניט. די סעדער מאַכנ פונדאַנענ דעמ אײַנדרוק, װי בײמער־טרעפלעכ, װעלכע לאָזנ זיכ אַראָפ צומ דניעפער. כאַטש נעמ און לאָז זיכ אַ כאַפ איבער זײ גאָר אַראָפ, צו דעמ זוניקנ גלאַנצ פונ דער טײַכ־ברײטקײַט. און דאָס װלאַדימיר־בערגל אינ דער רעכטער זײַט רופט דאָס אויג מיטנ מאָנומענט, װאָס הײבט זיכ אינ דער װײַט אַ ביסל פאַרנעפלט און פאַרגרויט.

ס'האָבנ זיכ דערהערט האַסטיקע טריט, אָנ אַ קלאַפ אינ טיר איז אַרײַנגעלאָפנ דער סטודענט יורי קאַשאַר, אַ קוק געטאָנ אַפ דער װאַנט און אויסגעשריגנ:

— פאַרװאָס איז בא דיר אויסגעשלאָסנ די ראַדיאָ?

ניט פאַרשטאַנענ גאָרניט, האָט כאַנקע אַ פאַרװונדערטע געקוקט אַפ קאַשאַרנ.

— שרײַבסט בריװעלעכ און װײסט פונ גאָרניט.

כאַנקע האָט געשװיגנ.

— ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ מילכאָמע! — האָט שװער אַרויסגעאָטעמט קאַשאַר.

כאַנקע האָט זיכ געלאָזט צו אים מיט ברײט צעעפנטע אויגנ:

— װאָס רעדסטו?

— דאָס, װאָס דו הערסט!

און קאַשאַר האָט זיכ אַװעקגעזעצט אַפ כאַנקעס אָרט.

דאָס מײדל האָט גענומענ דעמ אָנגעהויבענעמ בריװ און אים צעריסנ אַפ קלײנע שטיקלעכ. אָנ װאַרטער איז זי צו צומ פענצטער, אַרויסגעשלײַדערט די שטיקלעכ פאַפיר, װעלכע זײַנענ זיכ צעפלויגנ אינ אַלע זײַטנ. איבעריקע, אויסגעװעפטע מײדלשע טרוימענ...

אינגיכנ איז די צוזאַמענגװוינונג געװאָרנ פול מיט סטודענטנ. זײ האָבנ זיכ אַלע אומגעקערט שװײַגנדיקע, פאַרטראַכטע, פאַרטיפטע אינ די אײגענע געדאַנקענ. יעדערער איז זיכ אַװעק צו זיכ אינ צימער. מ'האָט געקוקט אַפ די טשעמאָדאַנעס, װאָס זײַנענ שוינ לאַנג געשטאַנענ גרײט צו די זומער־קאַניקולנ. אַלצ אינװײניק אינ די טשעמאָדאַנעס האָט זיכ געדאַכט פאַר איבעריק. דאָס, װאָס נעכטנ איז געװענ נאָענט צומ האַרצנ, האָט איצטער אויסגעזעענ פרעמד, דערװײַטערט.

די ערשטע שאָ, זינט מע האָט זיכ דערװוסט װעגנ אָנהײב פונ מילכאָמע, האָבנ די סטודענטנ ניט געקאָנט זיכ געפינענ קײנ אָרט. און דערשלאָגענע פונ דער שװערער ידיע — אפילע ניט גערעדט װעגנ

דעמ אײנס מיטנ צווײטנ. ערשט באַטאָג האָט מענ פּאַמעלעכנ אָנגעהויבנ אַרײַנקומענ אײנער צומ אַנדערנ און נאָכ שפּעטער איז מענ אַרויס אויפנ גאַס און, גלײַכ ווי מע וואָלט זיכ געווענ צונויפגערעדט, זײַנענ פיל אַוועק אינ די ראַיאָנע מיליטער־קאָמיסאַריאַטנ. כאַנקע האָט דאָרטנ באַגעגנט קאַשאַרנ. זײ האָבנ זיכ איבערגעקוקט.

— און דו, כאַנקע, ווי קומסטו אַהער? — האָט קאַשאַר געפרעגט כאַנקענ האָט עס פאַרדראָסנ, וואָס דער כאַווער רעכנט, אַז זי דאַרפ זיכ גאָר אַהערצו ניט ווײַזנ, האָט זי אַפּ אימ אַ בליצ געטאָנ מיט אירע שוואַרצע אויגנ.

— און אַז איכ קומ, איז וואָס?

— נײנ, פאַרקערט, — וויל קאַשאַר פאַרגלעטנ דעמ שווערנ אײַנדרוק, וואָס ס'האָט געמאַכט אויפנ מײדל זײַנ פרעגנ.

דערפאַר, אַז ס'איז געקומענ קאַשאַרס רײ אַפּ אַרײַנצוגײנ צומ קאָמיסאַר, איז שוינ אויפצולאָכעס כאַנקע אימ פאַרלאָפּנ דעמ וועג. ס'האָט זי באַגעגנט אַ גרויסוואָנציקער, וווּקסיקער מענטש. ער האָט זי געבעטנ זיצנ.

— איכ בינ אַ סטודענטקע פונ מעדיצינישנ אינסטיטוט און בעט מיכ שיקנ אַלס פרײַוויליקע אויפנ פראָנט.

דער קאָמיסאַר האָט זיכ אַוועקגעזעצט אַנטקעגנ כאַנקענ, געקוקט אַפּ איר אָנגעשטרענגט־מילד, זײַנע לאַנגע פינגער קלאַפּנ איבערנ גלאָז פונעמ טיש, זעט אויס, ער באַקלערט, ווי געלונגענער איר צו ענטפערנ.

— איר זײַט ניט די ערשטע הײַנטיקנ טאָג און געווים ניט די לעצטע. איר מוזט געדענקענ: וועג מיר וועלנ אײַכ באַדאַרפנ, וועלנ מיר אײַכ יעדע רעגע קענענ געפינענ. פאַרענדיקט פריער די סעסיעס.

כאַנקע האָט איבערגעשלאָגנ:

— נײנ, ס'איז שווער זיצנ דאָ אינ קיִעוו, אַז דאָרטנ...

דער קאָמיסאַר האָט זיכ צעשמײכלט:

— איכ פאַרשטײ, איכ פאַרשטײ, איר אָבער טוט זיכ דערווײַל אײַער אַרבעט און זיצט רויִק אַפּ אַנ אָרט...

די סטודענטקע איז אַנ אומצופרידענע אַרויס פונעמ קאָמיסאַרס קאַבינעט. קאַשאַר האָט געוואָלט זיכ בא איר דערוויסנ, מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זי איז אַרויסגעגאַנגענ. זי האָט אימ אָפּגעענטפערט, זי האָט אימ געזאָגט, אַז הײַנט־מאָרגנ שיקט מענ זי אַפּ דער ערשטער פײַערליניע. קאַשאַר איז פול מיט האָפענונג אַרײַנ אינ קאַבינעט און אינגיכנ איז ער אַנ אַנטוישטער אַרויס פונ דאָרטנ.

אַנ אויפגערעגטער, האָט ער גענומענ זוכנ כאַנקענ און זי אָנגעיאָגט אַפּ אײנעמ אַ ראָג.

— פאָרסט טאַקע? — האָט קאַשאַר זיכ נאָכגעפרעגט.

— נײנ, נאַרעלע, ער האָט מיר אָפּגעזאָגט.

— מיר אויכ.

— זיצנ מיר דערווײַל בײדע אינ דער הײמ.

אויפנ וועג האָבנ זײ באַגעגנט זײערע כאַווײרימ פונ פאַרשײדענע קורסנ. אינ קאָמיסאַריאַט איז מענ געגאַנגענ האָפערדיק און צוריק זיכ אומגעקערט אומצופרידענע און ווי אָפּגעלאָשענע.

א טאַטע מיט א זונ זײַנענ געגאַנגענ אונ זיכ געשפּאַרט:

— מעגלעכ, — האָט געזאָגט דער זונ, — ווענ דו זאָלסט ניט געווענ מיר שטערנ, וואָלט איכ הײַנט נאָכ געווענ אוועקגעפאָרנ, דו ביסט שוינ אַלט פאַר אַזעלכע זאַכנ...

דער פאָטער האָט אופגעקאָכט:

— מײַנע פינפ אונ פערציק יאָר וועל איכ ניט אָפּגעבנ פאַר דײַנע אכצנ. איכ בינ אַנ אַלטער אַרטילעריסט, אונ דו וועסט זיכ דערשרעקנ באַמ ערשטנ שאָס.

כאַנקע אונ קאַשאַר האָבנ זיכ צוגעהערט צו דעמ דאָזיקנ שמועס.

באַ אײנעמ א ראָג איז געשטאַנענ א ראָד מענטשנ, אונ אַנ עלטערע פרוי מיט רויטע באַקנ, מיט א צײלעמל אַפנ האַלדז האָט, צײלעמענדיק זיכ, דערצײלט מיט פאַרכט:

— האָט איר געדאַרפט זענ, ווי אונדזערע האָבנ אַראָפּגעשאָסנ גאַנצפרי באַמ בריק זײערנ אַנ אַעראָפּלאַנ — איכ האָב אַלײנ געזענ. געגאַנגענ בינ איכ מיט די קענדלעכ מילכ אינ שטאָט אַרײַנ. פּלוצעמ: טראַכ-טראַכ. באָזשע מוי, — קלער איכ מיר, — די ערד עפנט זיכ אונ שלינגט מיכ אײַנ. איכ הייב אופ די אויגנ צומ הימל: פליט א פויגל א שוואַרצער, אַזוי ווי די נאַכט, ער פליט נידעריק אונ גאַנוועט זיכ אונ גלײַכ איבער מיר אונ איבער די ביימער. אונ עפּעס שעלעשעט איבער די ביימער „טשיק-טשיק-טשיק". איכ האָב ערשט נאָכדעמ פאַרשטאַנענ, אַז דאָס האָט ער געשאָסנ, אונ דערנאָכ האָט ער זיכ ווידער אופגעהויבנ אונ איבערנ בריק זיכ לאַנג געדרייט, ביז אונדזערע האָבנ אימ אַראָפּגעקנאַקט. ער איז געבליבנ ליגנ ניט ווײַט פונ מיר. איכ האָב זיכ באַהאַלטנ צווישנ די ביימער, אונ איכ זע פונ אונטער די צעבראָכענע, ברענענדיקע שטיקער קריכט אַרויס אײנער א פאַרשמירטער אונ קוקט זיכ אַרומ מיט ביסטרע אויגנ. די פיס האָבנ זיכ מיר אונטערגעהאַקט. איכ האָב נאָר געמײנט, ער וועט זיכ לאָזנ צו מיר. אינ דער האַנט האַלט ער עפּעס א מינ קורצע ביקס אונ וואַרפט מיט די אויגנ, ווײסט ניט וווּהינ צו גײנ. ווי איז מיר, איכ בינ פאַרפאַלנ, האָב איכ מיר געקלערט, אונ זיכ צוגעטוליעט נענטער צו דער ערד אונ זיכ פאַרשטעלט מיט מײַנע קענדלעכ. אונ איכ דערזע אונדזערע רויטאַרמײער. דרײַ שטיק: „רוקי ווערכ!" שרײַענ זײ צומ דײַטש. ער וויל פונ גאָרניט וויסנ. ער וואַרפט זיכ אַפ דער ערד אונ נעמט שיסנ. איכ בינ פאַרפאַלנ. סע קנאַקט איבער מײַנע קענדלעכ. גוואַלד! — שרײַ איכ — ראַטעוועט! ווענ איכ האָב אופגעעפנט די אויגנ, זײַנענ לעמ מיר געשטאַנענ די דרײַ רויטאַרמײער: „מומעניו, וואָס גוואַלדעוועסטו?! גײ דיר דײַנ וועג!" — אונ צווישנ די דרײַ רויטאַרמײער איז מיט אופגעהויבענע הענט געשטאַנענ יענער, דער דײַטש, — אונ מיט זײַנ לאַנג בייז פּאָנעמ געקוקט אַפ מיר. אײַ, האָבנ זײ אימ שוינ אַרײַנגעפּאַקט! איכ האָב זיכ אויסגעקערעוועט אונ בינ אוועק, וווּהינ די אויגנ האָבנ געטראָגנ. סע קלאַפט מיר נאָכ איצטער דאָס האַרצ! — אַזוי האָט פאַרענדיקט די געשיכטע די עלטערע פרוי מיט די רויטע אַראָפּהענגענדיקע באַקנ.

דער עולמ איז לאַנג זיכ נאָכ ניט פונאַנדערגעגאַנגענ. מע האָט

באטראכט פונ אלע זײטנ די פויערטע, וואָס האָט אַליינ געזעננ, ווי מע האָט אראָפּגעקלאפּט דעמ סוינעס אנ אעראָפּלאנ אונ ווי מע האָט געפּאקט א לעבעדיקנ דײטש.

געקומענ צו זיכ אינ צוזאמענוויגונג, האָט כאנקע פּארמאכט דאָס פּענצטער, אראָפּגעלאָזט די שטאָרנ, פּאַרמאסקירט דאָס פּענצטער אונ אײנגעשלאָסנ די עלעקטרע־שײנ. זי האָט געפּילט, אז עפּעס דארפ זי דעמ טאָג נאָכ אופּטאָנ, נאָר וואָס צו טאָנ האָט זי ניט געוווּסט. דעמלט האָט כאנקע אויסגעלאָשנ די שײנ, צוריק פּארוקט די שטאָרנ, אופּגעעפּנט דאָס פּענצטער — ס'איז געוואָרנ לינדער.

די ערשטע אָוונטנ פונ מילכאָמע אינ קיעוו זײנענ געווענ טונ־קעלע, די פינצטערניש האָט אָפּגעמעקט אלע קאָנטורנ פונ די מויערנ אונ פונ די ביימער.

כאנקע איז געשטאנענ באמ אָפּענעמ פּענצטער אונ געקוקט אינ דער שווארצקײט, וואָס האָט זיכ ווי א כוואליע געגאָסנ פונ יענער זײט גרײזנ אונ אומרויִקנ טײכ אונ פונ יענער זײט וואלד, וואָס האָט זיכ געשפּארט צומ דניעפּער.

קאפּיטל דרײ

א גרוס פונ גאריוקע

אנ אומרויִקע, איז כאנקע די לעצטע עטלעכע טעג געגאנגענ אינ אינסטיטוט, פונ דאָרטנ זיכ אומגעקערט אהיימ, ווידער צוריק אינ אינסטיטוט אונ קיינ אָרט זיכ ניט געקאָנט געפינענ. ס'איז איר אלצ שווערער געוואָרנ אפּנ הארצנ. זי האָט געזענ די נײע סאניטאר־אווּ־טאָמאָבילנ, וועלכע האָבנ זיכ באוויזנ אפּ די קיעווער גאסנ אונ אלצ ערגעצ געאײלט פונעמ וואָקזאל דורכ דער לאנגער לעניג־גאס איבערנ קרעשטשאטיק אונ אראָפּ־אראָפּ צומ פּאָדאָל. זי האָט נאָכגעקוקט די אווטאָמאָבילנ, גלײכ זי האָט דאָרטנ געזוכט אנ אייגענעמ, וואָס איז שוינ אינ די ערשטע טעג פארווונדעט געוואָרנ. זי האָט געזענ, ווי אפּנ העכסטנ מויער האָבנ פונ באגינענ זיכ געפּאָרעט רויטארמייער אונ אהינצו ארופּגעשלעפּט זעניטקעס. זי האָט געקוקט צומ הימל, וואָס האָט אינ יענעמ טאָג געהאט דעמ קאָליר פונ לויטערנ קוואל־וואסער, אונ געזענ ווי סטארטשענדיקע פּיסקעס פונ די זעניטקעס רײסנ זיכ פונ אונטער די ברעזענטנ צומ הימל.

עפּעס טוט זיכ ארומ איר ווּיכטיקס. מענטשנ זוכנ זייער אָרט אינ דער גרויסער געשעעניש — אינ דער מילכאָמע, נאָר זי איינע — צו פרײ איז זי אינ די דאָזיקע ברענענדיקע טעג...

אינ אינסטיטוט האָט נאָכ דערווײל קיינער ניט געזאָגט דאָס שטארקע, נייטיקע וואָרט פאר די סטודענטנ. ס'האָט געהערשט א געוויסע אומבאשטימטקײט. כאנקע האָט געוואָלט גלײכ פונ די ער־שטע טעג דערפילנ, אז זי איז פארנומענ, אז איר לעבנ פילט זיכ

אָנ מיט דעמ אינהאלט, וואָס דארפ בארײַכערנ אינ אזעלכע הארטע, אָנגעשטרענגטע מעסלעסנ. אָט דער אינהאלט איז אָבער נאָכ ניט געווענ פאר איר. זי האָט אימ געזוכט, ליכט, ווי מע זוכט א האָפענונג.

מיט די דאָזיקע געפילנ האָט זי זיכ געלאָזט צו די קראמערס.

אנטקעגנ איר איז ארויסגעלאָפנ דינע אונ א פארסאָפעטע געזאָגט אפגיכ:

— דער זיידע לייב איז געקומענ, איכ גיי זוכנ די מאמע.

כאנקע האָט געטראָפנ דעמ אלטנ לייבנ ליגנ אינ אָסיפס קאבינעט אפ דער טאכטא. ער איז געווענ קויטיק, די באָרד אָפגעסמאליעט, איינ הויז צעריסנ אינ דער קני. אנ אויסגעמאטערטער, א צעפאטלטער, מיט א צעדראפעטער באק, האָט ער אויסגעזענ דערשראָקנ. די אויגנ זײַנענ בא אימ אומגעלאָפנ פונ ווינקל צו ווינקל אונ עפעס ווי געזוכט. אלע ווײַלע פארשטעלט ער זיכ דאָס פאָנעמ מיט די הענט, גלײַכ ער וויל ניט זענ פאר די אויגנ דעמ אומגליק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

אינ קאבינעט איז אויכ געזעסנ אפנ דיל א יידענע מיט דרײַ קליינע קינדער. זי האָט אויסגעזענ ווי צעמישט, צו די קינדער האָט זי גערעדט מיט א בייזער אונ אופגערעגט.

— כאסיע, — ווענדט זיכ כאנקע צו דער יידענע, — איר דערקענט מיכ ניט?

די יידענע קוקט לאנג, באטראכט דאָס מיידל.

— וויי איז מיר, די אויגנ, ניט פאר דיר געדאכט, זײַנענ מיר שוינ קאליע געוואָרנ פונ יענער־נאכט, נאָר, דאכט זיכ, אז דו ביסט אנ אונדזעריקע, א גאריוּוקער... דו ביסט כאנקע פרויִמס, איאָ?

זי האָט זיכ א הייב געטאָנ פונעמ דיל אונ געלאָזט זיכ כאנקענ אנטקעגנ.

— זיצט, זיצט, — האָט כאנקע זי אָנגעכאפט פאר דער האנט, — איר דארפט זיכ אויסרוענ.

— רוענ וועל איכ שוינ אפ יענער־וועלט, מעגסט עס אויסהערנ, כאנקע. דער טאטע מײַנער, איכ ווייס ניט ווהינ איז ער אהינגעקומענ. די שטוב מײַנע איז פארסארפעט געוואָרנ אינ איינ קערעפאיענ, אונ מיכ האָט ארויסגעמאָרדעוועט מיט די קינדער אונ מיט דער מאמענ פונ דער שטוב. מעגסט עס אויסהערנ. ס'איז געווענ באנאכט, האָבנ מיר זיכ געלאָזט מיטנ טראקט. א גאנצע נאכט זײַנענ מיר געגאנגענ אונ ס'האָט געבוכקעט. ס'האָט די ערד געטרייסלט, מאמעש אנ ערדציטערניש. די מאמע מײַנע, די ערד זאָל איר גרינג זײַנ, האָט זיכ שוינ ארויסגעשלאָגנ פונ די קויכעס. זי פאלט אלע רעגע אונ הייבט זיכ צוריק אופ, כעווארפט זי ווי אינ א קאדאָכעס. אזוי האָבנ מיר זיכ געשלעפט ביז אינדערפרי. מיר האָבנ געמיינט, כ'וועט שטילער ווערנ. ערשט סע האָט ווידער גענומענ הוידענ די ערד.

כאנקע האָט איבערגעשלאָגנ.

— נו, גענוג, איר וועט דערנאָכ דערציילנ. לאָמיר פריִער ארומוואשנ די קינדער, לאָמיר זיי אָנהאָדעווענ...

נאָר די ייִדענע האָט נאָכ אַלצ ניט געוואָלט אָפּלאָזנ פֿונ זיכ באַנקענ.

— נײנ, מעגסט הערנ, וואָס איז געוואָרנ מיט מײַנ מאַמענ. די גאַנצע צײַט האָב איכ זי ניט אָפּגעלאָזט פֿונ זיכ, נאָר מיטאַמאָל איז מיר געוואָרנ שוואַרצ אינ די אויגנ, אונ ס'איז אַזוי שטיל געוואָרנ, אָט ווי אינ א גרוב. איכ טו א קוק, מיר זײַנענ טאַקע אינ א גרוב. „קינדער, — פֿרעג איכ, — אַלע לעבנ?“ „נײנ, — ענטפֿערט מײַנ מוטער מיט א דערשטיקט קאָל, — איכ שטאַרב“... לויפֿ איכ צו צו איר, אונ זי שטייט ביז העלפֿט אינ בלוט, אונ די אויגנ פֿאַרמאַכנ זיכ איר. איכ האָב אויפֿגעהויבנ א געשריי: „מאַמע, מאַמע, וואָס איז מיט דיר?“ האָט זי אָפּ איינ רעגעלע, נאָר אָפּ איינ רעגעלע אויפֿגעעפֿנט די אויגנ אונ זאָגט צו מיר: „שוינ“.

לייב האָט א מאַכ געטאָנ צו דער ייִדענע מיט דער האַנט:

— הערט שוינ אויפֿ, איכ בעט אײַכ, איר שיט מיר זאַלצ אָפּ מײַנע ווונדנ.

פֿונ דער ייִדענעס אויפֿגעפֿלאַמטע אויגנ האָט געזעצט א פֿאַכעד. ס'איז אַרײַנגעלאָפֿנ דינע, געקוקט אָפֿנ זיידנ, אָפּ דער ייִדענע, אָפּ אַלעמענ אונ געזאָגט:

— די מאַמע גייט.

דער אַלטער האָט זיכ אונטערגעהויבנ אָפּ דער טאַכטאַ צו באַגעגענענ די שנור.

— ליג, — האָט דינע באַפֿוילנ.

ווענ עספֿיר מיכײַלאָוונע איז געבליבנ שטיינ אָפּ דער שוועל, האָט לייב זיכ צונויפֿגעצויגנ, גלײַכ ער האָט זיכ געשעמט פֿאַר זײַנ איצטיקנ הוילעכ. עספֿיר מיכײַלאָוונע האָט זיכ געלאָזט גלײַכ צו אים אונ געפֿרעגט:

— ווו איז די שוויגער?

באַם אַלטנ האָבנ זיכ די אַקסל געגומענ אונטערהייבנ. ער האָט געוויינט זקיניש־מאַנצבליש, מיט א קליינ קרייעלע באַם אָטעם־איבערכאַפּנ.

— ווער האָט זיכ געקענט ריכטנ, אַז אָפּ די עלטערע יאָרנ וועט מיכ טרעפֿנ אַזא גזאַר, באַ מיר אָפּ די אויגנ איז זי צעריסנ געוואָרנ אָפּ שטיקלעכ, אונ איכ בינ אַרויס גאַנצ. באַרעכנ זיכ, זי איז געווענ לעבנ מיר, אונ איכ בינ אַרויס גאַנצ, אַזא גזאַר...

עספֿיר מיכײַלאָוונע האָט פֿאַרשטאַנענ, אַז ריידנ מיט אים איצט דאַרפֿ מענ נישט, זי האָט גלײַכ גענומענ גרייטנ א וואַנע, אַרויסגענומענ פֿריש גרעט, אָסיפּס א פּאָר הויזנ.

— איר וועט זיכ אויסוואַשנ אונ זיכ איבערטאָנ, וועט איר גיינ צום שערער, — האָט זי אָנגעזאָגט אונ געקוקט אָפּ לייבס באָרד, וואָס איז געווענ אָפּגעסמאַליעט אינ פֿיל ערטער.

— הער נאָר אויס, עסטער, עפּשער וואָלט איכ זיכ געזעצט שיווע?

עספֿיר מיכײַלאָוונע האָט א קלער געטאָנ אונ געענטפֿערט:

— אויב ס'וועט אײַכ דערפֿונ לײַכטער ווערנ, זעצט זיכ שיווע.

זי האָט זיכ געלאָזט גיינ אינ וואַנע־צימער.

— א, כאנקע, — האָט עספיר מיכײַלאָװנע ערשט איצטער באַמערקט די סטודענטקע. — דו ביסט אױך דאָ. עפּשער האָסטו עפּעס פון מישען?

— ניין, צום באַדױערן.

— און איך האָב געמײנט, אַז צו דיר שרײַבט ער אָפטער. אפילע צו דיר שרײַבט ער ניט, — האָט מיט אַ שטאָך געזאָגט עספיר מיכײַלאָװנע.

— פאַרקערט, איך האָב געמײנט זיך דערװיסן עפּעס בײַ אײַך, עספיר מיכײַלאָװנע, — זאָגט כאנקע צוריקגעהאַלטן און רױטלט זיך.

— גײן, גײן — ניטאָ גאָרניט. װער װײסט, װוּ ער איז ערגעץ?

אינגיכן איז אָנגעקומען אָסיפּ קראַמער. דערזען דעם זון, האָט זיך דער אַלטער װידער צעװײנט.

— איך װײס שױן אַלצדינג, — האָט אָסיפּ געזאָגט צום פאָטער.

אָסיפּ האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע, מעגלעך די אױגן זײַנען געװאָרן פײַכט, װײַל ער האָט זיך אָפּגעקערעװעט אין אַ זײַט. דערװײַל האָט ער באַטראַכט די פרעמדע ייִדענע מיט די דרײַ קינדער, װעלכע זײַנען געלעגן אָפּן צעשפּרײט מעפּיך אָפּן דיל.

— אָ, װאָס זאָגט איר, פּאַני דאָקטער, װאָס פאַר אַ דונער ס׳האָט אונדז געטראָפן.

ס׳איז שטיל געװען עטלעכע רגעס.

— זע נאָר, זע, דער קאָפּ איז אַזױ דערהאַרגעט, סאַמע דעם איקער פאַרגעסן, — האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דער אַלטער. — כ׳האָב געמײנט הײַנטיקס יאָר װעט זיך מישע אַראָפּכאַפּן פון זײַן אוראַל, װוּ איז ער דאָרט ערגעץ? זיך אַראָפּכאַפּן צו מיר אין גאַרניזאָן, װי ער פלעגט דאָס טאָן ייִנגלװײַז. אײַ איז דאָס אַ יונגאַטש. און איצטער פליט ער דאָרט מינעסטאַמע ערגעץ אין די הימלען...

עספיר מיכײַלאָװנע, אָסיפּ, כאנקע האָבן זיך אײַנגעהערט אין אַלטנס װערטער. יעדערער האָט אױף זײַן אױפן געקלערט װעגן מישען.

...אינמיטנדערינען האָט זיך דערהערט אַ אַליאַרעם. עספיר מיכײַלאָװנע האָט אופגעװעקט דער ייִדענעס דרײַ קינדער. צװײ פון זײ אָנגענומען פאַר די הענט, און אַלע צוזאַמען האָט מען זיך געלאָזט אין דער באָמבע־באַהעלטעניש אין הױף. דער אַלטער האָט ניט געװאָלט גײן.

— װײסטע, אַז איך האָב זיך אױסגעדרײט ביז אַהער, װעט מיך דער גוטער־יאָר שױן ניט נעמען...

— גײ, גײ, טאַטע, — האָט אָסיפּ אים געטריבן אַראָפּצוגײן אין באַהעלטעניש. — איך גײ אױך.

דינע האָט אָנגענומען דעם זײדן פאַר דער האַנט.

— לױף ניט... איך האָב קײן קױעך ניט...

פון צװײ זײַטן שטאָט האָבן זיך אַרײַנגעריסן דײַטשישע אַעראָפּלאַנען און האָבן אָנגעהױבן װאַרפן אין אומאָרדענונג באָמבעס. בלײַכע, דענערװירטע און דערשראָקענע, האָבן די מענטשן געהערט די שװערע אופרײַסן, װעלכע האָבן דערגרײכט אַזש טיף אונטער דער ערד. דאָס מאָל איז מען אָפּגעזעסן גאַנץ לאַנג אין קעלער.

אלע מאָל איז דינע צוגעגאנגענ צו דער טיר פונ דער באָמבע־באהעלטעניש אונ צוריק אָפּגעלאָפּנ פונ דאָרטנ א בלייכע, מיט גרויסע אויסגעקײַלעכיקטע אויגנ. זי האָט זיך געהאלטנ באם הארצנ.

— וואָהינ פליסטו אלע מאָל? — האָט אָסיפּ אפ איר זיך געבייזערט, — זיצ אײַנ.

כאנקע האָט אָנגענומענ דינענ פאר א האנט, זי צוגעצויגנ צו זיך.

— קום אהער, אָט דאָ אינ ווינקעלע... — האָט זי איר אָנגעוויזנ אפ אנ ערטל, ווו דרײַ פרויענ זײַנענ געזעסנ צוגערוקט איינע צו דער אנדערער, צונויפגעהויקערט אונ צונויפגעדרייט אונ האָבנ זיך אײַנגעהערט אינ די פלעמנדיקע באָמבע־אופרײַסנ.

— הערט, הערט, ס'איז נאָענט פונדאנענ... — האָבנ זיי געשעפּשעט.

אינ א צווייט ווינקל איז געזעסנ א מענטש אָנ א היטל מיט א צעכראסטעטער פּיזשאמע. מיט איינ האנט האָט ער צוגעהאלטנ ביידע באָרטנ פונ דער פּיזשאמע, אונ די צווייטע צוגעדריקט צו דער באק אונ געקוקט אינ איינ פּינטל ארײַנ. דאָס ווײַב לעמ אימ. זי האָט צו אימ גערעדט. ער האָט ניט געהערט. מ'האָט אימ אָקאָרשט אראָפּגעפירט אהער פונ א הויכנ גאָרנ. מיט זײַנע קראנקע פיס האָט ער זיך קוימ דערשלעפּט אינ דער באהעלטעניש.

ווענ ס'איז שטילער געוואָרנ, איז כאנקע צוגעגאנגענ צו קראמערנ אונ האָט אימ אוועקגערופנ אינ א זײַט.

— א סאָד? — פרעגט אָסיפּ.

— ניט קיינ סאָד, אָסיפּ לוואָוויטש, א געוויינלעכע ביטע.

— נו, זאָג, כאנקעלע, וואָס פארלאנגסטו?

— איכ האָב געהערט, איר דארפט האָבנ מענטשנ.

— וואָסי, דו ביסט שוינ א דאָקטער? שוינ געענדיקט דעמ אינסטיטוט? דו דארפסט זיך נאָכ לערנענ.

— איכ וויים, אָבער עפּשער קאָנ איכ גיינ ווי א שוועסטער. שווער צו זיצנ ליידיק...

— אהא, מישע האָט דיר געלאָזט גריסנ, טעמפּעראמענט...

ס'האָט זיך דערהערט די סירענע, אונ מ'איז ארויס פונ באהעלטעניש. גלאָז האָט זיך געוואלגערט אפ די טראָטוארנ, אונ פענצטער האָבנ אראָפּגעקוקט מיט הוילע ראמענ, ווי אויסגעטאָנענע אונ פארשעמטע.

ווענ דער הימל איז שוינ געווענ אָפּגערייניקט פונ די בייזע לופטגעסט, האָבנ נאָכ געהאלטנ אינ איינ קלאפּנ די זעניט־באטארייעס, וואָס זײַנענ געווענ קונציק פארמאסקירט אפ די דעכער פונ די העכסטע שטאָט־געבײַדעס. אָבער דאָס, האָט מענ געוווּסט, זײַנענ שוינ די לעצטע באגלייט־שאָסנ אינ דער געוווּנענער שלאכט. ווײַט, אונטער קיִעוו, איבער די דערבײַיקע פעלדער זײַנענ מיט ביזויענ געפלויגנ די לעצטע גאנצ־געבליבענע דײַטשישע באָמבארדירער, ווי אנטלאָפענע, אָפּגעשמיסענע הינט, אינ דער באגלייטונג פונ זייערע וועכטער די פארניכטלער, וואָס זײַנענ געווענ גאנצ היפּש צעשעדיקט.

גייענדיק צוריק פונ דער באהעלטעניש, האָט כאנקע זיך צוגערוקט נעענטער צומ אלטנ לייבנ. זי האָט גערעכנט, אז איצט וועט

דער אלטער שוינ זײנ אימשטאנד צו זאָגנ איר, וואָס ער ווייסט וועגנ אירע עלטערנ אינ גאריווקע.

— גלייב מיר, — האָט דער אלטער לייב איר געענטפערט, — איכ געדענק ניט פינקטלעכ, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומענ. — ער האָט געשוויגנ עטלעכע רעגעס אונ צוגעגעבנ: — אז אלע זײנענ געלאָפנ.

— איר האָט זיי גאָר ניט געזענ? — האָט כאנקע געפרעגט.

— קינד אײנע, ווער האָט דענ דעמלט געזענ עפעס.

— אונ די מיל איז געבליבנ גאנצ?

— וואָס רעדסטו, קינד? די מיל האָט געברענט, ווי א ליכט.

— אונ אונדזער שטוב לעמ דער מיל?

— איכ געדענק ניט, הארצעניו. — פארענטפערט זיכ דער אלטער לייב.

פונקט אזוי איז אימ נאָכדעמ אויסגעקומענ זיכ צו פארענטפערנ אויכ פאר דעמ שטוב־מיידל כריסטיא. ס'איז שוינ געווענ שפעט אינ אָוונט, מע האָט זיכ שוינ געקליבנ זיכ לייגנ שלאָפנ, האָט כריסטיא זיכ צוגעזעצט צומ אלטנ אונ שטיל א פרעג געטאָנ:

— טשי נע באטשילי מאָיכ?[1]..

זי איז אויכ געווענ א גאריווקער אונ זי האָט אויכ געהאָפט, אז אָט באלד וועט זי באקומענ א גרוס פונ דער היימ. אָבער דער אלטער האָט מיט באדויערונג געקוקט אפ כריסטיענ אונ זי ניט געקענט מיט גאָרניט טרייסטנ.

— גלייב מיר, — האָט ער צו איר געזאָגט, — אז איכ געדענק גאָרניט.

כריסטיא איז נאָכ א ביסל געזעסנ לעבנ אימ, געמיינט, עפשער וועט ער פאָרט זיכ עפעס דערמאָנענ. זי האָט אָבער דערזענ, אז דאָס וואָרטנ איז אומזיסט, האָט זי א צעבראָכענע זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט, געשאָקלט מיטנ קאָפ:

— שאָ צע נאראָבוו צעי ניעמעצ, באָזשע מיי![2]

אונ מיט וואקלדיקע טריט איז זי אוועק צו זיכ אפנ געלעגער.

קאפיטל פיר

אפ אונדזער ערד

ווענ די שיסערײ האָט אופגעהערט, האָט אפ די גאריווקער געמלעכ זיכ באוויזנ פרויקע שקליאר — דער בוכהאלטער פונ דער אָרטיקער גרויסער מיל — אונ געזוכט מענטשנ אפ ארויספירנ דאָס מעל אונ דעמ קאָרנ. וועמענ ער האָט געזענ, האָט ער געשלעפט צו דער מיל.

די שטילקײט, וואָס האָט זיכ אײנגעשטעלט, האָט נאָכ מער פארטיפט די גרויליקע פוסטקײט פונ די געסלעכ. נאָכ די באנאכטיקע

---

1 — צי האָט איר ניט געזענ מײַניקע?

2 — וואָס האָט עס אָפגעטאָנ דער דײַטש, גאָטעניו מײַנער!

סרייפעס, וואָס האָבנ מיט זייערע פאַרביסענע פײַערנ געשראָקנ די געגנט, זײַנענ אינ פיל געסלעכ געבליבנ אָפגעברענטע הײַזער.

באַמ קאָלעוואָראָט פונ שטעטל, ווו סע פאַרקערעוועט זיכ דער שליאַכ אינ די פיאַטקער וועלדער, איז געשטאַנענ אַנ איבערגעבראָכענער זשוראַוועל אונ געקוקט מיט א ליידיקנ אונטערגעשאָסענעמ עמער אינ ברונעמ אַרײַנ. די ערשטע שטוב, וואָס שטייט באַמ שליאַכ, איז ווי אומיסטנ אופגעשניטנ געוואָרנ פאַרנ אויג מיט איר אינוויינִיק, אונ שוינ א פוסטע, א מענטשנלאָזע, האָט זי מיט א פאַרצײַטיק-געקאָוועטנ קאַסטנ אינ א ווינקל געקוקט עלנט-פאַרלאָזט אונ אומפאַרמײַדלעכ-טויט. א פרעמדע האַנט האָט שוינ באַוויזנ די שטוב אויסליידיקנ, נאָר דעמ שווערנ קאַסטנ ניט געקאָנט מיט זיכ, אַפאַנעמ, פאַרנעמענ.

אינ אַנטקעגנדיקנ סעדל זײַנענ די עפּל-ביימער אַרויסגעריסנ געוואָרנ מיט די וואָרצלענ. איינער פונ די ביימער איז מיט זײַנ קרוינ אַרײַנגעשטופּט געוואָרנ אינ א פענצטער פונ דער דערבײַיִקער שטוב אונ פונ דאָרטנ געסטאַרטשעט מיט די צערודערטע אָפּגעברענטע וואָרצלענ; צו זיי האָט זיכ פאַרנייגט מיטנ אונטערגעהאַקטנ קאָפּ אונ מיט די אָפּגעסמאַליעטע בלעטער א דינ-שטאַמיק ביימעלע. ס'איז געווענ צו בידעשנ זיכ, וויאַזוי דאָס איידעלע געוויקסל איז אַרויס קימאַט גאַנצ פונ דער שטורעמ-סרייפע.

די אײַנוווינער זײַנענ באַנאַכט אַנטלאָפנ, ווּהינ סע האָט זיכ געלאָזט. אונ איצטער, ווענ ס'איז שטילער געוואָרנ, האָבנ זיי זיכ פונ ערגעצ באַוויזנ. דאָ אונ דאָרט האָבנ מענטשנ געשלעפט פונ די פאַרברענטע שטיבער איבערגעבליבענע כפייצימ. מע האָט זיכ אײַנגעשטעלט אונ בא די נאָכ טליענדיקע ווענט אונ אַש-בערגלעכ געראָיעט זיכ, אופגעזוכט עפעס א זאַכ אונ מיט ציטערדיקע הענט אַרײַנגעוואָרפנ אינ א זאַק אָדער אינ אַנ אײַנשיט. פונ א זײַטיקער שטוב דערהערט זיכ אַנ אײַנגעהאַלטנ געוויינ. מיט אָפגעשוואַכטע הענט וויל צאַלי שנײַדער אַרויסשלעפנ פונ אונטער די כורוועס דעמ קערפער פונ זײַנ אַלטיטשקער. ער ווענדט זיכ צו פאַרבײַלויפנדיקע אײַנוווינער נאָכ הילפ.

— האָט ראַכמאָנעס, העלפט מיר זי צו קווּרע ברענגענ.

ער ברעכט די הענט אונ ווישט די אויגנ פונ די אָנשווימענדיקע טרערנ.

ס'איז אָנגעלאָפנ פרויִמ שקליאַר, וואָס האָט זיכ געײַלט צו דער מיל. צאַליע שנײַדער שטרעקט צו אימ אויס די הענט:

— פרויִמ טײַערער, זע, וואָס ס'איז פונ מיר געוואָרנ. מײַנ גאָלדע, פרויִמ, וואָס טוט מענ מיט איר?

פרויִמ, וואָס האָט זיכ געהאַט זײַנע זאָרגנ, האָט זיכ דאָכ אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די כורווע אונ געענטפערט:

— מיר וועלנ זענ עפּעס טאָנ. עפּשער וועל איכ באַלד צושיקנ עמעצנ פונ אונדזערע. — אונ ער איז אַוועק.

קוזמא בעזפּאַלקא, א הויכער פויער, האָט געהאַלטנ אָפ די הענט דאָס קלענסטע מיידעלע זײַנס אונ זיכ געדוקט דורכ די סעדער צומ טײַכל. דאָרט האָבנ געזאָלט זײַנ זײַנ אַלטיטשקע מיט די איבעריקע קינדער, וועלכע זײַנענ אַנטלאָפנ פונ שטוב. ווענ ער איז אָנ אָטעמ

מיט א צעקאָשמעטנ אנטבלויזטנ קאָפּ דערלאָפנ צומ טײַכל, האָט ער געטראָפנ זײַנ אַלטע מיט די קינדער. נאָר פאוליק איז מיט זיי ניט געווענ. זיי האָבנ אימ געזוכט צווישנ די הארוגימ, אינ טײַכ אונ אפנ ברעג, אינ די ליקעלעכ, נאָר דאָס יינגל איז ניט געווענ. די מוטער איז געווענ אזוי צעמישט, אז זי האָט אפילע ניט געהערט, ווי דער מאַנ פרעגט זי וועגנ פאוליקנ.

— נו, — זאָגט איר קוזמא, — נעמ די קינדער אונ קער זיכ אומ אינ שטוב.

— אונ דו? — האָט דאָס ווײַב געפרעגט.

קוזמא איז געבליבנ אפ א ווײַלע שטיינ אָפּהענטיק, באטראכט זײַנ געזינדל, האָט ער א קלער געטאָנ וועגנ דעמ פארפאלענעמ יינגל אונ געזאָגט:

— איכ וועל גיינ זוכנ פאוליקנ. איכ וועל גיינ צו כריסטיענ קיינ קיעוו, — אונ ער האָט זיכ אָנגעבויגנ צומ ווײַב אפנ אויער: — מיר גייענ אלע אינ די וועלדער... דו קער זיכ אומ אינ כאטע אונ וואַרט אפ מיר, איכ וועל אײַכ קומענ פארנעמענ. סע גייט סאכנאָ, סערגיי — אלע גייענ.

אינ דער רעגע איז אונטערגעקומענ פרויִמ.

— קוזמא איוואניטש, איכ זוכ דיכ.

— איכ ווייס שוינ. באלד קומ איכ, — זאָגט קוזמא.

— דו גיי שנעלער צו וואלקע. איכ וועל באלד אונטערקומענ.

ביידע זײַנענ פארשוווּנדנ צווישנ די קוסטעס אפ יענער זײַט צעבראָכענעמ נידעריקנ פלויט.

אינ צענטער פונ שטעטל, אפ דער לעניג=גאס, איז געשטאנענ יאנקל גרייזעכעס שטוב פונקט אפנ ראָג אונ ארויסגעקוקט מיט אירע פענצטער צו לעניגס מאָנומענט. יאנקל — א ברייט=אקסלדיקער אינ געזונטער פארשוינ, א ייִד א גוואַר, וואָס האָט געארבעט אלס נאכטוועכטער אינ דער היגער מיל, האָט מיט א גרויסער לאָפּעטע אָפּגעגראָבנ די זאכנ פונ אונטער די אומגעוואלגערטע ווענט. א באָמבע האָט ווי אָפּגעשניטנ דרײַ ווענט אונ אנטבלויזט דעמ גאנצנ אינווייניק פונ גרייזעכעס שטוב. די אייגציקע וואנט, וואָס איז גאנצ געבליבנ, האָט איצטער אײַנזאמ=לעפיש געקוקט צו דער צעבויטעטער גאס מיט א ווײַס האנטעכל אפנ העגנער אונ מיט א פאמיליענ=בילד.

פונ הינטער א שטוב איז ארויס שקליאר, וועמענ ס'האָט נאָכ אלצ ארומגעטראָגנ איבערנ שטעטל. דערזענ יאנקלענ, האָט ער אפילע ניט באמערקט, וואָס יענער טוט, אונ צו אימ אויסגעשריגנ:

— גייט צו דער מיל, יאנקל. מע דארפ אײַכ דאָרטנ האָבנ. סע ברענט די מיל. מע דארפ ראטעווענ דעמ קאָרנ, דאָס מעל.

יאנקל האָט צענומענ מיט די הענט, געוויזנ אפ דער שטוב.

— וואָס זאָל איכ פריִער ראטעווענ?

— די מיל פריִער! — האָט פרויִמ ענערגיש געענטפערט אונ נערווועז געטאָרעט די ברילנ, וואָס האָבנ זיכ אלע ווײַלע אראָפּגערוקט נידעריקער צו דער נאָז.

פרויִמ איז שוינ אוועק ווײַטער.

יאנקל האָט זיכ אָפּגעשטעלט אַפּ עטלעכע מינוט, ווידער באַטראַכט זײַנ האָב־אונ־גוטס, ווי סע ליגט אַזוי צעקנײטשט אונ צעבראָכנ. ס'איז פֿאַרבײַגעלאָפֿנ סאַטיע, א קלאַדאָווּשטשיק אינ דער מיל. זאָגט יאנקל צו אים, טרײסלענדיק מיטנ קאָפּ:

— א, סאַטיע, א טאַכלעס געמאַכט פֿונ אונדזער האָרעוואַניע.

סאַטיע — א ייִד מיט א לאַנגער באָרד — האָט זיכ געטאָנ א שטעל אָפּ לעמ יאנקלס שטוב, מיט די קאָסע אויגנ זײַנע אַרומגעשאַרט די צעקרימטע כוּרווע אונ געזאָגט:

— אַזאַ אומגליק. דער דײַטש — אַפּ אונדזער ערד...

אונ איז אַוועק זײַנ וועג.

פּראָקאָפּ אָרליק — דער געדטנער פֿונעמ בײַשטעטלדיקנ קאָלווירט — האָט געשלעפּט אַפּ א האַנט־וועגעלע די בעבעכעס. פֿונ אויבנ אָפּנ בעדגל טראַנטעס איז געזעסנ זײַנ אייניקל אונ מיט צעשפּרייטע הענט־לעכ צוגעהאַלטנ די זאַכנ. פֿאַרבײַגייענדיק יאנקל גרײַלעכעס שטוב, האָט אָרליק זיכ אָפּגעשטעלט, אָפּגעווישט דעמ שוויים פֿונעמ האַלדז אונ געקוקט אַפּ זײַנ אַלטנ פֿרײַנט, מיט וועמענ ער האָט אַמאָל צו־זאַמענ געטריבנ דעניקינענ פֿונ גאַרײַווקע, געקוקט שווײַגנדיק.

— וואָס קוקסטו, פּראָקאָפּ, אַפּ מײַנ שיינער כאַטע? וווּהינ שלעפּ־סטו זיכ?

— איכ ווייס ניט. בײַ דיר איז געבליבנ א וואַנט, אונ בײַ מיר איז דאָס אויכ ניט געבליבנ.

— איכ וואָלט דיכ גענומענ צו זיכ, פּראָקאָפּ, זעסטו דאָכ אַליינ... — אונ א מאַכ געטאָנ ייִעשדיק מיט דער האַנט, האָט יאנקל ווײַטער געגראָבנ.

אינ צווייטנ עק שטעטל, לעמ דער מיל, האָט מענ אַפּ צענדליקער פֿויערישע פֿורנ געלאָדנ זעק מיט קאָרנ אונ מעל. אינ ענגנ הויפּ פֿונ דער מיל האָבנ זיכ געשוואַרצט צוויי גרויסע גריבער פֿונ באָמבעס, וואָס די דײַטשישע אַעראָפּלאַנענ האָבנ אַהער אַראָפּגעשלײַדערט. די מיל האָט געברענט. אינעמ סקלאַד, אינ וועלכנ עס זײַנענ געווענ אַרומ־געזעצט אַלע פֿענצטער מיט די ראַמענ אַפּילע, זײַנענ געשטאַנענ אָפּ־געטמאַליעטע זעקלעכ; מע האָט זיי ניט אויפֿגעהערט אַרויסצופֿירנ אַפּ יענער זײַט הויפּ צו די פֿויערישע פֿורנ. די בודקע בײַמ אַרײַנגאַנג איז ניט געווענ אַפּ איר באַשטענדיק אָרט. מיט א לופֿט־כוואַליע האָט עס זי אַוועקגעטראָגנ אונ צוגעשפּאַרט צו א וואַנט.

סאַטיע שלעפּט א זעקל קאָרנ, וואָס איז האַלב אויסגעמישט מיט ערד אונ ס'איז אַפּילע שווער צו דערקענענ, וואָס סע איז.

— צוליב וואָס? — שרײַט צו אים איינער. — לאָז עס איבער. ניט קעדײַ זיכ שלעפּנ דערמיט.

— אַנ אַווירע, סע קאָנ אָנקומענ דעמ דײַטש. מע קאָנ דערפֿונ לײַט מאַכנ, — אונ סאַטיע שלעפּט ווײַטער דאָס זעקל. דערנאָכ האָט ער א קוק געטאָנ אַפֿנ הימל, דערזענ די טונקעלע וואָלקנדלעכ אונ א געשריי געטאָנ צו דער וואַלקע פֿורנ:

— סע וועט זײַנ א רעגנ, אײַלט זיכ צו.

די אָנטרײַבערס האָבנ אימ דערופּ גאָרניט געענטפֿערט, האָט סאַ־

טיע צו זיכ אַלייג א מורמל געטאָג איג דער באָרד אַרײַנ:

— האַלעוויי גייט א רעגנ, וועלנ די פייגל ניט קומענ...

נאָר קיינ רעגנ איז ניט געגאַנגענ.

די אומגעדולדיקע מיידלעכ די אָנטרײַבער זײַנענ געזעסנ אפ די גרויסע זעק. אונ אַלע מאָל מיט עפּעס זיכ געווענדט צומ דירעקטאָר, וואָס איז אַרומגעגאַנגענ מיט א בויגנ פּאַפּיר אונ מיט א בלײַער, געציילט די פורנ אונ זיי געהייסנ פאָרנ.

— ווער ווײַזט דעמ וועג? — האָט מענ זיכ אינטערעסירט.

— שטילער. — האָט באַפוילנ דער דירעקטאָר. — מע וועט זיכ לאָזנ צומ יאַר, דאָרטנ וועט זײַנ וואָלטשאָק.

אַלע האָבנ געקענט וואָלטשאָקנ — דעמ רירעוודיקנ, דעמ נידעריק-געוואַקסענעמ סעקרעטאַר פונ פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פונ דער מיל. דאָס איז געווענ א יונג, טאַקע א גאַריוּוקער. וואָלטשאָק האָט געדאַרפט צוערשט אַרויספירנ אפנ שליאַכ דעמ צוג מיט די פורנ אונ דערנאָכ מיטנ וואַלד ווײַטער צו א באַשטימטנ פונקט, ווײַל די נאָענטסטע אײַזנבאַנ-סטאַנציע איז שוינ געווענ פאַרנומענ פונ די דײַטשנ. נאָכ וואָלטשאָקנ איז פוסטריט נאָכגעגאַנגענ פרויִמ שקליאַר אונ אומרויִק געטאָרעט די ברילנ. דער דירעקטאָר האָט זיכ געזעגנט מיט וואָלטשאָקנ, מיט שקליאַרנ. ער האָט זיכ אַרײַנגעזעצט איג דער לײַכטער אווטאָ-מאַשינ, וואָס איז אָפּגעפאַרבט איג גרינעמ, געמישט מיט א בלאָטע-קאָליר. אַזוי האָבנ זי, ווײַזט אויס, ניט איבעריק געראָטנ פאַרמאַסקירט די מיל-מענטשנ.

— זײַ געזונט. — דער דירעקטאָר האָט זיכ ווידער אַרויסגעשטעלט פונ דער מאַשינ אונ א דריק געטאָנ וואָלטשאָקנ די האַנט: — מיר וועלנ זיכ נאָכ זענ מיט דיר.

באַ וואָלטשאָקנ האָבנ די טיפע פײַערלעכ איג די קאַרע אויגנ א לויכט געטאָנ — זאָל דער דירעקטאָר זײַנ רויִק — די וואַלקע וועט ער אַרויספירנ. אַנאַטאָלי וואָלטשאָק האָט גלײַכ נאָכדעמ פאַנאַנדערגעטיילט דעמ צוג פורנ אפ עטלעכע גרופּעס, אונ מע האָט זיכ גערירט. מע איז זיכ צעקראָכנ איבער עטלעכע וועגנ, נאָר אַלע איג איינ ריכטונג — צומ יאַר. וואָלטשאָק איז אוועק פאָרויס, דאָ איז געבליבנ שקליאַר, ער האָט געקוקט געדולדיק אפנ זייגער אונ יעדע פינפ מינוט אָפּגעשיקט צו צוויי-דרײַ פורלעכ.

ווי נאָר ס'האָט זיכ געענדיקט די אָפּעראַציע פונ עוואַקויִרנ דאָס מעל, איז פרויִמ שקליאַר מיט דער ביקס אפנ אַקסל אוועק צו זײַנ שטוב אפ דער פּיפּיוּוקע. דאָס מיידעלע זײַנס, זעלדעלע, איז אַרויסגעלאָפנ אימ אַנטקעגנ.

— וואָס מאַכט די מאַמע?

דאָס מיידעלע ענטפערט גאָרניט, זי נעמט אָנ דעמ טאַטנ פאַר דער האַנט אונ קוקט אימ אַרײַנ איג פּנעמ, צי וועט ער ווידער ניט זאָגנ, ווי נעכטנ, אַז ער גייט אוועק פונ שטוב.

ווי נאָר פרויִמ איז אַרײַנ איג שטוב, ער האָט נאָכ ניט באַוויזנ גאָרנישט זאָגנ, האָט דאָס ווײַב געכאַפּט א פּעקל איג דער האַנט אונ געבעטנ זיכ באַמ מאַנ:

— פרויקע, מיר שפּילן זיך מיטן מאַלכעמאָוועס, לאָמיר אַנט־לויפן.

פרויקע האָט באַ איר צוגענומען דאָס פּעקל פון דער האַנט און קימאַט מיט אַ שעפּטשענדיק קאָל געענטפערט:

— אַלע וועגן זײַנען פאַרמאַכט. — און נאָך אַ קליינער פּויזע צוגעגעבן: — פריער מיט צוויי טעג האָב איך זיך באַ דיר געבעטן, האָסטו ניט געוואָלט גיין. וואָס קאָן איך איצטער מיט דיר טאָן? איצטער איז געפערלעך זיך ערגעץ לאָזן. איך מוז אַוועקגיין.

— וווהין?

— דו ווייסט, מיט וואָלטשאַקן.

— און איך מיטן קינד? — האָט דערשלאָגן און ציטערנדיק גע־פרעגט די פרוי.

— קומט מיט מיר, — לייגט פאָר פרויקע.

— וווהין, אין דר'ערד אַרײַן? איך קאָן קיין ביקס ניט האַלטן. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? — און זי ברעכט די הענט. — פרויקע, וואָס טוט מען מיטן קינד?

פרויקע שקליאַר איז מעסוקן אויפגערעגט.

— אַז וועגן איך האָב אײַך געוואָלט אַוועקשיקן מיטן באַן, האָ־סטו ניט געוואָלט!

— וועגן סע זאָל זײַן באַנקע, וואָלט איך ניט מוירע געהאַט. וואָלט זי עפּשער געפונען אַן אייצע.

פרויִם טוט אַ רעגע אַ טראַכט און זאָגט שטיל:

— באַנקע זאָגסטו. וואָס טוט זי דאָרטן ערגעץ אין קיִעוו? ווער ווייסט, וווּ זי איז?

דאָס ווײַב:

— באַנקע איז ניטאָ. און דו וועסט אויך ניט זײַן. וואָס קאָן מען טאָן איינע אַליין מיטן קינד?

— קום צו סאַטיען, — זאָגט פרויקע. — דאָרט וועט זײַן באַ־וואָרנטער. סאַטיע וועט זיך אַן אייצע געבן.

— אַ באַוואָרעניש — סאַטיע.

— איצטער זײַנען פאַראַן צוויי וועגן: אָדער מיט מיר, אָדער צו סאַטיען.

באַ דער פרוי האָט די ברוסט זיך פיבערדיק געהויבן. שווער גע־ווען זיך צו באַשליסן: מיטן מאַן אין די וועלדער, אין די פעלדער אַף אָפּקומעניש... ווען זי זאָל זײַן אַליין, וואָלט זי מיטגעגאַנגען, אָבער מיטן קינד...

דאָס מיידעלע האָט, אַפּאָנעם, פאַרשטאַנען, נעמט זי אָן דעם טאַטן פאַר דער האַנט און זאָגט:

— זאָל די מאַמע מיט דיר גיין, און איך וועל גייִן צום זיידן סאַטיע...

פרויִם האָט פרעגנדיק געקוקט אַף זײַן פרוי, וואָס וועט זי דערויף ענטפערן. די פרוי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך וועל דאָס קינד ניט איבערלאָזן אַף גאָטס באַראָט.

— קלארע, איכ מוז גײנ. — דערנענטערט זיכ פרויקע צו דער שוועל.

בא דער פרוי ברענענ די אויגנ. זי נעמט ארומ פרויקענ אונ ווינקט מיטנ קאָפּ אפנ מײדעלע:

— געזעגנ זיכ מיטנ קינד.

ער נעמט ארופ אפ די הענט דאָס צעניאָריקע מײדעלע, קושט זי עטלעכע מאָל.

— גײ געזונט אונ זײַ מאצליעכ, פרויקע. אונ גאָט זאָל דיכ בהענ־ גענ צוריק פונ דײַנ געפערלעכנ וועג, — שעפּטשעט דער פרויס ליפּנ.

ער נעמט די ביקס אפנ אקסל אונ פרווט באַכאמאָל זאָגנ:

— עפּשער פּאָרט מיט מיר...

אינ דער מינוט האָבנ זיכ דערהערט עטלעכע שאָסנ, וואָס האָבנ אָפּגעקלונגענ אינ דער שטוב מיט א פּלעטנדיקער שווערקײַט.

— ווער שיסט עס? — פרעגט קלארע.

— איכ וויס ניט, זײַ געזונט, — אונ ער איז ארויס אינ דרויסנ.

קאנאָנענ־שאָסנ האָבנ אופגעריסנ די שטילקײַט אונ צעטראָגנ איבער די שטעטלדיקע ליקעלעכ א פארסאמטע ידיעה:

— דײַטשישע טאנקענ!

אײנער א טאנק איז נאָכ באמ ראנד פונעמ שטעטל ארופגעפאָרנ אפ א דירע אונ זי צעטראָגנ אפ שטויב. די ברעווענעס, די ציגל, דאָס מעבל האָבנ געטרישטשעט אונטער די רעדער פונעמ טאנק אזוי ווי קלײנע הינערשע בײנדלעכ אינ די הײסע צײנ פונ א וואָלף. באלד נאָכ דעמ זײַנענ צוגעקומענ נאָכ טאנקענ אונ זײ זײַנענ זיכ צעקראָכנ אי־ בער די געסלעכ. שווערע, גרויזאמע אונ ראשיקע האָבנ זײ געזײט פאכער צווישנ די מענטשנ. קעגנ סאמיעמ שטוב האָט זיכ אָפּגע־ שטעלט א טאנק, פארריסנ די נאָז אונ אויסגעשאָסנ צווײ מאָל. סאמיעס שטוב האָט זיכ א טרײסל געטאָנ, ווי אינ א פיבער. דער טאנק האָט ווידער עפּעס א רעווע געטאָנ אונ איז אוועקגעקראָכנ ווײַטער.

קאפּיטל פינפ

מעל אונ טרערנ

דעמ זעלביקנ פארנאכט נאָכ דעמ, ווי די טאנקענ האָבנ אריבער־ געשפּאנט גאריוועקע אונ זײַנענ אוועק מיטנ שליאכ צומ נאָענטסטנ דאָרפ, איז צעקלעפּט געוואָרנ א באקאנטמאכונג פונ דער דײַטשי־ שער קאָמענדאטור, אז אלע יידנ זאָלנ אינ פארלויפ פונ פיר אונ צוואנציק שאָ זיכ קומענ רעגיסטרירנ, געכאסמעט איז געווענ מאיאָר פאָנ־דעסעל. דאָס איז געווענ דעמ אלטנ באראָנ פאָנ־דעסעלס א זונ, יענעמ באראָנ, וואָס איז ביז דער רעוואָליוציע געווענ באלעבאָס איבער גאריוועקער ערד אונ איבער דער ערד פונ די ארומיקע דערפער „קרא־ סני לוטש“, „פיאטקע“. די קאָמענדאטור האָט זיכ צעלײגט אינ דער

צווייטשטאָקיקער געבײַדע, ווו ס'האָט זיכ געפונענ די פּאָטשט. דאָרטנ מאַקע פונ אויבנ האָט מענ אויסגעטיילט פאַר פאָנ-דעסעלנ צוויי צימערנ.

נאָכ באַטאָג, איידער פאָנ-דעסעל איז אַרײַנגעפאָרנ אינ גאַריוווקע, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אינ די צוויי קאָלווירטנ „קראַסני לוטש“ אונ „פּיאַטקע“. ער האָט אָנגעזועטיקט דאָס אויג מיט דעמ מערקווירדיקנ לאַנדשאַפט. זײַנ פאָטער אינ פראַנקפורט-אַמ-מײַנ האָט אימ אויסגעמאָלט פּינקטלעכ די אָרטלאַגע פונ די דאָזיקע עקאָנאָמיעס. אָבער די באָלשעוויקעס האָבנ שטאַרק געענדערט דעמ אויסזעונ פונ די עקאָנאָמיעס. זיי האָבנ אויסגעבויט פערמעס, וואָס האָבנ לויט פאָנ-דעסעלס באַגריפ געשטערט דעמ זעלטענעמ לאַנדשאַפט. זיי האָבנ אַנידערגעשטעלט אינמיטנ פּיאַטקע א סילאָס-טורעמ, וועלכנ מע וועט מעגלעכ דאַרפנ אויסנוצנ צוליב אַנדערע צילנ. די אַרכיטעקטור איז לויט פאָנ-דעסעלס פאָרשטעלונג א ווילדע אונ אַנ אַזיאַטישע, ער סטאַרטשעט ווי א צוויאָק אינמיטנ דאָרפ.

דער מאַיאָר האָט זיכ געהייסנ ברענגענ טינט אונ פעדער — נאָכ הײַנט וויל ער אָנשרײַבנ זײַנ פאָטער קיינ דײַטשלאַנד א בריוו. כוץ דער פּאָעזיע, מיט וואָס דער זונ וויל דערפרייענ דעמ פאָטערס האַרצ, ער האָט עמ ליב אונ שעצט זייער דעמ הויכנ ליטעראַרישנ סטיל, וויל דער זונ פּאָשעט געבנ א באַשרײַבונג פונ אַלצ, וואָס איז געבליבנ גאַנצ אינ גאַריוווקע אונ אינ די צוויי עקאָנאָמיעס. לײַדער, ווייניק, אָבער נישקאָשע. די דאָרפס-לײַט וועלנ געצוווּנגענ זײַנ אַלצ אויפשטעלנ. סע וועלנ זיכ געפינענ היימישע מענטשנ, וואָס וועלנ העלפנ דעמ „דײַטשישנ רײַכ“. די עקאָנאָמיעס וועלנ אויפגעשטעלט ווערנ. דער פאָטער וועט זײַנ צופרידנ פונ זײַנ בערטאָלדס אויפירונג אינ אוקראַינע. ער מעג זײַנ רויִק, דער פאָטער, אַזוי וועט שרײַבנ דער יונגער באַראָנ אינ דעמ ערשטנ בריוו, — דעמ אַלטנ באַראָנ פאָנ-דעסעלס נאָמענ וועט ניט פאַרשעמט ווערנ.

דער אָוונט האָט זיכ אויסגעגעבנ א לויטערער. פאָנ-דעסעל איז לאַנג געשטאַנענ באַמ פענצטער אונ געקוקט אַפ דער געגנט, וואָס האָט זיכ פונדאַנענ געשפּרייט מיט סעדער אונ גערטנער. פונעמ צווייטנ שטאָק האָט דעמ באַראָנס אויג געכאַפּט דעמ ליכטיקנ ליצוואָנע-פלעק אַפנ טײַכל, דערנאָכ האָט זיכ זײַנ אויג א גליטש געטאָנ צומ ווײַטנ שוואַרצנ וועלדל. „דאָרטנ איז שרעקלעכ, באַזונדערס באַנאַכט“, — דערמאָנט זיכ דער באַראָנ. ער האָט שוינ געהערט פונ די פּאַרטיזאַנער אונ אַפילע זיי געפילט. דער פאַרשוינ, וואָס איז דאָ פריִער געווענ, האָט אימ מיטגעטיילט אי וועגנ וואָלטשאָקנ, אי וועגנ שקליאַרנ אונ וועגנ דעמ אַוועקגעפירטנ אונ אויסגעבאַהאַלטענעמ מעל. דער באַראָנ טוט א שמייכל צו זיכ: ער האָט דאָכ געוווּסט, אַז עס וועלנ זיכ געפינענ אַזוינע פאַרשוינענ, אַפ וועלכע די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט וועט זיכ קאָנענ אָנשפּאַרנ. דער מאַיאָר רופט אַרײַנ צו זיכ דעמ לייטענאַנט פריקע.

— הער לייטענאַנט, איר האָט פאַרשריבנ די נעמענ אונ די פאַמיליע-נעמענ פונ די פּאַרטיזאַנער? מאָרגנ אינדערפרי דערמאָנט מיר.

און איצט וויל דער מאיאָר זיכ לייגנ אָפּרוענ.

באַראָנ פאָנ־דעסעל האָט ניט ליב געהאט מיטאמאָל אומברענגענ זײַנע קאָרבאָנעס. ער האָט פארמאָגט דינע ליפּנ, אָפּגעשליפענע פונ סינע, א לאנגע, שארפע נאָז אונ אויגנ דורכגעברענטע מיט גאל.

געווענ א צײַט, ווענ ער האָט זיכ געגרייט צו א קאריער פונ א יוריסט, קעגנ ווילנ פונ זײַנ פאָטער. אונ דעריבער געמוזט איבעררײַסנ זײַנ שטודיום אינ לייפּציגער אוניווערסיטעט. נאָר אימ איז נימעס געוואָרנ צו דערווידער: דעמ אלטנ באראָנ, האָט ער פארלאָזט אלע געדאנקענ פונ שטודירנ אונ איז אוועק מאכנ א מיליטערישע קאריער. איצט, ווענ ער איז אינ אוקראינע, וויל ער די קאריער פארפעסטיקנ, אונ אָנהייבנ, טראכט ער, אונ אָנהייבנ וועט ער פונ די פארטיזאנער...

פינפ רײַטער זײַנענ צוגעפאָרנ צו פרויס שקליארס שטוב.

זעלדעלע האָט דורכנ פענצטער דערזענ די רײַטער אונ מיט פאַכעד אויסגעשריגנ:

— מאמע, דײַטשנ!

קלארע איז בלייב געוואָרנ, א קאלטער שווייס האָט זי באשלאָגנ. זי איז געבליבנ צוגעקלעמט צומ בענקל אונ האָט זיכ ניט א ריר געטאָנ פונ אָרט, ביז ס'האָבנ זיכ אינ שטוב ארײַנגעשטעלט די דײַטשנ.

— ווער וווינט דאָ? — האָט דער מאיאָר געפרעגט.

א שווײַגנ.

— ווער וווינט דאָ? — האָט דער מאיאָר געהעכערט די שטימ.

זעלדעלע האָט געקוקט אפ דער פארכאלעשטער מוטער אונ זי א טאָרע געטאָנ.

— מאמע, מע פרעגט דיכ.

קלארע האָט זיכ א וואקל געטאָנ אפנ בענקל אונ ווידער געבליבנ זיצנ, ביז ס'איז צו איר צוגעגאנגענ לייטענאנט פריקע אונ זי העפטיק א טרייסל געטאָנ בא די אקסל.

— אופשטעלנ זיכ, אז סע קומט ארײַנ א דײַטשישער אָפיצער!

— מאמע, שטעל זיכ אופ, מאמע.

קלארע איז נאָכ אלץ געווענ פארכאלעשט.

— ווו איז דײַנ מאנ? — פרעגט דער לייטענאנט.

— איכ ווייס ניט, — ענטפערט קלארע.

— ווו האָט ער באהאלטנ דאָס מעל? זאָל ער קומענ, מיר וועלנ אימ גאָרניט טאָנ — אונ די אויגנ באמ לייטענאנט ווערנ כיטרע־גוטמוטיק.

— כאנקע איז אינ קיעוו, — ענטפערט קלארע.

באמ מאיאָר האָבנ זיכ אינ די אויגנ אָנגעצונדנ וואָלפישע פײַערלעכ. איינ אויג צוגעזשמורעט, האָט ער מיטנ צווייטנ געקוקט, ווי דער לייטענאנט נעמט זיכ צומ רעוואָלווער. מיט א מאכ פונ דער האנט אימ אָפּגעשטעלט אונ געהייסנ אימ, ער זאָל דערקלערנ דער פרוי, ווער סע שטייט פאר איר, ווער ער איז אזעלכער.

דער לייטענאנט זאָגט:

— מיט דיר רעדט דער מאיאָר פֿון דעם פֿורערס אַרמיי, דער בּאראָן פאָן־דעסעל. אופשטעלן זיך, אז מע רעדט מיט א דײַטשישן אָפיצער.
זעלדעלע נעמט ■אָן די מוטער פֿאַר דער האַנט:
— שטעל זיך אוף, מאמע.
קלאַרע הייבט זיך אוף, די פֿיס זעצן זיך איר, זעלדעלע האַלט זי אונטער.
— ווי האָט דײַן מאַן באַהאַלטן דאָס מעל? גיב אים איבער, מיר וועלן אים ניט שעפּען.
— איך קיעוו, כאַנקע איז אין קיעוו.
די דײַטשן קוקן זיך איבער.
זעלדעלע מישט זיך אַרײַן:
— די מאמע איז קראַנק, ווייסט זי ניט, וואָס איר רעדט צו איר.
— שווײַגן! — האָט דער מאַיאָר א הויקע געטאָן אָפן מיידעלע. גענומען דעם אַראָפּן פֿון דעם לייטענאַנטס האַנט און א שמיץ געטאָן קלאַרען.
זעלדעלע האָט ניט געקאָנט מער קוקן, זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, מיט ביידע פֿויסטן אונטערגעשפּאַרט די באַקן און שטיל־שטיל געבליבן. פּלוצעם האָט זי דערפֿילט, אז אין שטוב איז געוואָרן שטיל. האָט זי געעפֿנט די אויגן און דערזען, אז די דײַטשן זײַנען שוין ניטאָ.
— מאמע! — האָט זי זיך אָנגעבויגן צו דער מוטער. — מאמע, זיי זײַנען שוין אוועקגעגאַנגען. הייב זיך אוף...

צאָליע פֿון דעם שנײַדער־אַרטעל האָט מען אופגעהאַנגען פֿאַר א ריף — ביכדיי אָנסטהאַשן אַלע ייִדן — אזוי וועט מען טאָן מיט אַלע די, וועלכע וועלן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער דײַטשישער קאָמענדאַטור און וואָס וועלן אויסבאַהאַלטן זייער האָב־און־גוטס. אופגעהאַנגען האָט מען אים אָפּ א וואַנט פֿון זײַן צעבּאָמבירטער שטוב.
פֿון די ייִדן, וואָס זײַנען געקומען זיך רעגיסטרירן, האָט מען פֿיל אַרײַנגעטריבן אין א גרויסן שײַער.
סאַטיע האָט מען אויך אַרײַנגעטריבן אַהין. ער איז אַרופֿגעפֿאַלן אַף יאַנקל גרײַלעבעס, קוים־קוים זיך אופגעשטעלט אַף די פֿיס, גענומען זיך אַרומקוקן. א שטיק בּאָרד אַף דער רעכטער באַק איז בּא אים געווען אויסגעריסן. מיט די הענט געטאַפּט דאָס אויסגעצופּטע אָרט, האָט ער זיך צוגעבויגן צו יאַנקלען, געזוכט בּא אים שטיצע.
— זעץ זיך אוועק לעם מיר, — זאָגט אים יאַנקל.
סאַטיע זוכט מיט די קאַסאָקע אויגן, זעט אַזעלכע צעבראָכענע, ווי ער — ווײַבער, קינדער און זקייִנים. קיין יונגע מאַנצבּלען קימאַט ניטאָ — ער מאַסטעט זיך אײַן אַף דער הוילער ערד. אין א רעגע אַרום פֿרעגט ער פּלוצעם בּא יאַנקלען:
— א, ווי מיינסטו, מע וועט אונדז דאָ לאַנג האַלטן?
יאַנקל קוועטשט מיט די אַקסל:
— גאָט ווייסט...

קאַפּיטל זעקס

אינ וועג ארײַנ

אינ איינעמ א באַטאָג האָט אָסיפּ קראַמער אָנגעקלונגענ אהיימ, צוגערופנ צומ טעלעפאָנ דאָס ווײַב אונ געהייסנ זיכ נעמענ פּאַקעווענ.

— ס'איז א פראַגע פונ וואָכנ, צי פונ טעג? — האָט געפרעגט עספיר מיכײַלאָוונע.

— ס'א באַפעל. פאַרשטאַנענ?

עספיר מיכײַלאָוונע האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל מיט אזא געפיל, גלײַכ ווי מ'האָט אָקאָרשט אָנגעזאָגט די ערשטע שלעכטע פּסורע וועגנ א געפערלעכ קראַנקנ, נאָענטנ מענטשנ. זי האָט א בליק געוואָרפנ אפ דער שטוב אונ אלצ אינווייניק האָט זיכ איבערגעמישט פאַר די אויגנ. זי איז צוגעגאַנגענ צו מישעס בעטל, גלײַכ ער זאָל דאָ זײַנ אונ זי מוז אימ איבערלאָזנ איינעמ אליינ. „מישע, יינגל מײַנס“, — האָבנ ניט ווילנדיק אירע ליפּנ ארויסגעבראַכט. דערנאָכ האָט זי א טראַכט געטאָנ וועגנ דינענ, וועגנ לייבנ, וועגנ דער גאַריוועקער ייִדענע מיט די דרײַ קינדער, וואָס דער שווער האָט מיט זיכ מיטגעבראַכט, וועגנ כאַנקענ. אונ פּלוצעמ איז איר ארופגעקומענ אפנ געדאַנק איר אלטע באַקאַנטע, די קראַנקע לערערקע, וואָס האָט געוווינט מיט א שטאָק נידעריקער, אונ זיי וואָס וועלנ טאָנ? ווי וועלנ זיכ אהינטאָנ אזעלכע, ווי ליובע ראַוויטש?..

— וואָס איז מיט דיר? — האָט לייב געפרעגט בא דער שנור. — וואָס ביסטו אזוי צעקאָכט?

— מע דאַרפ זיכ גרייטנ אינ וועג ארײַנ.

— וואָס זשע, דער כאַלעפּ איז טאַקע שוינ באַמ האַלדז, עסטער?

— איכ ווייס נאָכ אליינ גאָרניט.

דער אלטער לייב האָט ניט אופגעהערט צו פרעגנ:

— הער נאָר, עסטער, אונ וואָס וועט זײַנ מיט כאַסיענ — איר זאַלמענ איז פונ מײַנ בראַנזשע — א סטאָליער... מיט דרײַ קינדער.

— איכ האָב שוינ געקלערט וועגנ איר, מע וועט זי מוזנ מיטנעמענ.

— אז אָכ אונ ווײ איז צו אונדז אלעמענ... — טוט א זאָג דער אלטער אונ טרעט אָפּ אינ א זײַט.

נאָכ דעמ זעלבנ טאָג, צו פאַרנאַכט-צו, האָט עספיר מיכײַלאָוונע זיכ ארונטערגעלאָזט מיט א שטאָק נידעריקער צו איר באַוואָרטע, דער קראַנקער לערערקע ראַוויטש.

אנ אויסגעמאַטערטע פונ דעמ געזוכט, וואָס איז געווענ א צוגאָב-קרענק צו א שטענדיקנ רעוומאַטיזמ, איז ליובע ראַוויטש געלעגנ צו-בעט שוינ ניט די ערשטע וואָכ. די ווײַסלעכער פונ אירע אויגנ האָבנ געהאַט א קאָליר פונ לאַנג-איבערגעשטאַנענעמ געלבלעכנ קעז.

— וואָס מאַכסטו, ליובע?

— ווי שטענדיק.

— זאָג מיר, וואָס רעכנסטו טאָנ, אויב מע וועט זיכ דארפנ רייזנ פונדאנענ?

ליובאָוו אראָנאָוונע איז ווי צוגעגרייט געווענ צו אזא פראגע, זי שטרעקט אויס איר אויסגעדארטע האנט, ווי זי וואָלט דערמיט אויסדריקנ איר דאנק עספיר מיכײַלאָווגע, וואָס זי האָט זי איג זיגען. שטיל ענטפערט זי:

— Моя песенка спета...

אונ נאָכ א קלייניניקער פאוזע:

— סײַדנ זיאמע וועט וועלנ אוועקפאָרנ... אָבער צי איז דאָס מעגלעכ מיט מיר זיכ שלעפנ?

פונ אירע אויגנ איז גענאנגענ א קאלטער שווערער טרויער.

— ליובע, — רופט זיכ אָנ עספיר מיכײַלאָווגע, — מע טאָר זיכ אזוי ניט אָפלאָזנ...

— איכ ווייס... — אונ בא דער קראנקער פארמאכנ זיכ די אויגנ, — נאָר דו זעסט דאָכ: איכ בינ פארורטיילט...

ס'איז אָנגעקומענ דער מאנ. זעלמאנ ראוויטש האָט אוועקגעלייגט דעמ פידל אפ דער פיאנע, זיכ געגריסט מיט עספיר מיכײַלאָווגע אונ גלײַכ אָנגעהויבנ דערציילנ דאָס, וואָס סע האָט אימ געמאטערט, דעמ גאנצנ וועג אהיימ גייענדיק:

— שוינ. די אָפערע קלײַבט זיכ שוינ אינ וועג ארײַנ...

ער קוקט אפ ביידע פרויענ, וויל זענ, וואָס פאר אנ אײַנדרוק סע וועט מאכנ אפ זיי. נאָכדעמ טוט ער אויס דעמ פידזשאק, הענגט אימ אויפ אפ א בענקל, שפאנט אומ איבערנ צימער, לאנג שווײַגנ קאָנ ער ניט, סע רעדט פונ אימ ארויס:

— אויס, זעלמאנ ראוויטש שפילט שוינ ניט די ערשטע פידל אינ קיעווער אָפערע. מע זאָגט מיר הײַנט: „פארפאקעוועט אײַער אינסטרומענט, זעלמאנ אבראמאָוויטש, אונ זײַט גרייט יעדע מינוט". ווי געפעלט עס אײַכ?

ער נעמט ארויס פונ דער קעשענע א רעפוע אינ א קליינ פלעשעלע, טראָגט עס צו דעמ ווײַב. ס'איז א בארימטע רעפוע, זאָגט ער, א פאטענטירט מיטל. ער האָט עס אָקאָרשט באקומענ בא איינעמ אנ אפטייקער, וואָס האלט זיכ אויכ באמ עוואקוירנ.

קאלטבלוטיק איבערגענומענ די רעפוע אינ דער האנט, וואָס האָט זיכ געטרייסלט אונ וואָס איז געלעגנ מיט דער דלאָניע ארופ, האָט ליובאָוו אראָנאָווגע שטילערהייט געזאָגט:

— זיאמע, עפשער וואָלסטו פאָרט א טראכט געטאָנ וועגנ זיכ. מיר איז שוינ אלצייננס...

דעמ פידלער האָט עס אופגעבראכט.

— מער זאָל איכ דאָס ניט הערנ, — האָט ער אויסגעשריגנ אונ האסטיק זיכ אוועקגעזעצט אפ א בענקל. דער גרויער קאָפ זײַנער איז געווענ צעפאטלט. וואָס מער ער האָט זיכ געהיצט, אלץ מער האָט ער געשויבערט די האָר ווי צו זיכ אליינ גערעדט:

— אז איכ וויל פונ קיעוו אינ ערגעצ ניט פאָרנ. ס'איז ניט נייטיק ס'האָט זיכ געפילט, אז ער אליינ גלייבט ניט דעריג, וואָס דאָס

מויל זאָגט. דאָס ווײַב האָט א וווּנק געטאָן צו עספיר מיכײַלאָוונע, זי זאָל אים בארויקנ.

— איר ווייסט, זיאמע, א טוואָרע, אז אָסיפ לוואָוויטש וועט האָבנ א באזונדער וואגאָנ.

דער פידלער טוט בייז א פּאָכע מיט דער האנט:

— מיר דארפנ גאָרניט.

ער האָט זיך צוגעזעצט צו דער פרוי אפ דער צארגע פונעמ בעט, גענומענ דעמ בוך, וואָס ער האָט פאָריק מאָל געלייענט, אונ אָנגעהויבנ מישנ די בלעטלעך, געוואָלט געפינענ, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער ניט דערמישט, זיך צוריק אופגעשטעלט, ארויסגעקריגנ פונעמ פּאָרטפעל א שקארמיצל טריסקאווקעס, פונ וועלכנ עס זײַנענ גלײַך צערונענע געוואָרנ איבערנ דיל רויטע פלעקנ. מיט א שולדיק שמייכעלע זאָגט ער:

— ס'ארא בעריע איך בינ. איך האָב גאָר פארגעסנ. איך האָב אײַך מיט וואָס אופצונעמענ.

עספיר מיכײַלאָוונע האָט אָפּגעהאקט געזאָגט: „מירנ נאָך מיט אײַך ריידנ”, אונ איז ארופגעגאנגענ צוריק וצו זיך אינ שטוב.

מיט צעשטרייטע אויגנ האָט עספיר מיכײַלאָוונע געקוקט אפ די ווענט, אפנ מעבל, אפ די קליידער, יאפ אלצ, וואָס איז אָנגעפּראטעט געוואָרנ פאר לאנגע יאָרנ. אינ די שווערע שאָענ פונ פארלאָזנ די אײַנגעזעסענע היימ האָט אלצ זיך געדאכט פאר איבעריק. קומט צו דער האנט א קאָפּטל, באטראכט עס די פרוי, דרייענדיק עס אינ דער האנט. זי קוקט אפנ בארג פעקלעך אונ לייגט אוועק דאָס קאָפּטל אינ א זײַט. מע וועט זיך באגיינ אָנ דעמ.

עספיר מיכײַלאָוונעס אויג איז צוגעצויגנ געוואָרנ צומ פאָרצעלײַנגעמ קרעדענצ אפנ בופעט. ס'האָט א שניט געטאָנ אינ הארצנ. זי האָט זיך דערמאָנט, אז דעמ קרעדענצ האָבנ פרײַנט געשענקט פאראיאָרנ די קראמערס צומ צוואנציקיאָריקנ כאסענע־יובילײ, זי קערעוועט אָפּ די אויגנ, ווי פונ אנ אָפּגעשטאָרבענעמ.

אָסיפ האָט שוינ צוויי מאָל געקלונגענ אונ זיך געבעטנ צו אײַלנ. דער הייל־אנשטאלט גרוזעוועט זיך שוינ אינ ספעציעלע פראכט־וואגאָנעס, וועלכע מע וועט, מעגלעך, צוטשעפענ צו אנ עשעלאָנ, וואָס וועט באנאכט אָפּגיינ.

דער טעלעפאָנ האָט זיך ווידער צעקלונגענ.

— ווער איז? — האָט זיך נאָכגעפרעגט עספיר מיכײַלאָוונע. — אכ, יאקאָוו, ווענ ביסטו געקומענ צו פאָרנ? נאָך נעכטנ! אזוי גאָר, איר זעט, שווער, איך האָב אײַך געזאָגט, ער וועט קומענ.

דער אלטער לייב איז שוינ געשטאנענ לעמ טעלעפאָנ אונ מיט די אויגנ געבעטנ איבערגעבנ דעמ יונגערנ זונ ווענג זיכ.

— יאקאָוו, — האָט עספיר מיכײַלאָוונע ניט געוווּסט ווי מיטצוטיילנ, — דער טאטע איז דאָ. — אונ די שנור האָט איבערגעגעבנ דאָס טרײַבל דעמ אלטנ אינ די הענט ארײַנ.

ניט געקאָנט זיך באהערשנ, האָט דער אלטער מיט א ציטעריקער שטימ עפּעס געוואָלט זאָגנ, אָבער ס'האָט זיך בא אימ גאָרניט באקו־

מענ. דער ײדענעם צװײ קלענערע קינדער האָבנ געװײנט, אונ לײב האָט געמוזט אװעקלײגנ דאָס טרײַבל.

ס׳האָט ניט געדױערט קײנ סאַך, האָט מענ אָנגעקלאַפּט אינ טיר אונ ס׳האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אינ שטוב יאַקאָװס שאָפער.

— װוּ איז דער דיעדושקע? — האָט דער שאָפער געפרעגט, — דער דירעקטאָר האָט געהײסנ ברענגענ אימ.

לײב האָט אָנ איבעריקע פרעגענישנ זיך אױפגעהױבנ פונעמ אָרט אונ זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער מאַשינ.

װענ מ׳האָט געבראַכט דעמ אַלטנ אינ סאַמע עק פונ קורעניאָװקע, װוּ ס׳איז געשטאַנענ יאַקאָװס זאַװאָד, איז נאָך געװענ באַטאָג. מ׳האָט דעמ אַלטנ אַרײַנגעפירט אינ זונס קאַבינעט, אָבער יאַקאָװ אַלײנ איז לאַנג ניט געקומענ, אונ דער אַלטער האָט פונ לאַנגװײַל גענומענ דרעמלענ. ענדלעך, איז יאַקאָװ אַרײַנגעקומענ אינ קאַבינעט, דער פאָטער איז געבליבנ צוגעזאָטנ צומ אָרט אונ גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגנ. ס׳האָט באַ אימ אָפּגענומענ דאָס לאָשנ.

— איך בינ זײער צופרידנ, — האָט יאַקאָװ געזאָגט, — איז קומ מיט מיר אַראָפּ, װעסטו זיך זעצנ אינ מײַנ מאַשינ, אונ איך װעל צו דיר צוקומענ אַלע מאָל, װענ איך װעל האָבנ אַ מעגלעכקײַט.

לײב איז אַראָפּ, זיך אַרײַנגעזעצט אינ אױטאָמאָביל. פונ דאָרטנ האָט ער געזענ, װי אָנ אַ שיר פראַכט-װאַגאָנעס האָבנ זיך אָנגעפילט מיט גרױסע מאַשינעס, װאָס אַרבעטער האָבנ געשלעפּט פונ זאַװאָד-הױפ. די װאַגאָנעס פלעגנ אָפּשטײנ אַ שטיקל צײַט, אָנגעלאָדנ װערנ, אונ אָפּטרעטנ דאָס אָרט אַנדערע, װאָס האָבנ געװאַרט, מע זאָל זײ אױך אָנלאָדנ מיט דער פראַכט. דער זונ איז אַלץ ניט צוגעקומענ. דער אַלטער האָט אימ געזענ, װי ער איז אַלעמאָל געשטאַנענ לעמ אָנ אַנדער װאַגאָנ, װוּ מע האָט געלאָדנ מאַשינעס. יאַקאָװ האָט, װײַזט אױס, אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אָפּעראַציע.

עפּעס אײנמאָל איז יאַקאָװ צוגעלאָפנ צו דער אױטאָ-מאַשינ אונ אַרײַנגעשריגנ:

— האָב קײנ פאַריבל ניט, טאַטע, איך װעל זיך באַלד באַפרײַענ.

דער „באַלד“ האָט נאָך זײער לאַנג געדױערט. דער אַלטער האָט אײַנגעדרעמלט. ס׳האָט אָנגעהױבנ צופאַלנ דער פאַרנאַכט. פונעמ דניעפער איז געגאַנגענ אַהער אַ קילקײַט, װאָס האָט זיך געלײגט איבער דער גאַנצער זאַװאָד-געגנט. פיל אָנגעלאָדענע װאַגאָנעס זײַנענ געשטאַנענ אינ װאַרטעניש, אַז אַ לאָקאָמאָטיװ זאָל זײ אַװעקפירנ צו דער סטאַנציע. דער אַלטער האָט זיך שױנ אױפגעכאַפּט פונ זײַנ דרימל. ס׳האָט אימ בעפײרעש פאַרדראָסנ אָפּנ זונ, װאָס האָט אימ געלאָזט דאָ זיצנ אײנעמ אַלײנ.

ס׳איז אונטערגעקומענ דער שאָפער, געזאָגט, אַז דער דירעקטאָר האָט באַפױלנ אָפּפירנ דעמ דיעדושקע אַהײמ. מע זאָל אָפּ אימ זיך ניט בײזערנ, ער איז שטאַרק פאַרנומענ. לײבנ האָט דאָס זײער געאַרט, אָבער ער האָט געשװיגנ. װענ ער איז אַרײַנגעקומענ אַהײמ, האָט ער אַ בורטשע געטאָנ:

— געלאָזט אָפּ זיך אַ קוק טאָנ אונ שױנ.

מערער האָט מען זיך באַם אלטן קיין וואָרט ניט געקאָנט דער־וויסן.

עספיר מיכײַלאָווגע איז געווען מיד פון פאַקעווען זיך.

צו די זאכן, וואָס עספיר מיכײַלאָווגע האָט אָפּגעלייגט אַפּ מיט־צונעמען, איז צוגעגאַנגען דינע, געקוקט דערויף לאַנג, — דערנאָך גע־נומען א בלימשקע קאָפּטל אין די הענט און א זאָג געטאָן:

— מאַמע, עפּשער דאַרף מען דאָס ניט מיטנעמען?

— פאַרוואָס?

— מיר וועלן דאָך איבגיכן זיך אומקערן! — ענטפערט די טאָכ־טער און סע פילט זיך לויט אירע פרעגנדיקע אויגן, אז זי זוכט א באשטעטיקונג צו אירע שווערע געדאַנקען.

— הער, דינע, — זאָגט די מוטער, — דו גיי זוך אוים באַנקען. די מינוט זאָל זי קומען אהער.

— צוליב וואָס? — פרעגט פאַרוווּנדערט דינע.

— זי וועט פאָרן מיט אונדז.

דינען געפעלט עס. זי פרעגט מער גאָרניט איבער און לויפט אוועק זוכן באַנקען.

דער אלטער האָט מיט ציטעריקע הענט געהאָלפן זיך פאַקעווען, אָבער ס'איז אים אלץ געפאַלן פון די הענט. באמערקט דאָס, האָט כריסטיא ניט געוואָלט ליידן:

— ניט קיין גוטער סימען, זיידעניו, לייגט בעסער אוועק, אניט וועט מען די זאך, וואָס איז פון אײַערע הענט ארויסגעפאַלן, ניט טאָרן מיטנעמען.

— צו אלדי גוטע יאָר! — דערשרעקט זיך דער אלטער. — ס'איז שוין גענוג פון מיר אָפּגעפאַלן, — און שטילינקערהייט איז ער זיך צוועקגעגאַנגען אין אָסיפּס קאבינעט.

דינע איז געקומען מיט גאָרניט: זי האָט באַנקען אין צוזאמענ־וווּינונג ניט געטראָפן. אָבער א צעטעלע פון באַנקעס ווענן האָט זי געלאָזט. באַנקע וועט קומען, האָט זי פאַרזיכערט די מוטער, באַנקע וועט געוויס מיט אונדז פאָרן...

— נו, כריסטיא, און דו ביסט שוין גרייט אין וועג אריין? — האָט געפרעגט עספיר מיכײַלאָווגע.

דאָס שטוב־מיידל האָט, ניט געטראַכט, געענטפערט:

— איך האָב זיך ניט וואָס צו גרייטן. איך פאָר ניט.

— מירן דיך ניט איבערלאָזן, — האָט ביילעך דערווידערט עספיר מיכײַלאָווגע, — גרייט זיך צו.

— גיין, עספיר מיכײַלאָווגע, אומזיסט אײַערע רייד!

דינע איז צוגעגאַנגען, זי ארומגענומען, געהאלדזט און געבעטן:

— איך בין געוווּנט צו דיר... פאָר מיט אונדז.

— ני, ני, — האָט כריסטיא געטײַנעט, — איך וועל אוועק קיין גאַ־ריוועקע. אַפּ מײַן ערד, אונטער מײַן זון...

עספיר מיכײַלאָווגע איז אראָפּגעגאַנגען צו די ראַוויטשעס. אין דער פינצטער האָט זי זיך אוועקגעשטעלט לעם איר קראַנקער באַוואָרטע און מיט א מונטער קאָל געזאָגט:

— ליובע, איכ וואַרט אָפּ דיר.

די קראַנקע האָט אָנגעטאַפּט עספּיר מיכײַלאָוונעס האַנט, צוגעצויגנ זי צו זיכ נעענטער.

— פֿירע, טײַערע, צו וואָס דאַרפּ איכ שטאַרבנ אינ וועג?

— שווײַג! — אונ עספּיר מיכײַלאָוונע האָט מיט אַ געהעכערטער שטימ זיכ געווענדט צומ פֿידלער: — זיאַמע, נעמט די פֿידל אונ קומט מיט מיר. ליובענ וועלנ מיר דערנאָכ אַריבערטראָגנ...

אָבער זעלמאַנ ראַוויטש האָט זיכ אַפֿילע ניט גערירט פֿונעמ אָרט. קאַלטבלוטיק צוגערייכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט ער מיט אַ שטיל קאָל געענטפֿערט:

— פֿאָרט אײַכ געזונטערהייט, אונ מיר וועלנ שוינ אינ קיִעוו ווײַזעס־איז איבערפּאָקנ...

זיכ איבערצײַגט, אַז זי וועט גאָרניט מאַכנ מיט די ראַוויטשעס, האָט עספּיר מיכײַלאָוונע זיכ אָנגעבויגנ צו ליובאָוו אַראָנאָוונע, זיכ צעקושט מיט איר אונ אַרופּ צו זיכ. ס׳איז שוינ געווענ צײַט צו פֿאָרנ אָפּנ וואָקזאַל.

באַ דער בלאַסער שײַנ פֿונ דעמ בלאָווּנ לעמפּעלע ערגעצ אינ פֿאַרמאַכטנ וואַגע־צימער זײַנענ געשטאַנענ עספּיר מיכײַלאָווענע, דינע, דער אַלטער לייב, כריסטיאַ אונ די ייִדענע מיט די דרײַ קינדער. מע האָט באַטראַכט איינע דאָס אַנדערע, גלײַכ מע האָט געזאָלט באַלד אָפּטאָנ עפּעס אַ זאַכ, פֿאַר וועלכער מ׳האָט זיכ געשעמט. כריסטיאַ האָט געזאָגט:

— זעצט זיכ צו, איידער איר גייט אַרויס.

מע איז אַרויסגעגאַנגענ אינ פֿינצטערנ עסצימער אונ אָפּ אַ ווײַלע זיכ אָווּעקגעזעצט.

געקומענ אָפּנ וואָקזאַל, האָט עספּיר מיכײַלאָווענע אַ לאַנגע צײַט געבלאָנקעט אינ דער פֿינצטערניש אונ פּלוצעמ דערהערט באַקאַנטע שטימענ. זי איז צוגעגאַנגענ נעענטער אונ דערזענ, אַז זי האָט קיינ טאָעס ניט געהאַט: דאָס האָט גערעדט אָסיפּ קראַמער מיט זײַנ ברודער יאַקאָוונ.

דער אומרויִקער מילכאָמע־גײַסט האָט זיי צונויפֿגעפֿירט אָפּ דער פּלאַטפֿאָרמ פֿונעמ קיִעווער וואָקזאַל — דעמ אָנגעזעענעמ כירורג אונ דעמ דירעקטאָר פֿונ אַ מיליטער־זאַוואָד. זיי האָבנ זיכ דערפֿילט שטאַרקער, וואָס זיי זײַנענ צוזאַמענ, אָבער יעדערער פֿונ זיי איז געווענ צעבראָכנ אונ האָט פֿאַרשטאַנענ, אַז האָס אָוועקפֿאָרנ פֿונדאַנענ רײַסט זיי אָפּ פֿונעמ סאַמע נאָענטסטנ אונ טײַערסטנ — פֿונ דער היימ.

עס איז צוגעקומענ דער אַלטער לייב. עספּיר מיכײַלאָווענע האָט געקוקט ווי אַלע דרײַ שטייענ זיי צוגעטוליעט איינער צומ אַנדערנ. ס׳איז אַרויסגעשווומענ די לעוואָנע אונ אַרויסגעריסנ באַ דער טונקלקײַט די שאָטנס פֿונ מויערנ אונ גאַסנ. אינ דעמ מאָמענט האָט עספּיר מיכײַלאָווענע אַ קוק געטאָנ צו דער שטאָט, וואָס האָט זיכ פֿונדאַנענ געמינעט אונטער דער אויפֿגעגאַנגענער בלאַסער לעוואָנע, אונ זיכ דערמאָנט, אַז זי געזעגנט זיכ מיט קיִעוו. אונ כאָטש דער זונ אירער איז דאָ שוינ

לאנג ניט געווען, האָט זיך איר דאָך געדאכט, אז זי לאָזט אים דאָ איבער. זי איז צוגעגאנגען צומ מאנ, און אלײן ניט פארשטײענדיק, וואָס זי איז אויסן, האָט זי געזאָגט:

— איר גײט זיך שוינ אופזעצן, און וואָס וועט זײַנ מיט מישען?

אלע דרײַ מאנספארשוינען האָבנ זיך א קערעווע געטאָנ מיטנ פאָנעם צו איר, מ'האָט פארשטאנען איר צושטאנד און גאָרניט געענטפערט. אָסיפ האָט אָנגענומען עספיר מיכײַלאָווגע אונטערנ אָרעמ, און, אפאָנעמ אפ צו פארײדנ די צײַנ, געזאָגט:

— ווי געפעלט דיר? א גליקלעכער צופאל! דער עשעלאָנ פונ מײַנ שפיטאָל פאָרט גראדע אינײנעמ מיט יאקאָווס זאוואָד.

ווענ דער עשעלאָנ האָט געזאָלט אָפגײנ איז ניט געווען באוווּסט. מ'איז אָפגעשטאנענ די גאנצע נאכט און אלע מאָל געמײנט — אָט־אָט רירט מענ זיך פונעמ אָרט.

דער הויכער פארזעסענער באָכער יאקאָוו קראמער, וועלכער האָט זײַנ גאנצע לעבנס־ענערגיע אָפגעגעבנ דעמ זאוואָד, איז געווען אומגעדולדיק, און אפנ צווײטנ פרימאָרגנ, ווענ דער עשעלאָנ איז נאָך אלצ געשטאנענ אפ דעמ זעלבנ אָרט, האָט ער אוועקגעשיקט א בליצ־טעלעגראמ אינ לאנדשוצ־קאָמיטעט.

אימ, דעמ דירעקטאָר פונעמ בארימטנ זאוואָד אינ אוקראינע, האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער קומענ אפנ אָרט און ארײַנבלאָזנ א נײַ לעבנ אינ די טײַערע מאשינעמ, וועלכע זײַנענ ארויסגעשלעפט געוואָרנ פונ אונטער דעמ סוינעמ באָמבעמ און ווערנ איצט געפירט, ווי די אײדלסטע דימענט־שטײנער.

ניט לאנג פאר דעמ, ווי דער עשעלאָנ איז אָפגעפאָרנ, איז אפנ וואָקזאל געקומענ כאנקע שקליאר און אָפגעזוכט די קראמערס.

— ווו ביסטו עס פארפאלנ געוואָרנ? — האָט זיך דערפרײט עספיר מיכײַלאָוונע, ווענ זי האָט דערזענ כאנקענ. דו דארפסט פאָרנ מיט אונדז, — און עספיר מיכײַלאָוונע ווינקט דערבײַ צו אָסיפנ, ער זאָל זי אונטערהאלטנ.

פאר כאנקענ איז דאָס געווען אומגעריכט.

— נו, קריכ ארײַנ ווי דו שטײסט און גײסט, אָנ שומ טײַנעמ. — בארויִקט זיך ניט עספיר מיכײַלאָוונע. — גוט, וואָס דו האָסט אונדז געטראָפנ. וואָס וואָלטנ מיר געזאָגט מישענ?

דאָס מײדל איז רויט געוואָרנ. דינע איז צו איר צוגעגאנגענ, ווי צו אנ אײגענער, זיך געבעטנ בא איר, זי זאָל ארײַנקריכנ אינ וואגאָנ, זי געצויגנ פאר דער האנט.

נאָר כאנקע שאָקלט אלצ מיטנ קאָפּ: נײנ, נײנ, זי וועט ניט פארלאָזנ קיִעוו. זי קאָנ ניט. זי וועט סאָפקאָלסאָפ פויעלנ, מע זאָל זי נעמענ אינ א טײל, וואָס גײט אפנ פראָנט.

און נאָך א קלײנינקער ווײַלע פונ שווײַגנ זאָגט זי פארקלערט:

— און די עלטערנ מײַנע בלײַבנ דאָ... אינ גארויִקע.

— האָסט דאָך געוואָלט צו מיר אינ שפיטאָל, איז פאָר מיט, — זאָגט אָסיפ לוואָוויטש.

— ניינ, ס'איז ניט פאר מיר. — די באקנ פלאמענ בא איר. דערפונ זעט זי אויס פרישער, לעבעדיקער.

— איר מוזט טאקע אלע אומקומענ אינ שלאכט? — פארענדיקט טרויעריק אָסיפ.

— רייד ניט וועגנ אומקומענ. גענוג שוינ אומגעקומענ, — שלאָגט אים איבער דער אלטער לייב.

כאַנקע איז אריינ אינ וואַגאָנ, געוואָלט זענ, ווי די קראמערס האָבנ זיכ איינגעמאָסטעט. זי האָט געפונענ, אז מע וואָלט געדארפט מיט זיכ פארנעמענ נאָכ שטוב=זאכנ, כאָטש מע פאָרט צייטווייליק, אפ צוריק זיכ אומקערנ. דערנאָכ האָט זי זיכ אָנגעבויגנ צו עספיר מיכיילאָוונע אפנ אויער אונ געבעטנ איבערלאָזנ מישעס פאָטאָגראפיע.

— וואָס זשע, ער האָט דיר ניט געשיקט די גאנצע צייט?

— געשיקט, נאָר איכ האָב זי, ווייזט אויס, פארלאָרנ.

ס'איז געווענ קענטיק, אז די קראמערס איז ביז גאָר אָנגענעמ געווענ, וואָס גראָדע איצטער, אינ די לעצטע פיינלעכע מינוטנ פארנ אָפּפאָרנ פונ קיעוו, גייט א שמועס וועגנ מישענ. עספיר מיכיילאָוונע האָט ארויסגעקריגנ א פאָטאָגראפיע, ווו מישע איז ארויפגענומענ אלס שילער, אונ דערלאנגט כאַנקענ.

— ניינ, ניט דאָס בילד מיינ איכ, — זאָגט כאַנקע.

— אזוי, אזוי, מיידלעכ האָבנ ליב א באָכער אינ וואָיענע, — מישט זיכ אריינ לייב, — א גראזשדאנסקי איז ניט אזוי אָנגעלייגט...

א רויט געוואָרענע האָט כאַנקע אויסגעשטרעקט די האנט אונ באַקומענ מישעס בילד.

דער עשעלאָנ האָט זיכ שוינ גערירט. כאַנקע האָט מיט מישעס בילד אינ דער האנט געפאָכעט צו די קראמערס, וואָס האָבנ זיכ אלע אוועקגעשטעלט לעמ דער אָפענער טיר אונ געקוקט מיט געזעגענונגס=בליקנ. דינע האָט ארויסגעשריגנ:

— זאָל כאַנקע אריינגייענ צו כריסטיענ.

עספיר מיכיילאָוונע האָט צוגעגעבנ:

— זאָל כאַנקע איבערגייענ צו זיי אינ דער דירע...

דער צוג איז אָפּגעפאָרנ פונ דער סטאנציע. ער האָט אלצ מער אונ מער פארגיכערט דעמ גאנג. אנטקעגנ זיינענ שוינ געשוואומענ די ביישטאָטישע סעדער אונ גערטנער. עספיר מיכיילאָוונע איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ דער אָפענער וואַגאָנ=טיר.

אנ אינדערפריענדיק רויכל האָט זיכ געשפרייט פונ די אופגעוואכטע ארומיקע דערפער אונ זיכ געטוליעט צו דער ערד. דאָס רויכל האָט זיכ געוויגט, געקנוילט אלצ נעענטער צומ אנטלויפנדיקנ צוג, געבראכט מיט זיכ א גרוס פונ די פויערישע כאטעס. נאָכדעמ האָט זיכ דאָס רויכל געפלאָנטערט צווישנ די שלאנקע דינע סאָסנע=ביימער אינ שיטערנ וועלדל, וואָס האָט זיכ געצויגנ צומ גרינבלעכנ ווייסנ הימל, דער יונגער סאָסניאק האָט געשמעקט טערפקע אונ אָנגענעמ פארשלאָגנ דעמ אָטעמ. די שטילקייט, וואָס איז אופגעגאנגענ פונ דער געגנט, האָט ארומגענומענ דעמ יאָגנדיקנ עשעלאָנ.

אָסיפ איז אויכ צוגעגאנגענ צו דער אָפענער טיר, באהערשט גע=

װאָרנ פונ דער שטילקײט, װאָס איז געגאַנגענ פונ דער פּאַרטאָגיק־אופוואַכנדיקער געגנט. ער האָט א קוק געטאָנ אפ עספּיר מיכײלאָװנעס פּאָנעם אונ איבערגעלייענט אפ דעמ אירע געדאַנקענ.

— אָכיפ, מיר װעלנ נאָך לאַנג לעבנ? — פרעגט פּלוצעמ עספּיר מיכײלאָװנע.

— לאַנג, לאַנג, אַניט װאָלט מענ אונדז ניט עװאַקויִרט.

— אָט דאָס איז א גאָלדענער געדאַנק — לאַנג לעבנ, נא זלאָ נאַרמענאָמו סאָסעדו, — כאַפּט אונטער יאַקאָװ.

זיי האָבנ געזעסנ פונדערװײַטנס בינשטאָקנ אונ װי א פּויער אינ א װײַסנ קאָלפּאַק האָט זיך לעמ די בינשטאָקנ געפּאָרעט. עספּיר מיכײלאָװנע האָט זיך דערמאָנט אינ איר קינדהײט אינ װאָלינ. ניט װילנדיק שטרעקט זי אויס איר רעכטע האַנט צו דער ראַכװעס... אפ איר לינקער האַנט קײַקלט זיך אראָפּ א פולע טרער... עס טוט זי א ברי. זי שלינגט אראָפּ א זיפּצ אונ זאָגט שטיל, װי א טפילע:

— אוקראַינע מײַנע!

קאַפּיטל זיבנ

צװאַנציק מינוט

איליושע קאָװטונ איז געזעסנ לעמ פענצטערל פונעמ קופּע אונ ארויסגעקוקט צו די פּאַרטאָגיקע פעלדער, װאָס האָבנ געדרימלט אונטער דער אופגייענדיקער זונ. דערנאָך האָט ער זיך אופגעשטעלט, זיך אויסגעצויגנ, א קוק געטאָנ אפ זײַנע צװיי כאַװײרימ לייטענאַנטנ, װאָס זײַנענ געשמאַק געשלאָפנ אפ די אונטערשטע בענק. איליושע האָט זיי געװאָלט אופװעקנ — װאָס איז דאָס פאַר א שלאָפנ אזוי שפּעט? אינ דער אװיִאַ־שול פלעגנ זיי צו אָט דער צײַט שוינ זײַנ װאַך אונ שוינ ארבעטנ אפילע, אונ דאָ קלײַבט מענ זיך ערשט איבערקערנ זיך אפ דער רעכטער זײַט.

אפ דער אנטקעגנדיקער באַנק ליגט מישע קראַמער, זײַנ פּאָנעמ איז א ביסל פאַרפאַליעט. די גרויסע האַנט האַלט ער אפ דער ברוסט, פּונקט אזוי, װי ער האָט זי געהאַלטנ בעשאַס דער געזעגענונגס־רעדע זײַנער אינ שול, אײדער זיי האָבנ זיך געלאָזט פאָרנ אפנ פראָנט. איליושע פרװוט אראָפּנעמענ דעמ כאַװערס האַנט פונ דער ברוסט, נאָר מישע לייגט זי צוריק אװעק אפנ זעלביקנ אָרט. איליושע טוט א טאָרע מישענ:

— שטיי אופ, פּויליאַק! ס'איז שוינ קיִעװ.

דאָס האָט, װײַזט אויס, דערהערט סײַפּי גינאַטולינ, װאָס איז געלעגנ אפ דער אייבערשטער באַנק. איז ער אראָפּ אונ ראַפּטאָמ זיך א לאָז געטאָנ צומ פענצטער.

— קיִעװ? — אונ גינאַטולינ איז צוגעזאָטנ געװאָרנ צו דער שויב.

איליושע פרעגט:

— וואָס היצסטו זיכ, סאַפּי? ס'איז דאָכ קיִעוו, ניט אופא!

— טאקע דעריבער, — פארענטפערט זיכ גינאטולינ. — מע טאָר ניט פארשלאָפנ קיִעוו...

— כאַפּ א קוק, — ווײַזט אילױשע אפ קראמערנ, — נישט אנדערש: עס באַלעמט זיכ אימ אַנ אויסטערלישער כאָלעמ...

ביידע לייטענאנטנ האָבנ זיכ ארומגעוואשנ, זיכ צוגעקעמט, נאָכדעמ האָבנ זיי אופגעוועקט מישע קראמערנ.

אופגעריסנ די אויגנ, האָט מישע זיכ אָנגעבויגנ צומ פענצטער:

— נאָכ ווײַט צו קיִעוו?

ווינקענדיק צו סאַפּי גינאטולינענ, האָט אילױשע קאלטבלוטיק געענטפערט:

— שוינ לאנג דורכגעפאָרנ, האָסט פארשלאָפנ.

— נו, נו, טרײַב ניט קיינ שפּאס... כעוורע, האָט זיכ מיר געכאָלעמט...

— וואָס האָב איכ דיר געזאָגט, — האָט אילױשע געווונקענ צו גינאטולינענ.

אונ ניט דערוואַרטנדיק זיכ, מע זאָל אימ פאָרלייגנ דערציילנ, הייבט מישע קראמער אָנ:

— כאַלעמט זיכ מיר דער צוואַנציקסטער יונ, מיר באקומענ אלע אורלויב אונ מיט א טאָג שפּעטער צעפאָרנ מיר זיכ. סאַפּי פאָרט אוועק צו זיכ אינ באשקיריע עסנ האָניק ערגעץ הינטער אופא, אונ דו, אילױשא, פאָרסט מיט מיר קיינ קיִעוו. מײַנע עלטערנ וואַרטנ אפ מיר מיט גרויס אומגעדולד — א קלייניקײַט — צוויי יאָר זיכ ניט געזענ! מיר פאָרנ צו צומ קיִעווער וואָקזאל, מיר נעמענ א טאקסי אונ פאָרנ צו ביז צו איינעמ א הויז, וו אפ דער טיר פונ איינער א דירע איז צוגעשלאָגנ א שיינע אופשריפט: „דאָקטער אָסיפּ קראמער". איכ בלײַב שטיינ אינ א זײַט, אונ דו, אילױשע, קלאַפּסט אָנ. די טיר עפנט כריסטיא. „וועמענ דארפט איר?" אונ דו ענטפערסט ניט אונ לאָזט זיכ גלײַכ אינ שטוב. כריסטיא פארלויפט דיר דעמ וועג, נאָר דו זאָגסט, אז דו האָסט א גרוס פונ מיר. כריסטיא לויפט אופוועקנ מײַנ מוטער. מײַנ מאמע גייט ארויס צו דיר, פארבעט דיכ אינ פאָטערס קאבינעט, אונ איידער זי באווײַזט נאָכ עפּעס א פרעג טאָג, בינ איכ שוינ אלייַנ דאָ...

גינאטולינ האָט אומצופרידנ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ:

— פארוואָס בינ איכ מיט דיר ניט מיטגעפאָרנ אינ כאָלעמ?

— איכ האָב דאָכ געזאָגט: ביסט אוועק לעקנ האָניק צו זיכ אינ קאָלכאָז. דערפאר וועלנ מיר זיכ שוינ איצטער מער ניט צעשיידנ, מיר וועלנ זאָגנ: „מיר ווילנ זײַנ אלע דרײַ אינ איינ עסקאדריליע".

— ס'איז געווענדט אינ קאָמאנדיר, — זאָגט אילױשע.

— דעמ קאָמאנדיר קאָנ מענ אײַנריידנ, מירנ זאָגנ, אז מיר זײַנענ לאנדסלײַט, — שמייכלט גינאטולינ.

— טאָטשנאָ! — צעשמייכלט זיכ אויכ מישע. ער איז צופרידנ, וואָס די פרײַנט זײַנענ מיט אימ מאסקימ. ער האָט שטענדיק געהאלטנ, אז אילױשע איז א ליבער כאַווער, אנ איבערגעגעבענער. עס טרעפט

נאָר אמאָל־אמאָל, אז ער ווערט צו שוויַיגנדיק אונ האלט זיכ מיט איבעריקנ שטאָלצ, אונ סיַיפי איז אויכ אזא טיַיערער פריַינט. כאָטש ער איז א שטיק אקשנ, האָט ער דאָכ זיכ ליב צוצוהערנ אונ ווערט צוגעלאָזט אונ אפילע מילד, אזוי ווי א פרוי. מיט זיי ביידע — טראכט זיכ מישע — וואָלט ער געקענט וועלטנ איבערקערנ, אונ איצטער איז עס דאָכ באזונדערס נייטיק, איצט דארפ מענ פילנ ארומ זיכ דעמ כאווערנ אקסל, וויַיל מע טרעט ארויס איניינעמ קעגנ דעמ סוינע, אונ דער סוינע איז א שרעקלעכער. פונ די געדאנקענ לייגנ זיכ אימ אוועק צוויי קנייטשנ לענגאויס זיַינ קניַילעכיקנ שטערנ.

— וועגנ וואָס קלערסטו? — שלאָגט אימ איבער איליושע.

— איכ האָב געקלערט... — ענטפערט מישע. אונ נאָכ א קליינינקער פאוזע טוט ער א פרעג: — כעוורע, איר געדענקט ניט, פונ וועלכער סטאנציע האָב איכ געשיקט די טעלעגראמ אהיימ? אויב ס'וועט פארשפעטיקנ, וועט זיַינ זייער פארדראָסיק.

דער צוג איז געלאָפנ אלצ נעענטער צו קיִעוו.

* * *

דעמ זעלביקנ אינדערפרי האָט מענ אינ אָסיפ קראמערס קווארטיר געבראכט א טעלעגראמ פונ מישענ.

— נעבעכ וואָלט זי אָנגעקומענ נעכטנ, וואָלטנ זיַיניקע זיכ פארהאלטנ נאָכ אפ א טאָג... — האָט באדויערט כריסטיא.

כריסטיא האָט זיכ געלאָזט לויפנ מיט דער טעלעגראמ אינ דער צוזאמענוווינונג פונ די סטודענטנ, ווו זי האָט גערעכנט טרעפנ כאנקע שקליאר. כריסטיא האָט געטראכט: אויב זי וועט כאנקענ ניט טרעפנ, וועט זי אליינ פאָרנ אפנ וואָקזאל.

פלוצעמ האָט זי אפ דער אנטקעגנדיקער זיַיט גאס דערזענ כאנקענ.

— כאנקע!..

כריסטיענ האָט אזש פארכאפט דער אָטעמ. ניט וויַיזנדיק די טעלעגראמ, האָט זי אָנגענומענ כאנקענ אונטערנ אָרעמ אונ זיכ געלאָזט מיט איר גיינ. ערשט באמ צווייטנ ראָג האָט כריסטיא ארייַנגעאָטעמט כאנקענ גליַיכ אינ אויער: „מישע קומט!..“

כאנקעס אויגנ לויכטנ מיט סימכע. ערשט איצטער האָט כריסטיא איר באוויזנ די טעלעגראמ. איבערגעלייענט, איז כאנקע אזש אונטערגעשפרונגענ. ביידע מיידלעכ האָבנ זיכ ארומגענומענ, גליַיכ ווי מיט מישעס פארביַיפאָרנ וואָלט פאר זיי ביידע געקומענ די אויסלייזונג פונ אלע שוועריקיַיטנ.

אפנ וואָקזאל זיַינענ די מיידלעכ געקומענ פרי. ניט געקענט זיכ דערוויסנ גענוי, ווענ דער צוג וועט קומענ, האָבנ זיי זיכ לאנג ארומגעדרייט אפ דער פלאטפאָרמע. זיי האָבנ געזענ, ווי פארביַי דעמ וואָקזאל זיַינענ דורכגעפאָרנ צענדליקער עשעלאָנענ מיט וויַיבער אונ קינדער. די אָפענע פראכט־וואגאָנעס אונ פלאטפאָרמעס, געלאָדענע מיט שטוב־זאכנ, האָבנ זיכ טרויעריק געטרייסלט.

זיי האָבנ געזענ, ווי וויַיבער זיַינענ אינ איינ אָטעמ געלאָפנ איבער דער פלאטפאָרמע זוכנ א הייסנ טשיַיניק וואסער, נאָר אלצ איז שוינ געווענ אויסגעטרונקענ פונ די אומגעהייערע מענגעס, וואָס זיַינענ דאָ

דורכגעפאָרנ דעם טאָג, האָבנ די ווײַבער זיך אומגעקערט צוריק אינ די וואגאָנעם פארלוירענע, דערשראָקענע, זיך געשלעפט מיט צעפלאָנטערטע טריט. א קליינ מיידעלע איז באַכגעלאָפנ דער מאמענ אונ איז געפאלנ. זי האָט אופגעהויבנ א געוויינ. די מוטער האָט זי גענומענ אפ די הענט, געוואָלט זי אײַנשטילנ, נאָר אינ דער צײַט איז אָנגעקומענ א פרישער צוג, האָט זיך געשטעלט אפ דער ערשטער קאָליִע, אָפגעשניטנ די פרוי מיטנ קינד פונ זייער עשעלאָנ, וואָס איז געשטאַנענ אפ דער פערטער קאָליִע. איצט האָט אײנײנעם מיטנ קינד געוויינט שוינ אויך די מוטער.

מישע איז ארויס פונ וואגאָנ אונ אָנגעהויבנ נישטערנ מיט די אויגנ איבער דער פלאטפאָרמע. ניט געפונענ קיינעם פונ זײַנע אייגענע, האָט ער זיך געווענדט צו זײַנע כאווייריִם איליושע אונ סײַפי, וועלכע זײַנענ געשטאַנענ באַם פענצטער מיט ארויסגעשטעקטע קעפ:

— ווײַזט אויס, די טעלעגראמ האָט פארשפעטיקט.

די כאווייריִם האָבנ אימ געטרייסט:

— עמעצער וועט נאָכ אונטערקומענ.

— מישע! — האָט זיך פלוצעם דערהערט כריסטיעס קאָל.

פאר איר איז געשטאַנענ א הויכ=געוואקסענער יונג אינ דער אוניפאָרמ פונ אנ אוויִא=שול. פונ אונטער דער פילאָטקע האָבנ זיך ארויסגעריסנ געדיכטע טונקעלע האָר אונ אינ די ווינקלענ פונעם גרויסנ קײַלעכיקנ שטערנ געכטארטשעט מיט די אומהאכנאָעדיקע קרײַזלעכ, וואָס האָבנ געוואָרפנ א מילדנ שאָטנ איבער מישעס יונגנטלעכ=פארפלאמטנ פּאָנעם.

— זע נאָר, א מינ געזונטער ער איז געוואָרנ, — זאָגט כריסטיא, — גאָר ניט דער מישע. ווי זאָגסטו, כאנקע...

— געוויס, — זאָגט כאנקע, — ער איז דאָכ העכער געוואָרנ פונ מיר אפ א גאנצנ קאָפּ. — אונ זי האָט זיך צוגעשטעלט צו זײַנ אקסל.

מישע האָט זיך ניט גערירט פונ אָרט.

— אונ טאטע=מאמע ווו זײַנענ? — האָט ער געזוכט מיט די אויגנ.

— שוינ! עוואקוירט!..

ניט געוווסט, צי זאָל ער זיך פרייענ, צי באדויערנ — האָט זיך בא אימ ארויסגעכאפט:

— אזוי ווײַט איז שוינ פארגאנגענ?

דערופ האָט כאנקע גאָרניט געענטפערט.

— אונ דײַנע עלטערנ? — פרעגט זיך ווײַטער נאָכ מישע.

— מײַנע עלטערנ? אוי, מישע, וועגנ גאריוּוקע דערציילט דײַנ זיידע שרעקלעכע זאכנ.

— דער זיידע איז דאָ?

— ער איז אנטלאָפנ פונ דאָרטנ. באנאכט... ס'האָט געברענט פונ אלע זײַטנ.

מישעס פּאָנעמ ווערט הארטער. צווישנ די געדיכטע ברעמענ זײַנע ליגנ זיך אוועק צוויי טיפע קנייטשנ דערפונ, וואָס ער האָט זיי צונויפגעצויגנ אונ אָנגעשטרענגט. זײַנ ענערגישע שטימ טוט א קלונג איבערנ פעראָנ:

— מיר פאָרנ אפנ פראָנט — דאָרט וועל איכ זיכ נויקעמ זײַנ... זיכ אויסגעקערעוועט צו זײַנע פרײַנט, האָט ער זײ געבעטנ ארויסגײנ פונ וואַגאָנ. זײ זײַנענ ארויס.

— נו, מושקעטיאָרנ, באַקענט זיכ. — האָט מישע זיכ געווענדט צו זײ.

איליושע האָט זיכ פארנײגט, אונ גינאַטולינ האָט מײַסע קאַוואַליער א קלאַפּ געטאָנ מיט די אפּצאַסנ אונ ניט אויפגעהערט צו קוקנ אַפּ באַנקענ.

— איר זײַט געראָטנ אינ א באשקירקע. נאָר די נאָז בא אונדזערע איז ניט אזא דינע, די סקולעס בא אונדזערע — שאַרפער, — אונ האָט זיכ אַלײנ צעלאַכט.

בא כריסטיענ האָבנ זיכ די גאָלדענע האָר צעשאָטנ איבערנ פּאָנעמ. איצטער האָט זי זיכ געהאַלטנ מיט מישענ, ווי די אײנציקע פאָרשטײערנ פונ קראַמערס שטוב. זי האָט געוואָלט פארבעטנ מישענ דעמ טאַטנ, די מאַמע, דאָס שוועסטערל אונ אַפּילע דעמ זײדנ. דעריבער האָט זי אַלע ווײַלע געכאַפּט א קוק אַפּ מישענ מיט גאָר אַנדערע אויגנ. זי האָט געקלערט: „אזוי וואָלט אימ באַגעגנט עספיר מיכײַלאָווגע, אַנדערש וואָלט מיט אימ גערעדט אָסיפּ לוואָוויטש, גאָר אַנדערש — זײַנ שוועסטערל דינע, אונ דער אַלטער לײב וואָלט זיכ געכידעשט, וואָס מישע איז מענעריש געוואָרנ, ברײט אינ די אַקסלענ אונ דאָס קאָל איז בא אימ געוואָרנ גראָב — ניט צו דערקענענ“. דערזענ א הערעלע אַפּ מישעס פּאָנעמ, האָט זי א קלער געטאָנ: „עספיר מיכײַלאָוונע וואָלט זיכער ארויסגענומענ א טיכעלע אונ עס אָפּגעווישט.

— שטײ א ווײַלינקע.

אַלע קוקנ זיכ צו, ווי מוטעריש־זאָרגזאַמ כריסטיא נעמט אראָפּ דאָס הערעלע. מישע איז געשטאַנענ אינ פארלעגנהײַט. אינ זײַנע שטילע אויגנ באַווײַזט זיכ א שולדיק שמײכעלע. ער ווענדט פּאַמעלעכ אָפּ כריסטיעס האַנט.

א קוק געטאָנ אפנ זײגער אונ זיכ איבערצײַגט, אז עס זײַנענ נאָכ געבליבנ געציילטע עטלעכע מינוט, האָט ער אָנגענומענ באַנקענ אונטערנ אָרעמ אונ מיט איר אָפּגעגאַנגענ אינ א זײַט.

— ביסט שוינ א האַלבער דאָקטער, באַנקע?

— יאָ, אפנ דריטנ קורס.

— נו, אונ אפנ פראָנט גלוסט זיכ דיר גײנ? — שמײכלט צו איר מישע.

— איכ בינ געווענ אינ וואָיענקאָמאַט... — אײַלט זיכ ענטפערנ באַנקע.

— וואָס זשע איז געוואָרנ?

באַנקע מוט א שאָקל באַדויערנדיק מיטנ קאָפּ אונ לאָזט אראָפּ די אויגנ, ווי זי וואָלט זיכ פאַר עפּעס שעמענ.

— „זיצט אונ וואַרט ביז מע וועט אײַכ רופנ“, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט. — אונ נאָכ א קלײנינקער פּאַוזע שטילער צוגעגעבנ: — אימ איז גוט צו וואַרטנ...

— טײַערינקע, וועסט נאָכ זײַנ אפנ פראָנט אויכ.

מישע האָט ארופגעלייגט די הענט אף אירע אקסל. זי האָט זיך אזש געגעבנ א פעסטנדיקנ קנייטש אונטער זײַנע ווארעמע, גרויס=געוואָרענע הענט.

— ס'איז דיר שווער? — פרעגט מישע אונ זויל צונעמענ די הענט.

בא כאניקענ פלאמענ די לעפלעכ פונ די אויערנ.

— ניינ, ניינ, — אײַלט זי זיך אפגיכ אָפענטפערנ אונ מיט אירע הענט האלט זי צו זײַנע, — ס'איז מיר ניט שווער.

ער פארזשמורעט זיך.

— איכ וואָלט זיך איצט ניט אָפגעזאָגט א ביסל זיך צוזעצנ... — זאָגט אומגעריכט כאניקע.

מישע לייגט צונויפ זײַנע הענט, איבערגעפלאָכטנ מיט די פינגער, קערט זיי איבער מיט די דלאָניעס ארופ אונ, קוקנדיק איר אינ די אויגנ, זאָגט ער:

— ביטע, אויב ס'איז פאר דיר גענוג אָרט...

— ס'וועט קלעקנ, — לאכט כאניקע, — В тесноте, да не в обиде!

עס האָבנ זיך דערהערט צוויי קלינגג.

כאניקענ האָט א ריס געטאָנ אינ הארצנ. מישע האָט זיך אומגע=קוקט צו די כאווירים. כריסטיא איז זיי שוינ געגאנגענ אנטקעגנ. מישע האָט ארויסגענומענ א בלײַער אונ א נאָטיצ=ביכל. ער האָט זיך אָבער אינ עפעס דערמאָנט אונ זיך א קלאפ געטאָנ איבערנ שטערנ:

— כ'האָב גאָר פארגעסנ, מיר ווייסנ נאָכ ניט דעמ אדרעס. איכ וועל קומענ אפנ אָרט, וועל איכ דיר... מיטיילנ.

כאניקע איז געבליבנ שטיל. זי האָט בלויז א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ, אונ שוינ ביזנ אוועקגיינ פונעמ צוג האָט זי קיינ איינ וואָרט ניט ארויסגעבראכט, אונ ווי גאָר דער צוג האָט זיך גערירט, האָט זי א כאפ געטאָנ כריסטיענ בא דער האנט:

— קומ, כריסטיא, איכ וויל הײַנט נעכטיקנ בא די קראמערס אינ שטוב!..

קאפיטל אכט

אינ אומרו

אפ די קיעווער גאסנ איז געוואָרנ שיטער. ס'האָבנ גענומענ בלאָזנ קילע ווינטלעכ, וואָס האָבנ אופגעהויבנ קופעס אש אונ זיי צעטראָגנ איבער די פלעצער אונ איבער די ליקלעכ. באמ גרויסנ אוניווערמאג, וואָס אפנ ראָג פונ קרעשטשאטיק אונ לענינ=גאס, האָט זיך צונויפגע=זאמלט א היפשע קופע פונ איבערגעבליבענע ארכיוו=מאטעריאל אונ א שווארצע, א קויטיקע, האָט די דאָזיקע קופע זיך געוואָרפנ אינ די אויגנ פונ די פארבײַגייער. קינדער, וועלכע האָבנ זיך שוינ זעלטנ באוויזנ אפ די גאסנ, פלעגנ דאָרטנ זיך רויענ, אָפזוכנ עפעס א האלב=פארברענט שטיקל פאפיר, אויסגלײַכנ עס, אויסגלעטנ עס אונ דערמיט אנטלויפנ,

גלײַב זיי האָבנ געפונענ א טײַערע מעציע... די אָפטע באָמבירונגענ האָבנ ארויסגעטריבנ די שטאָט-אײַנוווינער צו די עשעלאָנענ, וועלכע שטעלנ זיך צונויפ אַפ די פילע רעזערוו-וועגנ פונ דער סטאַנציע. און ניט נאָר היגע אײַנוווינער האָבנ זיך דאָ צונויפגעזאמלט, אהער זײַנענ זיך צונויפגעקומענ אויך אנטלאָפענע פונ ארומיקע דערפער און שטעטלעך.

אנ אלטער צײנ-דאָקטער איז געשטאַנענ פונ אונטנ באַמ ארײַנגאַנג פונ א גרויסנ מויער און אויסגעשריגנ צו יאָגנדיקע מענטשנ:

— ווער וויל קויפנ א באָר-מאַשינ פאַר א קלייניקייט?

ער האָט אויסגעזענ א ביסל קאָמיש און שרעקלעך אומבאהאָלפנ, דער גרײַזער צײנ-דאָקטער. ער האָט זיך געווענדט צו די פאַרבײַגייער מיט א ביטע, מע זאָל קויפנ בא אימ די טײַערע אויסלענדישע באָר-מאַשינ, אַניט, האָט ער געדראָט, וועט ער די מאַשינ צעהאַקנ מיט א האַק. קיינער האָט זיך אַפ אימ ניט אומגעקוקט. יעדערער איז געווענ פאַרנומענ מיט אייגענע זאָרג, בלויז איינ יונגער רויטאַרמייער האָט זיך אָפגעשטעלט לעמ צײנ-דאָקטער.

— באַווײַזט, אלטיטשקער, וואָס איר פאַרקויפט.

— דער צײנ-דאָקטער האָט אימ ארײַנגעפירט צו זיך אינ שטוב, מיט א צעבראָכנ הארץ געוויזנ דעמ בראַכטפול-אויסגעמעבלירטנ קאַבינעט, די צענדליקער גלאַנציקע אינסטרומענטנ, וואָס האָבנ זיך געמינעט אינ הענגענדיקע שטייענדיקע שאַפקעלעך.

— גאָרניט אַרט מיך ניט,—האָט געזאָגט דער צײנ-דאָקטער,—נאָר די באָר-מאַשינ. מיט איר איז בא מיר פאַרבונדנ אזא דערמאָנונג אינ מײַנ לעבנ... ראַטעוועט זי אָפ, זי זאָל ניט בלײַבנ דעמ דײַטש... טוט מיט איר, וואָס איר ווילט... פירט זי ארויס... ס'איז מיר א ווייטעק זי איבערלאָזנ...

דער יונגער רויטאַרמייער האָט גאָרניט ניט געענטפערט, ער האָט בלויז באַרויִקנדיק א מאַך געטאָנ מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט, ס'וועט זײַנ רעכט. אינגיכנ האָט ער זיך אומגעקערט מיט נאָך עטלעכע כאַוויירימ רויטאַרמייער און, שווײַגנדיק, האָט מענ ארויסגעטראָגנ די באָר-מאַשינ.

— א דאַנק אײַך, א דאַנק,—האָט נאָכגעשריגנ דער אלטער צײנ-דאָקטער,—איצט איז מײַנ געוויסנ ריינ. איצטער בינ איך זיכער, אז זי איז ארײַנגעפאַלנ אינ גוטע הענט...—דער צײנ-דאָקטער האָט אָפ די אויגנ פונ די רויטאַרמייער גענומענ א קליינע וואַליזע אינ די הענט, פאַרשלאָסנ זײַנ קאַבינעט, באַהאַלטנ דעמ שליסל אינ קעשענע, זיך געזעגנט מיט די רויטאַרמייער און זיך געלאָזט צומ וואָקזאַל.

דער רויטאַרמייער האָט אימ נאָכגעקוקט, א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ:

— אנ אלטיטשקער, א טשודאַק...

* * *

כריסטיא איז געוואָרנ וואָס א טאָג אומרויִקער. אינ זייער מויער איז געבליבנ זי, כריסטיא, און מיט א סטאַק נידעריקער די פאַראַליזירטע לערערטע ליובע ראַוויטש מיט איר מאַנ דעמ פידלער. די איבע-

ריקע דירעמ אינ זייער מויער זײַנענ שוינ געשטאַנענ לײדיקע, אָנ מענטשנ. אייניקע טירנ זײַנענ געווענ אָפּגעשלאָסנ, אונ אייניקע זײַנענ געבליבנ שטיינ מיט אָפענע אונ עטוואָס צוגעשפּארטע טירנ. כריסטיא האָט אַרופגעשפּאַנט איבער די שטאָקנ, אופגעעפנט א טיר, אַרײַנגעקוקט אינ די פּוסט־געוואָרענע פאַריאָסעמטע צימערנ, פונוואַנענ עס האָבנ אַרויסגעקוקט פאַרשטויבטע שטיקער מעבל מיט ווענט, אָנגעטאָנענע אינ טײַערע טעפּיכער. מיט א פאַרקלעמטנ געמיט פלעגט כריסטיא צושפּארנ די אָפענע טיר אונ פרוּװנ מיט איר שליסל, צי גייט ער ניט צו. אויב ער איז צוגעגאַנגענ, פלעגט זי זיכ דערפרייענ אונ מיט אַנ איבערגעטריבענער שנעלקייט פאַרשליסנ די טיר אונ אַוועקגייענ. באַנאַכט האָט כריסטיא געהערט, ווי פאַרדעכטיקע פאַרשוינענ האָבנ גענישטערט איבער די שטאָקנ, געעפנט פרעמדע פאַרלאָזטע צימערנ אונ פונ דאָרטנ געשלעפּט זאַכנ. אינ דער פינצטער האָט כריסטיא זיכ ניט אײַנגעשטעלט גיינ אַרויסטרײַבנ די אומגעבעטענע געסט, זי פלעגט פאַרבײַסנ די ליפּנ אונ דערשטיקנ אינ זיכ דעמ פאַרדראָס, אַמאָל פלעגט זי אַרויסגיינ צו זיכ אופנ באַלקאָנ אונ איבערנ גאַנצנ געבײַ שרײַענ: „כטאָ טאַמ?!“ אפ עטלעכע מינוט פלעגט דער רויש אײַנגעשטילט ווערנ, אונ דערנאָכדעמ האָט מענ ווידער געקאָנט הערנ, ווי פרעמדע פיס באַטרעטנ די פאַרלאָזטע טרעפּ אינ דער פאַרביסענער פינצטערניש.

אינ איינעמ אַנ אָוונט, ווענ כריסטיא איז געזעסנ אונ זיכ אײַנגעהערט אינ דער פינצטערניש, האָט מענ אָנגעקלאַפּט אינ טיר. דאָס מיידל האָט אופגעציטערט. זי איז צוגעלאָפנ צו דער טיר:

— ווער איז?

— עפנ! — אונ כריסטיא האָט דערהערט עפּעס א באַקאַנטע שטימ.

— פּאַוולִיק!!

דאָס איז געווענ איר צוועלפיאָריק ברודערל פּאַווליק. אינ דער פינצטערניש האָט כריסטיא אָנגעטאַפּט דאָס ברודערל, זי האָט געוואָלט אָנקוקנ, וויאַזוי ער זעט אויס, אונ ניט געטאָרט אָנצינדנ קיינ פײַער. דאָס ברודערל האָט געשוויגנ, צי ער איז געווענ איבערגעשראָקנ, צי פונ איבעראַשונג, וואָס ער האָט סאָפּקאָלסאָפּ זיכ דערשלאָגנ צו דער שוועסטער.

— רייד, פּאַווליק, — האָט זיכ געבעטנ כריסטיא, נאָר פּאַווליק האָט נאָכ אַלץ געשוויגנ. כריסטיא האָט זיכ ניט אײַנגעהאַלטנ, אָנגעריבנ א שוועבעלע אונ מיטאַמאָל דערזענ, אַז דאָס ברודערל זיצט אַנטקעגנ איר מיט צוגעמאַכטע אויגנ. די מידקייט פונ ווײַטנ וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט מערסטנטייל צופוס, איז געווענ אַזוי גרויס, אַז שוינ באַלד באַמ אַרײַנטרעטנ אינ שטוב איז ער אײַנגעשלאָפנ.

כריסטיא האָט צוגעגרייט א געלעגער, א שלאָפנדיקנ אַריבערגעטראָגנ אַהינ פּאַוויליקנ אונ אפ מאָרגנ אינדערפרי געדולדיק געוואַרט, ביז דאָס ברודערל וועט זיכ אופכאַפּנ, אָבער ער איז נאָכ אַלץ געשלאָפנ.

— פּאַוולאָ, פּאַווליק! — האָט כריסטיא א פּאָר מאָל געפרוּווט א רופ טאָנ אימ. דאָס יינגל האָט אופגעעפנט די אויגנ אונ, נאָכ ניט באַנעמענדיק, וווּ ער געפינט זיכ, האָט ער זיכ האַסטיק געטאָנ א זעצ

אוף, גלייך ער האָט זיך געגריישט ערגעץ וויטער לויפן, ווי ער האָט עס געטאָן די לעצטע צייט, זינט ער איז אוועק פון זייער שטעטל. אונ נאָך איידער די שוועסטער האָט בא אים געוואָלט זיך עפּעס נאָכ־פרעגן, האָט דאָס יינגל פארמאכט די אויגן מיט די הענט, ווי סע טוען גרויסע מענטשן, אונ געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך בעטנדיק בא כריסטינען:

— פרעג מיך בעסער ניט, שוועסטער.

— ווו איז די מאמע?

— איך ווייס ניט.

— אונ דער טאטע?

— אנטלאָפן.

— אונ נאסטיע?

— ניטאָ.

מער האָט כריסטיא ניט געפרעגט.

פּאווליק האָט זיך אופגעהויבן אונ גלייך א פרעג געטאָן:

— אונ איצטער וווהין גייט מען ווייטער?

כריסטיא האָט אף אים פארכידעשט א קוק געטאָן. אינ ערגעץ וועט ער ניט גיין. ער וועט בלייבן מיט איר דאָ אינ שטוב. וואָס סע וועט זיין מיט איר, וועט זיין אויך מיט אים.

„גיין ,— האָט געזאָגט דאָס יינגל,— ער וויל ניט. ער האָט מוי־רע, טאָמער וועלן אהער קומען די דייטשן, ער האָט זיי שוין געזען".

די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגעצונדן מיט צאָרן. דער יונגער שטערן האָט זיך באדעקט מיט קנייטשן, ער האָט אוועקגעלייגט די האנט אף דער לינקער באק, גלייך פאר די אויגן האָט ער געזען ניט די שוועסטער, נאָר עפּעס א שרעקלעך בילד, ארייננגעצויגן דעם קאָפּ אינ די אקסל אונ געזאָגט:

— ניין, איך וויל דאָ ניט בלייבן,— גענומען דאָס טאָרבעלע אינ די הענט אונ זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וווהין?..— איז די שוועסטער אים פארלאָפן דעם וועג.— נארעלע, וווהין?

אינ דער רעגע איז אָנגעקומען כאנקע. זי האָט מיט די אויגן א פרעג געטאָן בא כריסטיען, ווער איז דאָס יינגעלע.

— מיין ברודערל, פּאווליק,— האָט דערקלערט כריסטיא.

— ווי קומט ער אהער?

כריסטיא רעדט צו כאנקען שטיל, ווי זי זאָל מוירע האָבן, עמעצער זאָל זי דערהערן:

— ער איז אנטלאָפן פון גאריוווקע.

— פון גאריוווקע...— כאפּט אונטער כאנקע.— עפּשער ווייסט ער עפּעס וועגן מיינ יקע.

— פרעג אים.

כאנקע זעצט זיך צו צום יינגל, קוקט אים אינ אויסגעצויגענעם, אויסגעדארטן פּאָנעם.

— פּאווליק, דו געדענקסט די מיל?

— יאָ.

170—4

— און דעמ בוכהאַלטערס שטוב געדענקסטו? ניט ווײַט פונ דער מיל. אינ דער לינקער זײַט?

פאווליק שווײַגט.

— און דעמ בוכהאַלטער פונ דער מיל קענסטו? א מענטש מיט ברילנ, מיטעלער וווּקס, — זאָגט אונטער כאַנקע.

— ניינ.

און נאָכ א פּאַוזע:

— און דײַנ טאַטע וווּ איז?

— ער איז אַוועק אינ פּיאַטקער וואַלד.

— צו די פּאַרטיזאַנער?

— צו זיי לויפנ אַלע.

כריסטיאַ שטייט אָנגעבויגנ, די הענט אונטערגעשפּאַרט אינ די קני און הערט זיכ אײַנ מיט אנ אָפּנ מויל.

— און וווּ מײַנע זײַנענ — ווייסטו ניט?

ניינ, ער ווייסט ניט.

כריסטיאַ מיטנ ברודערל האָבנ ניט אַראָפּגענומענ די אויגנ פונ כאַנקענ. זיי האָבנ געוואַרט, אַז כאַנקע וועט עפּעס דערציילנ, אָבער זי האָט א שווײַגנדיקע זיכ אַוועקגעלייגט אויפ דער טאַכטאַ.

— דער דײַטש רוקט זיכ צו קיִעוו! — האָט כאַנקע פּלוצעמ געזאָגט אינ דער הויכ.

— ער איז שוינ נאָענט? — פרעגט כריסטיאַ.

— ניט ווײַט.

— וואָס זשע טוט מענ? וואָס דאַרפ איכ טאָנ? — פרעגט זיכ נאָכ כריסטיאַ.

— איכ ווייס ניט, — זאָגט כאַנקע, — איכ ווייס נאָכ ניט, מיט זיכ אַליינ וואָס איכ דאַרפ טאָנ...

— דו גייסט אַוועק? — מיט דערשראָקנ א פרעג בריסטיאַ.

ניינ. זי גייט ניט אַוועק, כאַנקע. זי האָט נאָר געוואָלט אַרײַנגיינ אינ צווייטנ צימער. זי האָט נאָכ הײַנט עפּעס צו טאָנ.

די האַלב-ליידיקע דירע איז פאַרפלייצט מיט טונקלעניש. קראַמערס שטוב איז פוסט געוואָרנ. כאַנקע האָט גוט דורכגעקאָנטראָלירט די מאַסקירונג און אָנגעצונדנ די עלעקטרע-שײַנ. א באַזונדער צערודערונג האָט שוינ אויפגעגעסנ דעמ גלאַנצ און די רו פונ דער שטוב. זי האָט באַמערקט, ווי דער שפּאַליר פונ אויבנ אינ ווינקל פונ גראַמענ עסצימער איז אָפּגעשפּרונגענ און זיכ אָפּגעקלעפּט. כאַנקע האָט געטראַכט: „וואָס האָט ער נאָכ דאַרפנ וואָס צו טאָנ דער שיינער שפּאַליר? אַלצ אינ שטוב איז האָרע-קאָרע". עס האָט זיכ געדאַכט, דער שפּאַליר האָט געוואָלט נאָכגיינ זײַנע אַוועקגעפאָרענע באַלעבאַטימ.

זי איז צוגעגאַנגענ צומ ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנענ מישעס בעט און וווּ ס'איז געהאַנגענ מישעס ראַטמאַנסקיס בילד. זי נעמט אַרויס פונעמ רידיקול מישעס בילד, וועלכעס מ'האָט איר געגעבנ אויפנ וואָקזאַל, און זי פּרוּווט עס אײַנאָרדענענ לעמ ראַטמאַנסקיס בילד. דערנאָכ טרעט זי אָפּ א ביסל און קוקט דערופ פונדערווײַטנס, גלײַכ זי זאָל זוכנ אנ ענלעכקײַט צווישנ די צוויי מישעס. זי דערמאָנט זיכ,

ווען זי האָט זיכ געלערנט מיט מישענ צוזאַמענ אינ 7-טנ קלאַס, האָט ער זי איינמאָל געבראַכט צו פירנ אַפ פּאַראָל. ער וויל איר עפּעס ווײַזנ, האָט ער געזאָגט, אונ ער האָט זי צוגעפירט צו א שטוב, ווו ס'האָט געוווינט ראַטמאַנסקי. זי איז אַפ אים באַרויגעז געוואָרנ, וואָס ער האָט זי געשלעפּט אַזא שטרעקע. ער האָט זי אָנגענומענ פאַר דער האַנט. כאַנקע דערמאָנט זיכ איצטער, ווי מישע האָט געפרעגט:

— זאָג מיר, כאַנקע, ווי רעכנסטו, וואָס וואָלט געווענ ראַטמאַנסקי, ווענ ער לעבט איצטער?

— ס'איז ניט קיינ ערנסטע פראַגע! — האָט זי זיכ דעמלט געבייזערט.

— גייג, מיכ ציקאַוועט עס, — איז באַשטאַנענ אַפ זײַניקנ מישע.

— וואָסי?

— מיר דאַכט, ראַטמאַנסקי, ווענ ער לעבט, וואָלט ער געווענ א פליִער.

— גאָר? פאַרוואָס ניט קיינ בויער. א בויער פונ עלעקטראָ-סטאַנציעס, צי פונ נײַע שטעט.

— ניינ! — דערווידערט מישע. — פאַר אַזא העלדישנ כאַראַקטער פּאַסט נאָר א פליִער. די דאָזיקע פּראָפעסיע רײַסט אָפּ פונ דער ערד. זי דערהייבט, זי מאַכט העכער אונ גרעסער דעם מענטשנ.

אונ מישע איז ניט צופרידנ, וואָס כאַנקע פאַרשטייט אים ניט.

אונ איצטער, שטייענדיק לעמ מישעס בילד, פאַרדריסט זי, וואָס פיל מאָל האָט זי אים ניט פאַרשטאַנענ אונ ניט געפרווט אַרײַנדרינגענ ערנסטער, טיפער אינ זײַנע איבערלעבונגענ. זי דערמאָנט זיכ גאַריווקע. זיי זײַנענ ביידע געקומענ אינ שטעטל. ער — צומ זיידנ, אונ זי — צו די עלטערנ. אונ ווענ די אָרטיקע קאָמיוגיסטנ האָבנ זיכ פאַרינטערעסירט מיט מישענ, האָט זי, כאַנקע, אומיסטנ פאַרשפּרייט א קלאַנג צווישנ אַלעמענ, אַז מישע מיינט, ער איז דער צווייטער ראַטמאַנסקי. פיל האָבנ זיכ געדרייצט מיט אים, אונ ער האָט דערפונ געליטנ. צוליב וואָס האָט זי דאָס געדאַרפט טאָנ? אונ ווי פאַרענטפערנדיק זיכ פאַר אים פאַר אירע דעמלטיקע מיידלשע קאַפּריזנ, קוקט זי איצטער אַפ זײַנ בילד מיט אַזא מינע, גלײַכ זי בעט אים איבער. ווי ער האָט זיכ דאָס דעמלט געבייזערט אַפ איר אונ געוואָלט אוועקפאָרנ פונ גאַריווקע. זי האָט אים קאַמ אָפּגעהאַלטנ.

כאַנקע קרענקט, וואָס אָפטמאָל האָט זי מישענ ניט פאַרשטאַנענ. ווי ער האָט עכ געטרוימט צו שטעלנ ראַטמאַנסקינ א מאָנומענט. „פאַראַנ א מאָנומענט, — האָט כאַנקע צו אים דעמלט געטײַנעט. — פאַר אַלע די, וועלכע זײַנענ געפאַלנ ביים דער טריפּאָליער טראַגעדיע". ווי ער האָט זיכ עס דעמלט געהיצט.

„ראַטמאַנסקי איז א העלד, — האָט ער געזאָגט, — אונ יעדער העלד איז אומשטערבלעכ".

כאַנקע דערמאָנט זיכ, ווי מישע האָט זיכ געמאָלט ראַטמאַנסקיס מאָנומענט — א גרויסער באַרג אונ ראַטמאַנסקי פונ אויבנ, ער רופט די יוגנט צו זיכ; זיי קלעטערנ נאָכ אים, אונ ער גייט אַלצ העכער...

באנקע האָט אַפּטמאָל מישען ניט פֿאַרשטאַנען. ווען ער זאָל איצ־ טער זײַן דאָ, וואָלט זי, באַנקע, אים אַזוי געזאָגט:

„זײַ מוחל, מײַן פֿרײַנט. דו ביסט אַ טרוימער, און איך האָב דאָס ניט געקאָנט אָפּשאַצן. און איצטער פֿאַרשטיי איך, אַז בײַם מילבאַמע קאָנען אַזעלכע טרוימער דיר צוגעבן מוט און דיך פֿירן הויך און ווײַט. פֿלי זשע צוזאַמען מיט דײַנע מושקעטיאָרן און שלאָג דעם סוינע אַפּ אַלע שליאַכן פֿון מילכאָמע".

זי שטייט נאָך לאַנג אין מישעס ווינקל.

צו די טאַפֿליעס פֿון יענער זײַט טוליען זיך צעפֿליוגענע אַשיקע פֿאַפּירלעך, מיט וועלכע עס זײַנען פֿול געווען די גאַסן אין יענע טעג. אַ פֿאַרבלאָנקעטע באַנאַכטיקע גאַלקע שפּרינגט אַרום פֿון איין קאַשטאַנ־ בוים אַפֿן צווייטן. אַנטקעגן די קראַמערס פֿענצטער בייגן זיך די קאַש־ טאַנ־ביימער און שטרעקן אויס זייערע צווײַגן, ווי לאַנגע הענט, שאָק־ לען זיך פֿונעם ווינט און רירן אָן די פֿענצטער. באַנקע גייט אַראָפּ פֿון געלעגער, קוקט זיך אײַן אין די ביימער און קאָן ניט אײַנשלאָפֿן. אין אײנעם פֿון די צימערן זיצט פּאַוליק און דערציילט כריסטיען, וויאַזוי ער איז דערלאָפֿן ביז קיִעוו. כריסטיאַ אָבקעט און אָבקעט און ברעכט די פֿינגער. סע הערשט אַ פּײַנלעכע שטילקייט, וואָס איז גרייט זיך אַלע ווײַלע אויפֿרײַסן ווי טרוקענער פּולווער...

קאַפּיטל נײַן

מישעס פֿאַרדראָס

מישע קראַמער, וואָס האָט עטלעכע יאָר געטרוימט צו ווערן אַ פֿליִער, צוליב דעם געענדיקט אַ ספּעציִעלע שול, האָט אומגעריכט פֿאַר זיך באַקומען אַ באַפֿעל און געדאַרפֿט באַהערשן אַ נײַעם מין געווער. נאָכדעם איז אים איבערגעגעבן געוואָרן צוצוגרייטן אַ גאַנצע גרופּע דעסאַנט־באַזיל. די ערשטע צײַט האָט ער זיך שטאַרק געערגערט און דער דאָזיקער באַשטימונג. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זײַן טרוים איז אַפּ אײביק פֿאַרלאָרן. ער האָט זיך געבייזערט אַפּ זיך, אַפּ זײַנע באַוויירים, וועמען ער איז מעסוקן מעקאַנע געווען, וואָס זיי פֿליִען ערגעץ „אין פֿינפֿטן אָקעאַן" און שלאָגן דעם סוינע, און ער זיצט דאָ פֿאַרשפּאַרט.

די געגנט, ווו מישע קראַמער מיט זײַן טייל איז געשטאַנען, איז געווען אַ וואַלדיקע. פֿון איין זײַט איז אַפּ דער געגנט געקראָכן אַ פֿינצטערער וואַלד, און פֿון דער צווייטער זײַט האָט זיך געצויגן אַ טראַקט, וואָס האָט געהאַט אַ סטראַטעגישע באַדײַטונג, און דעריבער האָט מען אים געהאַלטן אונטער אַ שטרענגער וואַך. ניט ווײַט פֿונעם לאַגער איז געווען אַ פֿאַרמאַסקירטער אַעראָדראָם, מיט וועלכן די דע־ סאַנט־גרופּע האָט געהאַט פֿאַרבינדונג צוליב לערנ־צילן. דער לאַגער מיט זײַנע פּאַלאַטקעס און ערד־שטיבלעך האָט זיך צעשפּרייט באַם ראַנד פֿונעם וואַלד איבער אַ גאַנץ היפּשן שטח.

באגינענ. מישע האָט זיכ דער ערשטער אויפגעכאפט אינ דער פאלאטקע. ער טוט א קוק אויפנ זייגער. ס'איז נאָכ פרי, דאָס לעבנ אינ דעמ דעסאנט=טייל וועט זיכ אָנהייבנ ערשט אינ א האלבער שעה ארומ. אָבער מישע קאָנ שוינ ניט שלאָפנ. ער גייט ארויס צומ וואלד. פאר דער צייט, זינט ער איז אָנגעקומענ אהער אינ דער וואלד=געגנט, האָט דאָס אָפענע אויג זיינס גענומענ איינזאפנ אינ זיכ די קאָלירנ פונ דעמ אייגנארטיקנ לעבנ ארומ. אמאָל נאָכ קינדהייט האָט ער אינ דער קינדערשול ליב געהאט נאטורוויסנשאפט, אונ דערנאָכ, שפעטער, אינ דער אוונט=שול, ווענ זיי פלעגנ ארויסטראָגנ די לער אינ סטעפ, אינ פעלד, האָט זיכ זיינ אויער צוגעוווינט צומ שטילנ איינגעהאלטענעמ רויש פונ א געוויקס אונ דאָס אויג האָט פארגעדענקט די אויסטערלישע פארבנ זייערע. איצטער אינ די פרייע מינוטנ, ביז דער ארבעטס=טאָג וועט אוועק זיינ גאנג, האָט מישע צייט צו באמערקנ דאָס גאָלד פונ די קליאָנענ צווישנ די טונקעלע דעמבעס, די געלע אונ אָראנזשעווע בערעזע=בלעטער אונ דעמ שטילנ נוסנבוימ. ער טרעט מיט פאָרזיכטיקייט איבער די טרוקענע צוגעזשאווערטע בלעטלעכ פונעמ פאפאָראָטניק, וואָס זיינענ צעשפרייט מיט אנ אויסטערלישנ אוזאָר. אונ די שמעקנדיקע סמאָלע פונ די גרינע סאָסנעס שלאָגט אימ אינ דער נאָז אריינ. ער קוקט ווידער אויפנ זייגער אונ באדויערט, וואָס דעמ גאנצנ טאָג וועט ער אפילע קיינ פרייע מינוט ניט האָבנ דאָס אויג זעטיקנ מיטנ דאָזיקנ אשירעס אונ קאָנ זיינ, אז איצטער, אינ די אָנגעכמורעטע מילכאָמע=מעסלעכנ, טאָר מענ גאָר ניט קוקנ אויפ דעמ דאָזיקנ ארומ מיט אזא אויפמערקזאמקייט. סע ברענענ שטעט אונ דערפער. מיט אָט די געדאנקענ איז מישע קראמער צוגעקומענ צו פעטרא סאָמענקאָס פאלאטקע.

— זע נאָר, האָסט זיכ געפעדערט! — וווּנדערט זיכ קראמער, וואָס סאָמענקאָ זיצט באמ טישל אזוי פרי אונ שרייבט. — וואָס שטייסטו אויפ ניט לויט דער קאָמאנדע?

— איכ רייד זיכ אויס דאָס הארצ.

— פאר וועמענ?

— צו מיינע עלטערנ שרייב איכ.

— צו די עלטערנ? אונ איכ האָב געמיינט, דו פירסט א טאָגבוכ, אז דו רעדסט זיכ אויס דאָס הארצ.

— ניינ, כאווער לייטענאנט, א טאָגבוכ איז ניט פאר מיר.

— פארוואָס ניט פאר דיר?

— אינגאנצנ פיר קלאסנ געענדיקט. אינ קאָלהאָספ=שקאָלע — זאָגט דער רויטארמייער מיט א טאָנ, גלייכ ער פארענטפערט זיכ. — טאטע=מאמע אויפ פאָלטאווּשטשינע ווארטנ אויפ מיינע בריוולעכ, שרייב איכ זיי.

מישע קוקט אויפנ שווערגופיקנ קרעפטיקנ סאָמענקאָ, פונ וועמענ די כאווירימ שפאסנ, אז דער פאראשוט וועט אימ ניט אויסהאלטנ. ער פרעגט אימ איבער נאָכאמאָל:

— צו די עלטערנ שרייבסטו?

— יאָ, כאווער לייטענאנט, איכ שרייב זיי קימאט אלע צוויי טעג.

— א טרייער זונ, — רייסט זיכ ארויס בא קראמערנ אונ ס'האָט אימ א ציי געטאָנ צו דעמ פאָלטאווער יונג, וואָס איז אזוי פארבונדנ מיט זיינע עלטערנ. סאָמענקאָ ווערט אימ ליבער אונ נאָענטער.

— און ווו זײַנען ערגעץ דײַנע עלטערן? — פרעגט סאָמענקאָ.

— ווער ווייסט...

אין די אַרומיקע פּאַלאַטקעס ווערט אַלץ ראַשיקער. די רויטאַרמייער זײַנען שוין אויפגעשטאַנען. מע גייט אַרויס אויף דער זאַריאַדקע, ווו שטענדיק צייכנט זיך דאָ אויס מאַזורענקאָ, וואָס אַלע רופן אים מאַזורקאַ פאַר זײַנע דינע שלאַנקע פיס. מע האַלט, אַז ער וואָלט גוט געטאַנצט. אויף דער זאַריאַדקע שטייט ער דער ערשטער איבער זײַן הויכן וווּקס. עמעס, אין דער גאַרקיך לויפט ער אויך דער ערשטער, און אָפּעטיט איז בײַ אים אַ מערקווירדיקער. ער לאַכט מיט זײַנע גוטמוטיקע ליכטיק-קאַרע אויגן:

— איך וואָלט אַ גאַנצן דײַטש אויף איבערבײַסן אויפגעגעסן.

— דאָס וועלן מיר זען בײַם אָן אָפּעראַציע — העלפט אים לאַכן סאָמענקאָ.

דער טאָג אין דעם דעסאַנט-טייל איז פול מיט שווערער מי. מישע קראַמער האָט אויסגעאַרבעט אַן אינטערעסאַנטע פּראָוו-אָפּעראַציע פאַר זײַן טייל. און ער דערקלערט זײַנע בעוורע. זיי צעטיילן זיך אויף גרופּעס און גייען די אָפּעראַציע אויסשפּילן.

שפּעטער האָט פון ערגעץ זיך באַוויזן פּאַשע — דאָס ליכטיק-האָריקע מיידל פונעם אַעראָדראָם-בופעט. זי האָט געהאַלטן שאָקאָלאַד און אַ גרויסע פלאַש זעלצער-וואַסער.

— טרינקט, ס'איז הײַנט הייס, כאַווער לייטענאַנט.

מישע האָט גענומען בײַ איר פון די הענט דאָס וואַסער, מיטאַמאָל אויסגעטרונקען און אומגעקערט די גלאָז.

— נאָך, כאַווער לייטענאַנט?

— יאָ.

זי גיט אים נאָך וואַסער און שאָקאָלאַד אויף פאַרבײַסן.

— איר געדענקט, וויפל סע קומט פון אײַך?

— איך געדענק.

— און דעם לייטענאַנט קאָוטון געדענקט איר?

— איליושענ, וואָס רעדן? — קוקט מישע אויפן מיידל פאַרינטערעסירט.

— נעכטן האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף אײַך. צי קען איך אײַך? יאָ, זאָג איך אים, איך קען דעם לייטענאַנט קראַמער.

— ווו איז ער איצט? — פרעגט מישע.

— ער ווייסט אײַך ווו צו געפינען, ער וועט קומען צו אײַך, האָט ער געזאָגט, — און פּאַשע טוט זיך אַ כיינדל, דרייט זיך אויס און גייט אַוועק.

— הערט, פּאַשע, גיט אים איבער אַ גרוס. זאָגט, איך וויל אים זען, — שרײַט מישע נאָך דעם מיידל, וואָס פאַרשווינדט צווישן די בײַמער.

אַ גאַנצן טאָג נאָכדעם האָט מישע געוואַרט אויף קאָוטונען, און יענער איז נישט געקומען.

באַנאַכט איז צום לייטענאַנט געקומען צו לויפן פּעטראָ סאָמענקאָ, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, און מיט אומרו דערציילט, אַז אויפן טראַקט לויכט זיך אַ פײַער. אַ גאַנצער שײַטער. מע קאָן נאָך צוזיען

דעמ סוינעמס ערעפּלאנע. מישע איז גלײַכ אוועק צומ טראקט. ארויס פונעמ וואלד, האָט ער ווירקלעכ דערזענ, ווי אינ דער ווײַטער פינצטערניש פינקלט. צוזאמענ מיט סאָמענקאָ איז ער געגאנגענ אפנ פײַער. דערנענטערט זיכ, האָט ער דערזענ, ווי אפנ טראקט ציִענ זיכ גרויסע מאכנעס מענטשנ. פיל פונ זײ שטופנ פאָרויס האנט-וועגעלעכ, אָנגעוואלגערטע מיט פעקלעכ אונ זעקלעכ.

מישע מיט סאָמענקאָ זײַנענ ארופגעטראָטנ אפנ שײַטער, מיט די פיס צעטאָפּטשעט די פלאקערנדיקע צווײַגנ אונ זײ צעשארט אינ דער זײַט.

— וואָס טוט איר עס? — האָט סאָמענקאָ זיכ געבייזערט. — איר וועט אלײנ אומקומענ אונ אנדערע אומגליקלעכ מאכנ...

— א לעפל געקעכצ ווילט זיכ אָפּקאָכנ, שוינ דרײַ טעג אינ מויל ניט געהאט, — האָבנ זיכ די מענטשנ באמ שײַטער געבעטנ.

— וווּהינ גײט איר? — פרעגט קראמער.

— צו דער אײַזנבאנ, עפּשער איז דאָרטנ פאראנ אנ עשעלאָנ.

— פונוואנענ זײַט איר?

— פונ הינטער זשיטאָמיר, — ענטפערט אײנע א שטימ.

— אונ איכ פונ מאכנעווקע, לעמ בערדיטשעוו, — ענטפערט א צווייטע שטימ.

קראמער דערהערט א געוויינ. ער צינדט אָנ זײַנ קלײנ קעשענע-לאמטערנדל אונ באלויכט דאָס אָרט, ווו ס'האָט זיכ געהערט דאָס געוויינ.

— מאווער, דער טאטע איז געשטאָרבנ.

בא דער בלאסער שײַנ פונעמ לאמטערנדל האָט ער דערזענ א ייִנגל פונ א יאָר צוועלפ אנ ערעכ. ער האָט געשטופּט פאָרויס א וועגעלע, אפ וועלכנ ס'איז געלעגנ אנ עלטערער מענטש. געוויינט האָט דעמ געשטאָרבענעמס ווײַב, דעמ ייִנגעלעס מוטער. קראמערס לאמטערנ-שטראל האָט ארויסגעריסנ פונ דער פינצטערניש א צעקנייטשט, אויסגעמאטערט, צעקרימט פּאָנעמ פונ א פרוי.

— וווּהינ פירט איר אימ? — פרעגט באמ ייִנגעלע קראמער.

— אז ס'וועט ווערנ ליכטיק, וועלנ מיר זענ, ווו אימ צו באגראָבנ...

— שטעלט זיכ אָפּ, — האָט באפוילנ קראמער.

— ווײ איז מיר, וועלנ מיר דאָכ אָפּשטײנ פונעמ אוילעמ. — קרעכצט די פרוי. אונ דאָס ייִנגעלע שטופּט ווײַטער דאָס וועגעלע, ניט הערנדיק קראמערס באפעל.

קראמער האָט געוואָלט זאָגנ סאָמענקאָ, ער זאָל מיט קויעכ פארהאלטנ דאָס וועגעלע מיטנ מעס, אָבער אינ דער רעגע דערהערט זיכ אנ אנדער שטימ.

— מאווײרימ רויטארמײער, עפּשער האָט איר וואטע?

— וואטע? — פרעגט איבער קראמער.

— די וווּנד האָט זיכ געעפנט! — הערט ער א שטימ פונ א מיידל.

ער טוט א בליצ מיטנ לאמטערנדל, אונ זעט באפט ארויס פונ דער נאכט-טונקלקײט א צווייטע פּאָר, א טאָכטער האָט געפירט א מוטער.

— פונ א באָמבע, — דערקלערט זי, — אונדזער גאַנצ שטעטל האָבנ די דײַטשנ אומגעבראַכט מיט זייערע באָמבעס. אָט דאָס אַלצ איז געבליבנ פונ אונדזער שטעטל.

אונ בא דער שוואַכער שײַנ פונ טליִענדיקע האָלעוועשקעס האָט קראָמער דערזענ די עטלעכע מענטשנ, וואָס זײַנענ געבליבנ פונ א גאַנצנ ייִשעוו...

פונ דעמלט אָנ האָט מישענ גענומענ ציִענ צומ טראַקט, אונ אינ די גאַנצפריִענ ביזנ אָנהייב פונ דער אַרבעט פלעגט ער אַמאָל אַהינ זיכ אַוועקלאָזנ, אונ ווידער האָבנ פאַר זײַנע אויגנ זיכ געצויגנ מענגעס פאַרוואָגלטע אונ פאַרטריבענע פונ זייערע אײַנגעזעסענע נעסטנ.

איינמאָל אינ א פינצטערנ באַנאַכט האָט ער דאָ געטראָפנ גאַליציאַנער ייִדנ, וועלכע האָבנ צופוס געשפאַנט ערגעצ פונ הינטער לוואָוו. ער האָט מיט זײַנ קעשענע-לאַמטערנדל געטאַפט זייערע אויסגעצערטע פענעמער. „ריידנ מיט זיי, צי מע דאַרפ ניט? וואָס וועלנ זיי אימ דערציילנ? וועגנ אומקומעניש אונ צאָרעס“. ער איז בלויז נאָכגעגאַנגענ א ביסל אונ זיכ שוינ געוואָלט אומקערנ: אומגעריכט האָט ער בא דער זײַט פונעמ טראַקט זיכ אָנגעשטויסנ אפ עמעצנ.

— פאַמעלעכנ, — דערהערט ער אפ ייִדיש, — איר טרעט אפ מענטשנ.

דאָס קלייניקע קעשענע-לאַמטערנדל האָט זיכ א לייג געטאָנ מיט א שמאָל פאַסעקל שײַנ אפ איינעמ א מענטשנ. ס׳איז געווענ א פרוי. אירע אויגנ האָבנ א בליצ געטאָנ. מישע האָט זיכ באַגעגנט מיט זיי. דערנאָכ איז דאָס פאַסעקל שײַנ איבערגעשווומענ אפ דער נאָז, אפנ מויל, מישע דערפילט, ווי די פרוי נעמט אָנ זײַנ האַנט אונ דרייט אויס די שײַנ אפ אים, אפ זײַנ פּאָנעמ. ס׳האָט געדויערט עטלעכע ווײַלעס, דערהערט ער א שטילע שלאָבעריקע שטימ:

— ס׳איז ניט מישע?

— ווער איז עס? — דערקענט ניט מישע די שטימ.

— ביסט פונ קיִעוו, ווו איז דײַנ מאַמע?

— אונ ווער זײַט איר?

קיינ ענטפער איז ניט געקומענ.

„עמעצער האָט מיכ דערקענט, אונ איכ ווייס ניט ווער,“ — טראַכט מישע, אונ ער ווערט אָנגעשטרענגט. דער באַנאַכטיקער שטראָמ מענטשנ פליסט דערווײַל ווײַטער אונ ווײַטער. מישע איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ דער פרוי:

— ווער זײַט איר?

— רעוועקע, דײַנ מומע פונ וויניצע.

די פרוי רעדט ווי צו זיכ אַליינ:

— בײַדע קינדער מײַנע זײַנענ ערגעצ פאַרפאַלנ געוואָרנ אפנ קיִעווער וואָקזאַל. זיי זײַנענ אַראָפּגעגאַנגענ נאָכ וואַסער אונ זיכ ניט אומגעקערט.

— אונ איר? — פאַרשטייט ניט מישע. — ווי קומט איר אַהער? — ווערט ער אָנגעשטרענגטער.

— אַהער? איכ ווייס ניט. מיר זײַנענ צוגעפאָרנ צו א סטאַנציע,

האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן זי באָמבירן, זײַנען מיר אַוועק ווײַטער צופֿוס...

מישע איז אַ צײַט לאַנג געגאַנגען באַנאַנד מיט דער ווינiצער פֿרוי, וועלכע האָט זיך פֿאַמעלעכן געשלעפּט.

— די קינדער געפֿינען מיר... — דערהערט ער ווידער.

— און איר? — פֿאַרשטייט ניט מישע. — וווּ וועט איר זײַן?

— איך וועל גיין... מיט אַלעמען וועל איך גיין...

מישע דערהערט אַ קורצאָטעמדיק אָפּגעהאַקט געוויין.

— געפֿינען מיר די קינדער, מישע...

ער האָט אָנגעכאַפּט די פֿרוי בײַ דער האַנט און ס'האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן:

— איך וועל זוכן אײַערע קינדער, איר מעגט זײַן זיכער, איך וועל זיי זוכן!..

און דער מענטשן־שטראָם האָט זיך געצויגן אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין דער פֿינצטערניש אַרײַן.

נאָך די דאָזיקע נעכט אויפֿן טראַקט פֿלעגט מישע־קראַמער ניט קאָנען אײַנשלאָפֿן. די שווערע בילדער זײַנען אים נאָכגעגאַנגען ווי שאָטנס און געמאָנט בײַ אים. ער האָט דערציילט זײַנע כאַווייִרים וועגן געזעענעם און געהערטן. ס'איז פֿאַר אים אויפֿגעשלאָסן געוואָרן אַזויפֿיל שרעקלעכע בילדער, ליידן, פּײַן, טרויער, אומקום מענטשלעכער און דאָס ייִנגעלע מיט דעם געשטאָרבענעם טאַטן און די אומגליקלעכע ווינiצער פֿרוי, זײַן מאַמעס שוועסטער. מע דאַרף די קינדער אירע אויפֿזוכן, ווי וואָלט זײַן, ווען ער בעט אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן אַף עפּלעכע שאָ קיין קיִעוו. סע קאָן זיך גראָדע מאַכן, ער זאָל זיי געפֿינען. און אַז געפֿינען — וואָס וועט ער מיט זיי טאָן? ווי וועלן זיי קומען צו זייער מוטער? פֿאַרלוירענע קינדער. פֿאַרלוירענע עלטערן. צעזייטע, צעשפּרייטע, צעשמיסענע איבערן לאַנד.

ווען ער האָט דעם צווייטן פֿרימאָרגן בײַסן איבערצײַם זיך געלאָזט אין שטאַב ריידן וועגן דער דערלויבעניש צוצופֿליִען קיין קיִעוו, איז אים אַנטקעגן אָנגעלאָפֿן דאָס פֿאַרפֿאַליעטע ליכטיק־האָריקע מיידל פֿאַשע.

— געקומען צו פֿליִען אײַער כאַווער.

גלײַך פֿאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט, האָט ער באַלד דערזען איליושע קאָווטונען אַ שײַנענדיקן, אַן אויפֿגעלייגטן און אַ מונטערן. זיי האָבן זיך אַרומגענומען. דאָס בייז־גריבל אין קין בײַ קאָווטונען טיפֿט זיך איצטער, ווי שטענדיק, ווען ער איז צופֿרידן. דאָס מאַכט אים דאָס פּאָנעם ברייטער און ליבער.

— מושקעטיאָר, וואָס ביסטו אומעטיק? — פֿרעגט קאָווטון, — איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל דיך געפֿינען.

— דיר איז גוט, דו פֿליסט, און איך...

— איך מיט גינאַטולינען האָבן שוין פֿאַר דיר אויך אַ פֿלי געטאָן. איבער פּלאָעשטי געווען, פֿאַרשטייסט.

— איבער פּלאָעשטי! — האָט בײַ קראַמערן אויסגעכאַפּט דער אָטעם.

— יאָ, מיר האָבנ עס מיט סײַפּי א פּלי געטאָנ. שוינ פאר דיר אויכ.

— ניינ, מײַנ כעזשבנ מיטנ דײַטש איז א באַזונדערער. — זאָגט פארקלערט מישע.

— דײַנ ביילעק באָמבעס אראָפּגעלאָזט פּינקטלעכ איבערנ ציל. איכ, האָט געפלאַקערט די נאַפט. מיר זײַנענ צוערשט אראָפּ פונעמ קורס. שיר ניט פארבלאָנדזשעט געוואָרנ: „סײַפּי — שרײַ איכ — מיר בלאָנדזשענ!" אונ ער ווינקט צו מיר: „נישקאָשע". קאָנסט דאָכ אימ, דעמ קאַלטנ מאַלעכ, ווי רויִק ער איז. אונדזער מאַשינ האָט אויסגעמיטנ דעמ יאַמ אונ איז אַוועק איבער דער טריקעניש. ארומ דער מאַשינ האָבנ זיכ צעבליצט שפּליטערס. אייניקע האָבנ זיכ געלייגט העכער פונ דער מאַשינ, אייניקע נידעריקער. אונ אנדערע זײַנענ פארבײַגעפלויגנ מיט א זידעניש: דעמ סוינעס זעניטקעס האָבנ געהאַוועט. מיר האָבנ גענומענ מאַנעווירנ אונ זײַנענ אראָפּ פונעמ קורס, צו אַלדי רוכעס! דערנאָכ האָבנ מיר זיכ אויסגעגלײַכט, זיכ אופגעהויבנ אונ ווידער זיכ אראָפּגעלאָזט נידעריקער. מיר האָבנ דעמ סוינע אָפּגענאַרט. דערנאָכ האָבנ מיר ווי א טיגער א שפּרונג געטאָנ איבער א „בערגל". די זעניטקעס האָבנ - געבילט ערגעצ הינטער אונדז. איכ האָב אָנגעטאַפּט די נאַשעטקע. איכ האָב אראָפּגעלאָזט איינ באָמבע, א צווייטע, א דריטע, פּלוצעמ האָט זיכ לעמ אונדז צעריסנ א הארמאַטנ-קויל. קאָנסט זיכ פאָרשטעלנ מײַנ צושטאַנד. די מאַשינ האָט זיכ א גליטש געטאָנ אינ א זײַט. אונ פונ אונטנ, וואָס סע טוט זיכ דאָרטנ — די געגנט ציטערט פונ אופרײַסנ. איכ כאַפּ א קוק — סע באָרט זיכ אַלצ אינ רויכ, אינ פלאַמ.

— זדראַוואָ! — שלאָגט אימ איבער קראַמער.

— ערשט אַפּ צוריקוועגס האָבנ מיר געהאַט א הייס שטיקל ארבעט. נײַנ „מעסערס" זײַנענ אונדז ווי די הינט באַפאַלנ. מיר גייענ שוינ ליידיק — איז גרינגער אפנ הארצנ. האָסט געדאַרפט זענ, ווי אונדזערע פייגעלעכ — די פארניכטלער האָבנ עס צוגעארבעט. מיר זײַנענ ארויס א ביסל צעדראַפּעט דעמ פּוזעליאַזש. די קוילנ האָבנ געטאַנצט ארומ אונדז, ווי שיידימ, אונ סײַפּי האָט א ביסל געליטנ.

— גינאַטולינ? — האָט קראַמער א ציטער געטאָנ.

— קלייניקײַטנ, סע פארהיילט זיכ. ער פליט הײַנט — מאָרגנ ווידעראַמאָל.

קאַוווטונ איז שטיל געבליבנ. ער האָט געזענ, ווי קראַמער האָט אָנגעבויגנ אינ פארקלעמטער שווײַגעניש דעמ קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר, מישע?

— איר לעבט א גרויס לעבנ. אונ איכ... אינ רעזערוו.

— נו, מישע, דיסציפּלינ.

— דיסציפּלינ איז איינס, אונ א הארצ פונ א סאָלדאַט איז עפּעס אנדערש.

אונ נאָכ א פּאַוזע:

— אָבער כעוורע בא אונדז — אויסגעצייכנטע. מיר וועלנ זיכ אראָפּלאָזנ צומ סוינע אפנ קאָפּ, וועלנ מיר אימ אופרײַסנ מיט מער קראַפט ווי דײַנע פּלאַשטער באָמבעס. טאָטשנאָ.

— איכ מוז שוינ גייג, — זאָגט קאָווטונ. — וואָס זאָל איכ איבער־געבנ גינאַטולינענ פונ דיר?

— אַז... אַז איכ בינ אים מעקאַנע.

— ווידער?

— נו גוט, איכ וועל מער ניט טראַכטנ וועגנ דעם.

זיי האָבנ זיכ געזעגנט, דריקנדיק קרעפטיק איינער דעם צווייטנ די הענט.

מישע האָט זיכ געלאָזט אינ שטאַב איבערריידנ וועגנ דעם, וואָס ער האָט פאַרקלערט מיקויעכ אַ פּלי קיינ קיעוו.

קאַפּיטל צענ

אונטער די הויכע טאָפּאָלנ

אַ האַלבנ טאָג האָבנ די סטודענטנ געהאָלפנ גרוזעווענ די אַפּאַ־ראַטור פונעמ מעדיציניש נ אינסטיטוט. מע האָט אַלצ געלאָדנ אויפ צוויי גרויסע לאַסט־אויטאָס.

ווענ די לאַסט־אויטאָס זיינענ אָפּגעפאָרנ צומ וואָקזאַל, האָבנ די סטודענטנ אויפ זייערע אַקסלענ געטראָגנ צומ וואָקזאַל די בייטיקע בי־כער פונ דער אינסטיטוט־ביבליאָטעק. צווישנ די סטודענטנ — כאַנקע שקליאַר אונ יורי קאַשאַר.

איינער פונ די סטודענטנ, וואָס איז מיטגעפאָרנ מיטנ אינסטיטוט, וועלכער האָט זיכ עוואַקוירט ווייט ערגעצ אינ מיטל־אַזיע, האָט גע־וואָלט איינריידנ כאַנקענ, זי זאָל אויכ מיטפאָרנ מיטנ אינסטיטוט:

— עפּשער וואָלסטו טאַקע מיטנ אינסטיטוט אַוועקגעפאָרנ? — פרעגט פאָרזיכטיק קאַשאַר.

כאַנקע האָט בארויגעז אַ קוק געטאָנ אויפ קאַשאַרנ:

— ביסט דאָכ מיט מיר אַלײנ געווענ אינ וואָיענקאָמאַט, נעכטנ. מיר זיינענ דאָכ מיט דיר פאַקטיש מאָביליזירט, מיר פאָרנ מאָרגנ צו־זאַמענ אינ אַ טייל...

יורי פרוווט זאָגנ אינ אַ שפּאַס:

— הער אויס, כאַווערטע שקליאַר, עפּשער וואָלטנ מיר גאָר זיכ געלאָזט אויפ פאַמיר?

כאַנקע קוקט אָנגעשטרענגט אויפ קאַשאַרנ, זי פאַרשטייט ניט, וואָס ער מיינט. אונ ער זאָגט ווייטער מיטנ זעלביקנ טאָנ:

— אָדער עפּשער וואָלטנ מיר זיכ אַוועקגעלאָזט מיטנ אַלטנ מי־ליטעריש־גרוזינישנ טראַקט אויפ קאַווקאַז?

כאַנקע קוקט דעמ שוואַרצנ באָכער אינ זיינע שמייכלענדיקע אויגנ אונ צעשמייכלט זיכ אַליינ:

— יאָ, אויפ פאַמיר, אויפנ גרוזינישנ טראַקט, אינ דער הייסער קאָל־כידע. דאָס אַלצ איז איצט אַ טרוימ. איינ וועג איז איצטער פאַר אונדז יונגע פאַראַנ — פראָנט. איכ מיט דיר, יורי קאַרניעוויטש, וועלנ אַרויס גלייכ מעגנ דייטש אונ נאָכ דער מילכאָמע וועלנ מיר זענ... גוט?

— גוט, אנא עפראימאָוונא. זייער גוט.

קאשאר איז נאָכגעגאנגען כאנקען פוסטריט איבער די ליידיקע אאודיטאָריעס; געזען, ווי כאנקע שטעלט זיך אָפּ אלע ווײַלע לעם אן אנדער אָרט, אין אן אנדער צימער.

— וואָס ווילסטו? — האָט אומגעריכט אין קאָרידאָר כאנקע זיך אויסגעקערעוועט צו קאשארן, — עפּשער איז דיר אויך ליבער אין טיל... פאָר מיטן אינסטיטוט.

— ניין, ניין, איך פאָר מיט דיר...

זי האָט געפּײַניקט דער געדאנק, וואָס עס איז ניטאָ דער אינסטיטוט, און זי איז אליין... די שטאָט ווערט פוסט...

קאָשאר איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק, און כאנקע איז דערווײַל אוועק ווײַטער איבער די צימערן.

זי איז גראדע ארײַן אין יענער אאודיטאָריע, וווּ זי האָט אָפּגעגעבן עקזאמען איר באליבטן פּראָפעסאָר אָפּ פּאטאָלאָגישער פיזיאָלאָגיע. אָט דאָ איז געזעסן דער פּראָפעסאָר — א שטילער אקטיטשקער מיט ראָזעווע באקן און גרויסע גראָבע ברילן־גלעזער. איצט איז די אאודיטאָריע פוסט. אָקאָרשט האָט מען פונדאנען ארויסגעטראָגן דעם לעצטן שטול. אָפּ דער וואנט איז פארבליבן מעטשניקאָווס פּאָרטרעט, וואָס קוקט ארויס דורכן אָפענעם פענצטער צום שעווטשענקאָ־בולוואר. כאנקע נעמט אראָפּ דעם פּאָרטרעט און די ערשטע רגע ווייסט זי אים ניט וווּהין אהינצוטאָן. זי טראָגט אים מיט זיך אין דער האנט און קומט מיט אים ארײַן אין א צווייטער אאודיטאָריע. דאָ איז פארבליבן א שרײַבטיש מיט א קליין פירעקעדיק טינטערל. אינווייניק אין טינטערל איז ליידיק, און א טויטע אויסגעטריקנטע פליג ליגט מיטן בײַכל ארויף. כאנקע רײַסט אראָפּ פון דער וואנט אן אלטע מעלדונג און וויקלט אין איר אײַן מעטשניקאָווס פּאָרטרעט.

זי גייט אראָפּ פון די טרעפּ. אקעגן קומט אָן קאָשאר, וואָס האָט אָפּ איר געווארט.

— נא! — שטופּט זי אים ארײַן דעם פּאָרטרעט.

מעכאָניש נעמט ער דעם אײַנגעוויקלטן פּאָרטרעט און פרעגט:

— וואָס איז דאָס?

— אין דער היים וועסטו זען.

דאָס האָט אים געגעבן רעכט צו מיינען, אז זי רופט אים מיט זיך, און ער איז נאָכגעגאנגען. אזוי זײַנען זיי פארגאנגען צו די קראָמערהט אין שטוב.

דעם הימל האָבן געלעקט צענדליקער פּראָזשעקטאָרישע שײַן־צונגען און געזוכט און געשנישטערט דעם סוינעם אעראָפּלאנען. די ערשטע העלפט נאכט איז געווען שטיל. כאנקע איז ניט געשלאָפן. זי האָט גיכער געוואָלט דערלעבן דעם אינדערפרי, זי זאָל קאָנען וואָס גיכער אוועק אין וואָיענקאָמאט. דערווײַל שיקט מען זי אלס פעלדשער אין א פּאָלק, כאָטש ניט דאָס איז געווען איר שטרעבונג: אָפּ דער טעמע האָט זי א גאנצן אָוונט געשמועסט מיט יורין.

ס'האָט זי שטארק פארדראָסן, וואָס זי גייט אלס פעלדשער. פאר וואָס האָט זי אין שאָלעם־צײַט ניט באהערשט דעם מיליטער־פאך? זי וואָלט געווען פיל צופרידענער, ווען זי איז א סנײַפּער אָדער א

פאַרבינדלער. יורי האָט איר געוואָלט א גאנצנ אָוונט דערווײַזנ, אז די ארבעט פונ א מעדיצינישנ טוער איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די ארבעט פונ א סנײַפּער אָדער א פאַרבינדלער.

— סאָפּקאָלסאָפּ, — האָט יורי קאַשאַר געטײַנעט צו כאַנקענ, — וואָס ווילט זיכ דיר? דו רעכנסט, אז ראַטעווענ דאָס לעבנ פונ א קאָ־מאַנדיר צי פונ א רויטאַרמייער איז ווייניקער קאָוועד, וואָס?..

כאַנקע טוט א מאַכ מיט דער האַנט, דערנאָכ נעמט זי אָנ קאַשאַרנ פאַר אנ אויער און דרייט אימ לײַכט:

— אז דו ווילסט מיכ ניט פאַרשטיינ.

ביכלאַל האָט כאַנקע געוואָלט אינ דער לעצטער נאַכט פאַרנ אוועק־פאָרנ אפּנ פראָנט פאַרברענגענ אפּ א באַזונדער יאָמטעוודיקנ אויפנ, זי האָט געוואָלט ריידנ און איבערטרייסלענ אלצ, וואָס האָט זיכ אָנגעקליבנ אינ איר געשאָמטע פאַר די לעצטע וואָכנ.

און יורי קאַשאַר איז גאָר אײַנגעשלאָפנ. ער איז געווענ מיד דער־פונ, וואָס ער האָט געשלעפּט די ביכער פונעמ אינסטיטוט אינ עשעלאָנ ארײַנ.

עס גייט שוינ צו טאָג. כאַנקע שטייט באַמ פענצטער.

...איצטער, פאַרטאָג קוקט כאַנקע אפּ דער שטאָט. ס'איז אפילע ניט די פאַרטאָג־פאַרב, וואָס שטענדיק. א בלאָוולעכ רויכל טיילט זיכ אָפּ פונ דער הימל־הייכ און בלאָנקעט אוועק צומ דניעפּער, אזוי ווי עס קלײַבט זיכ ערגעצ א בייזע בסורע אָנזאָגנ. פונ מײַרעוו־זײַט הערט זיכ א קאַנאָנענ־שיסערײַ. מע קאָנ ניט וויסנ, צי ס'איז אונדזער אַר־טילעריע, צי דעמ סוינעמ. בײַ כאַנקע שקליאַר ווערט געבוירנ א צוויי־ענדיקער געפיל. זי וויל טאַקע וואָס גיכער אפּנ פראָנט, אָבער סע טוט איר ווײ צו פאַרלאָזנ די שטאָט, איר היימ און מישע קראַמערס היימ. זי קוקט זיכ אומ אינ זײַנ ווינקל, פונ דאָרטנ שטראַלנ ראָמאַנסקיס שטרענגע אויגנ. אָט וועט זי אופּוועקנ יורינ. וואָס כראָפּעט ער אזוי שווער?

— יורי, נו הייב זיכ אופּ.

ער הערט ניט. כאַנקע קוקט דורכ דעמ פענצטער אפּ דער שטאָ־טישער ווײַט, ווי זי באָדט זיכ אינ אנ אומרויִקנ פאַרטאָג.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אינ טיר. כריסטיא עפנט אופ די טיר און שרײַט אויס ניט מיט איר קאָל:

— מישע!

אינ איינ אויגנבליק איז כאַנקע אפּ דער שוועל. ווירקלעכ, מישע.

— ווי קומסטו אהער?

ער שמייכלט און ענטפערט רויִק:

— אנ עקסטרע אופגאַבע. אינגאַנצנ זעקס שאָ וועל איכ דאָ זײַנ.

— זעקס? — כאַפּט זיכ ארויס בײַ כאַנקענ. — קומ ארײַנ.

מישע גייט ארײַנ, דערזעט דעמ שלאָפנדיקנ סטודענט, פרעגט אפילע ניט, ווער ער איז. כאַנקע ווינקט מיטנ אויג: ס'איז א סטודענט פונ איר קורס. ער גייט הײַנט אינ ארמיי באַגלײַכ מיט איר. זי האָט אפּ זיכ ארופגעוואָרפנ דאָס קאָפּטל, איבערגעלאָזט קאַשאַרנ א שלאָפנדיקנ און איז אוועק מיט מישענ.

כריסטיאַ איז אַרויס אַפ די טרעפּ.

— מישע, אונ געזעגנענ זיך האָסטו פאַרגעסנ?

— יאָ, אַנטשולדיק, כריסטיאַ, איך אײַל זיך שטאַרק, — ער האָט זיך אומגעקערט, ער איז אַרײַנ אינ צימער צו זײַנ ווינקל, זיך אַרומגעקוקט, דערזענ די צערודערטע הײמלעכקײט נאָך דער עוואַקואַציע פונ די עלטערנ, אַ נעמ געטאָנ אינ דער האַנט עפּעס אַ פאַטשערקע פונעמ בופעט, צוריק עס אַוועקגעשטעלט.

ער האָט זיך דאָ אינ די עטלעכע מינוט דערזענ ביז זײַנ אַוועקפאָרנ אינ דער אוניוו־שול. ווי ער איז דעמאָלט געווענ זאָרגלאָז, פרײַ אונ אומגעצוימט אינ זײַנע פאַרלאַנגענ, אינ זײַנע שטרעבונגענ. אונ איצטער פילט ער אַנ אומרו פונ דעמ טרויעריקנ בילד דורכנ פענצטער פונ דער אויסגעלײדיקטער שטאָט, פונ דער האַלבער פוסטקײט אינ זײַנ טאַטנס שטוב, אונ פונ יענע באַנאַכטיקע מאַכנעס פונ די אַנטלויפנדיקע מענטשנ אַפנ טראַקט, אונ די ברענענדיקע שײַטערס אונ די פאַרפאַלענע קינדער...

— זײַ געזונט, כריסטיאַ, אונ ווער איז דאָס יינגעלע?

— מײַנ ברודערל פאַווליק. אַנטלאָפנ פונ דער היימ.

— פונ גאַריווקע? — פרעגט מישע.

— מישע, ער דערצײלט, דאָרטנ איז שרעקלעך, סע ברענט. מײַנ טאַטע איז אַוועק אינ די וועלדער.

פאַווליק האָט געקוקט אַפ מישענ מיט ברײט צעעפנטע אויגנ. ער איז אפילע ניט דרייסט צוגעגאַנגענ צו אימ אונ זיך צוגערירט צומ רעוואָלווער בײַ דער זײַט.

— קומ מיט מיר, פאַווליק, — זאָגט צוגעלאָזט מישע.

— ניע פידו! — אונ דאָס יינגעלע קערעוועט זיך אָפּ.

— ער איז איבערגעשראָקנ, — זאָגט פאַר אימ כריסטיאַ. מישע דרייט זיך אומ נאָך עטלעכע מאָל איבערנ צימער.

— נו, זײַ געזונט, — אונ ער איז אַרויס מיט כאַנקענ אינ דרויסנ.

— וואָס מאַכנ דײַנע פרײַנט — די מושקעטיאָרנ? — פרעגט כאַנקע.

— ניט גוט, — ענטפערט מישע, — ניט גוט.

כאַנקע שטעלט זיך אָפּ פאַרכידעשט.

— וואָסי?

— איך בינ ניט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט. יענע צוויי, מיט וועלכע איך בינ געפאָרנ, זײַנענ עמעסע פליִער, — מישע מאַכט אַ פאַוזע, — אונ איך, וואָס בינ איך? גאָרניט. מע האַלט מיך ביז אַהער אינ רעזערוו. אָבער דערווײַל פלי איך ניט. איצטער בינ איך געקומענ אַהער צוליב וויכטיקע איניאָנימ אַפ עטלעכע שאָ. מע דאַרפ אַרויספירנ פונדאַנענ עפּעס...

אָבער ניט דאָס וויל ער זאָגנ. אונ ס׳איז ניט נייטיק, כאַנקע זאָל עס וויסנ. ער שמייכלט צו איר. ער איז געקומענ אַפ אַ טראַנספּאָרטאעראָפּלאַנ. ער גייט איצטער פונעמ וואָקזאַל.

— פונעמ וואָקזאַל? וואָס האָסטו געטאָנ אַפנ וואָקזאַל?

— באַלד, — זאָגט ער, — איך האָב דאָרטנ געזוכט פאַרפאַלענע צוויי קינדער פונ מײַנער אַ מומענ. ס׳איז אַזוי שווער דערפונ אַפנ

האַרצנ. — ער ווייסט ניט ווי איז עס אויסצודריקנ, — מיר זײַנענ מיט דיר, כאַנקע, דער גליקלעכער דאָר, נאָר מיר האָבנ נאָכ ניט געזענ קיינ עמעסע מענטשלעכע לײדנ. מ'האָט אונדז דערצויגנ אינ פרייד, אונ ס'איז פאַראַנ אַזאַ גרויסע מענטשלעכע פּײַנ. איכ האָב זי געזענ אונ איכ מוז זיצנ אונ וואַרטנ ביז ס'וועט קומענ די גייטיקע שעה, איכ זאָל זיכ נוקעמ זײַנ דערפאַר. מײַנע כאַווייריִמ פירנ שוינ אַ כעזשבנ... דאָרט אויבנ.

— איכ פאַרשטיי גוט, וואָס דו מיינסט, — האָט כאַנקע אימ געדריקט די האַנט. — איכ האָב זיכ שוינ אָנגעהערט, ניט געזענ, עמעס, דאָס, וואָס דו זאָגסט, אָבער...

— איכ האָב ניט געוואַרט דיכ צו באַגעגענענ, — שלאָגט ער זי איבער. — גוט, וואָס כ'האָב דיכ געטראָפנ. אונ מיר איז גרינגער, וואָס סע דערגייט צו דײַנ האַרצנ מײַנע רייד. זאָלסט געווענ זענ. אונ דער מומעס קינדער, וואָס זי האָט פאַרלאָרנ אינ וועג, האָב איכ טאַקע ניט געפונענ. וואָס סע טוט זיכ אַפנ קיִעווער וואָקזאַל! עשעלאָנענ מיט מענטשנ פונ גאַנצ אוקראַינע. מע ציט אַהינצו, אַפ מיזרעכ. שטראָמענווײַז. ס'האָט זיכ אָפּגעריסנ, ווי אַ געוויטער.

מישע שטעלט זיכ אָפּ אינמיטנ דערינענ.

— אַ שרעק. אונ דאָ גייט די אַרמיי. אונ עשעלאָנענ מיט מענטשנ אָנ אַ דאַכ, אָנ אַ היימ, אָפּט אָנ שיכ, אָנ קליידער, אַ גרויל...

כאַנקע באַרויִקט אימ. ער ווערט איר נעענטער, טײַערער.

— מישע, — זאָגט כאַנקע צו אימ, — מיר געפעלנ דײַנע נײַע געדאַנקענ.

— וואָס איז דער כידעש: דאָס לעבנ ציט באַ די אויערנ.

אונ נאָכ אַ פּאַוזע זאָגט ער אומגעריכט:

— כאַנקע, אַזויפיל צעבראָכענע יִידנ. איכ האָב זיי קיינמאָל ניט געזענ אינ אַזעלכע מענגעס. קיינמאָל זיכ ניט צוגעקוקט צו זיי, אונ איצטער קומענ זיי צו די אויגנ... אומגליקלעכע...

— יאָ... — אונ כאַנקע פאַרטראַכט זיכ: — אַ ביטערער אומגליק פונ אַ פאָלק.

— מע לויפט, מע ראַטעוועט זיכ.

— וואַרט, — באַטראַכט מישע די פאַרמאַסקירטע מויערנ, — אַפ וועלכער גאַס זײַנענ מיר עס? אַפ קאַרל מאַרקס' גאַס? זע נאָר! — אונ מישע פאַרבײַסט דעמ קאָפּ: — עפּעס דער פראַנקאָ-טעאַטער איז ניט אַזעלכער ווי שטענדיק. אונ וווּ איז דער מויער מיט די יאַמ-פיגורעס?

— פונ יענער זײַט, — ענטפערט כאַנקע אונ ווײַזט אימ מיטנ פינגער אַרופ-צו.

— מישע, — זאָגט זי, — הײַנט שיקט מענ מיכ אַפנ פראָנט.

— יאָ, נאָכ הײַנט? עפּשער וועלנ מיר זיכ מיט דיר באַגעגענענ אינ אַרמיי. איצטער איז די אַרמיי דאָס אָרט פאַר אונדזער גאַנצנ דאָר.

— מישע, מישע... — כאַנקע וויל וואָס מערער האַלטנ אַפ די ליפּנ זײַנ נאָמענ, ווענ מע דאַרפ יאָ אונ ווענ ניט האָט זי אימ אָנגערופנ באַט נאָמענ.

— האָבי איכ דיר געזאָגט, אַז בינ איכ א פליער אונ איכ גרייט זיכ צו אנ אנדער ארבעט... זע נאָר, וו איז דער צירק? — זוכט מישע מיט די אויגנ.

— מיר שטייענ דאָכ לעבנ אימ, — צעלאכט זיכ באנקע, — ווייסט שוינ ניט, אפ וועלכער וועלט דו ביסט...

— ס'איז ניט שלעכט פארמאסקירט — איכ דערקענ פאַשעט ניט.

אנ אָפּגעבליאקעוועטע אפישע, אפ וועלכער עס זײַנענ אויסגעמאָלט געווענ כײַעס, איז א צעפליקטע אראָפּגעהאנגענ פונ וואנט. אנטקעגנ אינ סעדל איז פונ א באנק אופגעשטאנענ א מענטש, זיכ אויסגעטשוכעט פונעמ באנאכטיקנ שלאָפּ, פארדעכטיק א קוק געטאָנ אפ מישענ אונ באנקענ אונ זיכ געלאָזט צומ קרעשטשאטיק. דאָס פאָרל איז אויכ ארויס אפנ גלאנציקנ שפיגל פונ קרעשטשאטיק אונ זיכ פארקערעוועט רעכטס צומ קאלינינ-פלאצ. אינ דער הייכ איבער די קעפּ האָבנ זיכ געהוידעט צוויי לאנגע וורשט-פאָרמיקע אעראָסטאטנ, ס'האָט זיכ אויסגעדאכט, אז זיי לאָזנ זיכ אראָפּ נידעריקער צו דער גאס. פונ הינטער דער געבײַדע פונ שטאָטראט איז ארויסגעגאנגענ א רויטארמייער-טייל. ס'האָט אימ געפירט א יונגער לייטענאנט.

— זע נאָר! — האָט מישע אויסגעשריגנ צו באנקענ, — ס'איז דימקע פעראָוו, אפ מײַנ וואָרט.

ווענ דער טייל האָט זיכ אויסגעגלײַכט מיט קראמערנ אונ באנקענ, האָט מישע א רופ געטאָנ:

— דימקא!

דער לייטענאנט, וואָס האָט געפירט די ראָטע, האָט זיכ אומגעקוקט, קיינעמ, ווײַזט אויס, ניט באמערקט אונ געשפאנט ווײַטער. דעמלט איז מישע פארלאָפּנ דעמ וועג אונ אָפּגעשטעלט דעמ כאווער. באנקע איז געבליבנ אפנ טראָטואר, אונ מישע איז א שטיק וועג געגאנגענ באנאנד מיט דימע פעראָוונ בא דער זײַט פונ דער שפאנענדיקער ראָטע אונ געשמועסט. אומגעקערט האָט זיכ מישע א צעקאָכטער.

— וואָס איז געשענ? — פרעגט באנקע.

— דימע גייט הײַנט-מאָרגנ ארויס אפנ פראָנט, אונ איכ... איכ בינ אינ רעזערוו. אַט א גורל פונ א מענטשנ!

מישע האָט פארמאָרעשכוירעט לאנג נאָכגעקוקט דער אוועקגייענדיקער ראָטע. ער האָט אליינ צו זיכ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ, דערנאָכ פעסט אָנגענומענ באנקענ אונטער דער האנט, א קוק געטאָנ אפנ זייגער אונ געזאָגט:

— לאָמיר גיינ אפנ וולאדימיר-בערגל, דערמאָנענ זיכ אינ יענע אָוונטנ. געדענקסט? — אונ ער האָט איר ארײַנגעקוקט אינ די אויגנ.

באנקענ האָט א ברי געטאָנ פונ מישעס לעצטע רייד. זי האָט זיכ צוגעדריקט צו אימ שטײַפער.

— ס'איז דיר קאלט? — פרעגט ער.

— ניינ!

— אינ דרויסנ איז קיל, — זאָגט מישע גלאט אזוי, ניט באקלערנדיק, וואָס ער רעדט.

ס'איז שוינ געווענ גרויסער טאָג, נאָר די שטאָט האָט נאָכ ניט געלעבט. וו-ניט-ווו אַפ א גאס האָבנ זיי באגעגנט א טאַטשקע, וואָס עס האָבנ זי געפירט איינער אָדער צוויי מענטשנ — א פרוי מיט א מאנ, אָדער א פרוי מיט א קינד. דאָס האָבנ זיכ עוואקוירט אײַנוווינער, וועלכע האָבנ געוואָלט אנטלויפנ פונעמ דײַטש. אז אנ אווטאָ איז דורכגעפאָרנ, האָט זיכ געדאכט, ער אנטלויפט פונ א ברענענדיק אָרט זיכ באהאלטנ ערגעצ. אינ מיזרעכ איז אופגעגאנגענ די זונ. זי האָט זיכ געשיילט פונ יענער זײַט טײַכ אונ צוגעשווומענ פונ איבערנ דניעפער נעענטער צו דער אָפגעשטאָרבענער שטאָט. כאנקע אונ מישע זײַנענ געשטאנענ אונטער די הויכע טאָפּאָלנ אַפנ וולאדימיר-בערגל. די טאָפּאָלנ האָבנ מיט זייער בלעטער-רויש גאנצפרי:ק זיכ געשושקעט; א גלײַכמעסיקער, א רוי:קער בלעטער-רויש, מישע אונ כאנקע האָבנ ביידע געקוקט צו דער פײַערדיקער קולבע פונ יענער זײַט וואסער, גלײַכ אינ דער געגנט איז גאָר קיינ שיסערײַ ניט געווענ, גלײַכ מענטשנ ארומ האָבנ ניט געלעבט אינ אומרוי:קנ ציטער. צוויי יונגע מענטשנ זײַנענ געשטאנענ ארומגענומענ אונטער די טאָפּאָלנ, ווי זיי וואָלטנ זיכ געבנ דאָס וואָרט, אז זיי וועלנ זיכ קיינמאָל ניט צעשיידנ. אנ איידעס דערצו איז דאָס לעבנ אליינ. פונ דער ווײַט איז אהער דערגאנגענ א צעבויטעטער אָפהילכ פונ א קאנאָנענ-שיסערײַ. פונ מיזרעכ זײַנענ אָנ אופהער אַפ מײַרעוו געפלויגנ אעראָפּלאנענ. מישענ האָט זיכ געדאכט, אז פארבײַפלי:ענדיק מאכנ זיי צו אימ, צומ נעכטיקנ קורסאנט פונ דער פלי:ער-שול, מיט די פליגל, געזעגענענ זיכ מיט אימ. אונ ער שטייט דאָ, אַפנ בערגל. ס'האָט אימ באהערשט א ווילדער פארלאנג צו פלי:ענ. ער האָט צו זיי אויסגעשטרעקט די הענט ווי מיט א געבעט. פלוצעמ זאָגט ער:

— כאנקע, — מישע קוקט פונעמ בערגל צו דער ווײַט, — אָט דאָ וועלנ זײַנ דײַטשנ? זעסט, אָט דאָרטנ אינ יענער געבײַדע מיטנ פלאכנ דאכ איז פאָרגעקומענ יענע בארימטע פארזאמלונג, ווו מישע ראטמאנסקי האָט געהאלטנ פאר זײַנע כאווײרימ די פלאמענדיקע רעדע, אייִדער זיי זײַנענ ארויס קיינ טריפּאָליע. איז דאָס מעגלעכ, אז דאָרטנ זאָלנ טרעטנ דײַטשנ? — אונ מישע האָט אזש א ציטער געטאָנ, — זיי וועלנ ברעכנ די קעפ, כאנקע.

זיי שווײַגנ ביידע א ווײַלע. דערנאָכ זאָגט כאנקע מיט א דערשטיקט קאָל:

— אינ גאריוועקע זײַנענ שוינ דאָ דײַטשנ.

סע צינדנ זיכ בא מישענ אָנ די אויגנ.

— ווייסט? ווענ איכ זאָל זײַנ אינ א פלי:ער-טייל, וואָלט איכ זיכ געבעטנ באמ קאָמאנדיר מיר דערלויבנ א רייס אהינצו. א קוק טאָנ אַפ גאריוועקע. סע דאכט, איכ וואָלט אופגעאקערט די ערד מיט די דײַטשנ צוזאמענ... אַפ מײַנ וואָרט.

זיי זעצנ זיכ אוועק אַפ א באנק.

דעמ מיידל איז קיל געוואָרנ אינ א בלי:טשקנ קאָפּטל. די פיס זײַנענ בא איר פארשיקערט געווענ. ער רופט זי, אונ זי קענ ניט גיינ, זי וויל זיכ ניט אופהייבנ פונ דער באנק.

— מישע, — ברענגענ ארויס אירע ליפנ, — מיר וועלנ זיכ מיט דיר נאָכ ווענ=ס'ניט=איז באגעגענענ?

ער איז צוגעגאנגענ צומ ראנד, פונוואנענ עס האָבנ זיכ אראָפּגע=לאָזט אינ נידער פארוואקסענע ערד=טרעפּלעכ, וואָס האָבנ געפירט צומ דניעפּער, אונ אומגעריכט האָט זיכ פונ זײַנ ברוסט ארויסגעריסנ א טיפ זיכערער געשריי, ווי ער זאָל זײַנ ערגעצ אינ א געדיכטעניש אפּ א פארוואָרפנ אָרט:

— מיר וועלנ נאָכ מיט דיר לעבנ, כאניקע, מיר הייבנ ערשט אָנ!

——— ★✦★ ———

צווייטער טייל

קאפיטל עלפ

די לעצטע נאכט פונ מאיאָר פאָנ־פאָגעלשטײַער

די ערשטע גרויסע שטאָט אינ אוקראינע, וועלכע דער דײַטשישער מאיאָר אווגוסט פאָנ=פאָגעלשטײַער האָט באטראָכטנ, איז געווענ לוואָוו.

דער וואָקזאל, דער פאזאסש זײַנענ געווענ צעקלאפּט פונ דײַטשישע באָמבעס. די לעגיאָנענ=גאס איז אינ פיל ערטער געווענ צעוואלגערט, צעגראָבנ. דאָס האָט אפנ דײַטשישנ מאיאָר געמאכט זייער א גוטנ אײַנדרוק. מע זעט, האָט געטראכט דער מאיאָר, אז דאָ איז דורכגעגאנגענ דאָס רומפולע דײַטשישע געווער, וואָס שוינט ניט גאָרניט אונ קיינעמ.

ניט ווײַט פונעמ גראנד=האָטעל האָט פאָנ=פאָגעלשטײַער איבערגעכאפּט, דערבײַ באשטעלט אנ אוקראינישנ באָרשטש אונ געהייסנ זיכ דערלאנגענ קאווקאזער ווײַנ. קיינ קאווקאזער ווײַנ איז אינ רעסטאָראנ ניט געווענ, האָט ער באפוילנ שיקנ אינ א שכײַנעסדיקנ רעסטאָראנ, מע זאָל אימ ברענגענ ווײַנ פונ קאווקאזער קעלערס. ניט צוליב דעמ האלט פאָנ=פאָגעלשטײַער מילכאָמע, ער זאָל זיכ ניט וויל טאָנ.

זאט אָפּגעגעסנ, האָט דער מאיאָר אויסגעדריקט זײַנ פארלאנג צו באגעגענענ „יודענ“. ער האָט געוווסט, אז אינעמ היגנ קאנט זײַנענ פאראנ גאליציאנער ייִדנ, אונ אזעלכע וועט ער דאָרטנ ווײַטער ניט זענ. „די יודענ=פראגע“ האָט דער מאיאָר פאָנ=פאָגעלשטײַער דערלערנט גרינטלעכ. ער האָט אפילע בא זיכ אינ נאָטיצ=ביכל פארצייכנט, וויפל ייִדנ אינ וועלכע שטעט עס וווינענ.

פאָנ=פאָגעלשטײַער האָט אפילע געבעטנ דעמ גענעראל פאָנ=ראלקע, ער זאָל אימ, דעמ מאיאָר, לאָזנ מאכנ אָרדענונג צווישנ דעמ דאָזיקנ טייל באפעלקערונג אינ אוקראינע. ס'איז גאָר ניט קיינ געזעצ, אז זיי, די מיליטער=טיילנ, זאָלנ מיט זייער בלוט פארנעמענ שטעט אונ שטעטלעכ, אונ אָרדענונג וועלנ אײַנשטעלנ די בירגערלעכע אָרגאניזאציעס. ער וואָלט זיי ניט אָפּגעטראָטנ די ערשטע פרוכטנ פונ די ערשטע זיגנ. אָ, ניינ!

נאָר קיינ „יודענ“ זײַנענ אימ ניט געקומענ פאר די אויגנ. ווו האָבנ זיי זיכ באהאלטנ?

פונ א דערבײַיקנ געסל איז אנטקעגנ דעמ מאיאָר ארויסגעגאנגענ א גרופּע מענטשנ אונטער א וואכ פונ צוויי דײַטשישע סאָלדאטנ. די אויגנ באמ מאיאָר האָבנ זיכ אָנגעצונדנ מיט א פריילעכ פײַערל. ער

האָט אָפּגעשטעלט די וואַך אונ געפרעגט, וווּהינ פירט מענ זיי. איינער פונ די סאָלדאַטנ האָט מיטגעטיילט:

— דאָס זיינענ יודענ, הער מאַיאָר.

— אַך, יודענ...

אונ אויגוסט פאָנ־פאָגעלשטיינער האָט באַפוילנ, צוויי פונ זיי זאָלנ צוגיינ צו אימ. אָנ שומ רייד האָט דער מאַיאָר ארויסגענומענ דעמ רעוואָלווער, צוויי טרוקענע שאָסנ האָבנ ווילד אויפגעריסנ די לופט אויפ דער גאַס. ביידע יידנ זיינענ אָנ איינ קרעכצ אומגעפאַלנ. בײַ איינעמ האָט אינ גסיסע־קראַמפּ זיכ פאַרהויבנ די האַנט, גלייכ ער האָט געדראָט זיינ מערדער...

קאַלטבלוטיק ארײַנגעלייגט דעמ רעוואָלווער אינ דער לעדערנער קאָבורע אונ באַפוילנ פירנ די איבעריקע, וווּהינ ס'איז באַשטימט, איז דער דייטשישער אָפיצער אוועק ווייטער זיינ גאַנג.

די צווייטע שטאָט, וווּהינ דער דייטשישער „ציוויליזאַטאָר“ איז אָנגעקומענ, איז געווענ קיִעוו. פאָנ־פאָגעלשטיינער האָט אייגנטלעכ גערעכנט צו בלייבנ אינ קיִעוו אַלס קאָמענדאַנט פונ שטאָט. פאַר זיינ בלוטדאָרשטיקייט אונ אַכזאָריעס וואָלט ער דאָס, מעגלעכ, פאַרדינט, אָבער ס'זיינענ געווענ אַנדערע, מער געהויבענע הענקער פאַר דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט אויפ צו פייניקנ זי. ער האָט זיכ געפילט שרעקלעכ באַליידיקט. ער, דער מאַיאָר פונ דער דייטשישער ארמיי, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַזאַ גראַנדיעזנ מאַרש, אָנהייבנדיק פונ דער פוילישער קאַמפּאַניע, ער, דער אייגנטימער פונ אַ גרויסער טאַבאַק־פאַבריק אינ האַנאָווער, האָט געקלערט — אימ קומט צו ווערנ קאָמענדאַנט פונ קיִעוו. נאָר קיינ קאָמענדאַנט איז ער ניט געוואָרנ.

ער האָט מיט זיכ מיטגעפירט אַ פאָטאָגראַפ, אונ ווו ס'האָט זיכ געלאָזט, האָט ער זיכ פאָטאָגראַפירט אונ אוועקגעשיקט אַהיימ די בילדער. אינ קיִעוו האָט אויגוסט פאָנ־פאָגעלשטיינער אומעטומ מיטגעשלעפּט דעמ פאָטאָגראַפ אונ געמיינט אַהיימ שיקנ די בילדער, מע זאָל אימ דאָרטנ זענ אַלס באַלעבאָס פונ דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט. אַזוי פיל מאָל האָט ער שוינ געשריבנ אַהיימ, אַז ער גרייט זיכ זיינ קיִעווער קאָמענדאַנט, אַז ס'איז אימ אַ ווייטעק געווענ צו אַנטוישנ זיינע אייגענע.

דער מאַיאָר האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ האָטעל „קאָנטינענטאַל“, באַשטעלט קאָקטייל אונ באַפוילנ דעמ אָפיציאַנט ארײַנטראָגנ דעמ קאָקטייל צו זיכ אינ נומער ארײַנ. דערנאָכ האָט זיכ אימ פאַרגלוסט ארויסגיינ צומ דניעפּער. פונעמ וולאַדימיר־בערגל האָט ער געקוקט אויפ דניעפּער אונ ניט געקאָנט זיכ אָנכידעשנ. די פאַנאָראַמ האָט אימ דערמאָנט די שענסטע ערטער אויפנ רײַנ. ער האָט געקלערט: פאַרוואָס האָט דער פיורער ניט געמאַכט דעמ מאַרש פריִער מיט פינפ יאָר? אַ שאָד! אַזאַ קאַנט, אַזאַ שטאָט האָט שוינ לאַנג געדאַרפט געהערנ צו די דייטשנ! ער האָט געהייסנ דעמ פאָטאָגראַפ אימ אראָפּנעמענ אויפנ פאָנ פונ דניעפּער.

אויפ צוריקוועגס פונעמ וולאַדימיר־בערגל ביז צומ האָטעל האָט ער ווייניק מענטשנ געזענ. ווו זיינענ עס די מענגעס אוקראַיִנער? זיי באַהאַלטנ זיכ אויס!

ווו=ניט=ווו זײַנענ אפ די גאסנ פארבײַגעלאָפנ אײנצלנע אײַנוווינער. באמערקט דײַטשישע סאָלדאטנ, האָט מענ זיכ אָפגערוקט אינ די הויפנ.

לעמ דער געבײַדע פונ שטאָטראט האָט דער מאיאָר זיכ אָפגע=שטעלט. דאָרט האָט זיכ צונויפגעזאמלט אנ אוילעמ. א פארוווּנדעטער מענטש איז געלעגנ אפ דער ערד אונ געקרעכצט.

אָט דאָס זײַנענ עס די אוקראַינער? שווײַגנדיק באטראכט דער מא=יאָר דעמ אוילעמ. פרעמדע מענטשנ, זיי קוקנ אפ אימ מיט אָנגע=ברויגעזטע פּנעמער. דער דײַטש דערמאָנט זיכ אינ זײַנע יעדיעס וועגנ אוקראַיניש, וועקט אופ אינ זיקאָרנ עטלעכע ווערטער, פרווט עפּעס זאָגנ, אָבער די מענטשנ ענטפערנ ניט. זיי קוקנ מיט מוירע אפנ דײַטש, וואָס טראָגט א בליסט אינ דער האנט אונ א מאָנאָקל אפנ אויג.

פונעמ בײַטל, וואָס איז בא אימ געהאנגענ אפ דער זײַט, האָט דער אָפיצער ארויסגענומענ א קאָנפעקט, צוגערופנ א מיידעלע אונ איר איבערגעגעבנ. דאָס קינד איז געבליבנ שטיינ מיטנ קאָנפעקט אינ האנט אונ מיט פארציקאַוועטע אויגנ געקוקט אפנ דײַטש. דער מא=יאָר האָט געשמייכלט צומ קינד אונ באפוילנ דעמ פאָטאָגראַפ צוטרעטנ צו דער ארבעט. דער פאָטאָגראַפ האָט אָנגעשטעלט דעמ אפאראט. דער מאיאָר האָט ארויסגענומענ פונעמ בײַטל נאָכ א קאָנפעקט. מיט א פינגער צוגערופנ נאָכ א מיידעלע אונ איר ארײַנגעשטעקט אינ הענטל דעמ קאָנפעקט. דער פאָטאָגראַפ איז שוינ גרייט געווענ צו פארייביקנ דעמ דאָזיקנ מאָמענט. אינ דער רגע איז פונ צווישנ אוילעמ ארויס א יונגע פרוי מיט א פיצל קינד אפ די הענט אונ האָט אפ א קאָל אויסגעשריגנ:

— נאסטינקע, אהער גיי!..

דאָס מיידעלע האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו דער מוטער. די אידיליע איז צעשטערט געוואָרנ. די מוטער האָט ארויסגעריסנ דעמ קאָנפעקט פונ דעמ מיידעלעס האנט אונ מיט קאס אימ א שמיץ געטאָנ צומ מאיאָרס פּימ.

פאָנ=פאָגעלשטײַער האָט זיכ אָנגעצונדנ. דער מאָנאָקל האָט זיכ בא אימ אראָפגעגליטשט פונעמ אויג, אונ די אונטערשטע ליפ האָט געצי=טערט. ער האָט זיכ געכאפט פארנ רעוואָלווער אונ א דונער געטאָנ:

— יודענ?

דער אוילעמ האָט געשוויגנ.

די מוטער פונעמ מיידעלע מיטנ זויג=קינד אפ די הענט האָט ניט אופגעהערט צו קוקנ אפנ דײַטש, אונ וויפל פאראכטונג, פארדראָס אונ צאָרנ זי האָט פארמאָגט, האָט דאָס אלצ, ווי א קנויל, זיכ צונויפגע=נומענ אינ אירע פארביטערטע אויגנ. דאָס פּאָנעמ אירס — אנ אויס=געצערטס, ערדיקס, געלס — האָט אָנגעשטרענגט די שוואכע מוסקולנ, אונ אויסגעזענ גרויזאמ.

דער מאיאָר האָט צוריק ארײַנגעלייגט דעמ רעוואָלווער אינ דער קאָ=בורע אונ שוינ מילדער געפרעגט:

— אוקראַינער?

דער אוילעמ האָט געשוויגנ.

דער מאיאָר האָט באפוילנ ארעסטירנ די פרוי מיטנ מיידעלע, איז אוועק אינ „קאָנטינענטאל“ באשטעלנ אוקראיִנישע האלושקעס, וועגנ וועלכע ער האָט זיכ באצײַטנס דערוווסט בײַ אייניקע „ווייסערמ“ פונעמ אָרטיקנ שטייגער.

אינ דעמ זעלביקנ אָוונט האָט מענ באמ ארײַנגאנג אינעמ האָטעל „קאָנטינענטאל“ געפונענ דערשטאָכנ א דײַטשישנ אָפיצער. אינ זײַנ מויל איז געווענ ארײַנגעשטעקט אַ צעטעלע: „אונדזער נעקאָמע וועט אײַכ ניט אויסמײַדנ — פארטיזאנער“.

די אָפיצערנ, וועלכע האָבנ געוווינט אינ די פרעכטיקע צימערנ פונעמ ערשטקלאסיקנ האָטעל, האָבנ מוירע געהאט ארויסצוגיינ פונעמ האָטעל אפ דער גאס.

גלײַכ נאָכ אָט דעמ מאָרד האָט מענ פונ אלע דערבײַיִקע גאסנ ארעסטירט אָרוועס=לײַט, אונ די דײַטשישע קאָמענדאטור האָט געמאָלדנ, אז פונ יעדנ שכיינעסדיקנ הויז זײַנענ שוינ צעשאָסנ געוואָרנ צו פינפ מאנ. אפנ צווייטנ טאָג האָט מענ געפונענ נאָכ א דערשאָסענעמ דײַטשישנ אָפיצער מיט דער זעלביקער אויפשריפט.

אינ א שאָ ארומ האָט די דײַטשישע קאָמענדאטור אויפגעהאנגענ אפ בײַדע ווינקלענ פונ יעדנ באלקאָנ אינ האָטעל „קאָנטינענטאל“ צו צוויי מענטשנ — א מאנספארשויִנ אונ א פרוי. דרײַ טעג נאָכאנאנד זײַנענ אראָפגעהאנגענ פונ די באלקאָנענ די שרעקלעכע גירליאנדעס פונ מענטשלעכע קערפערס.

דער מאיאָר אווגוסט פאָנ=פאָגעלשטײַער האָט באשלאָסנ, אז פיל רויִקער וועט פאר אימ זײַנ, ווענ ער וועט זיכ פארנעמענ פונ געפערלעכנ האָטעל. ער האָט באפוילנ דעמ יעפרייטאָר פריצ מילצ אויפזוכנ אימ א פאסיקע וווינונג וואָס ווײַטער פונ אָט דעמ פארפלוכטנ האָטעל.

פריצ מילצ האָט זיכ געפוילט לאנג צו זוכנ. ער האָט זיכ געלאָזט גיינ איבער דער שכייִנישער גאס, ארײַנ אינ הויפ פונ א גרויסנ מויער אונ אָנגעהויבנ זיכ נאָכפרעגנ, וועמעס וווינונג רעכנט זיכ דאָ פאר דער בעסטער. די אײַנוווינער האָבנ אָבער קיינ כיישעק ניט געהאט צו ענטפערנ אימ. נאָר פריצ מילצ קענ אליינ אויכ עפעס דערשמעקנ. ער איז ארופ אפנ צווייטנ שטאָק, געהייסנ זיכ איבערלייענענ די אויפשריפטנ, וואָס זײַנענ געהאנגענ אפ די טירנ, אונ אז ער האָט דערהערט, ווי מע לייענט איינע אנ אויפשריפט „דאָקטער אָסיפ קראמער“, האָט ער באשלאָסנ, אז דאָס איז פונקט אזא וווינונג, וואָס ער דארפ האָבנ. דאָקטוירימ האָבנ א באגריפ, וואָס א גוטע וווינונג הייסט. אפ א דאָקטער מעג מענ זיכ פארלאָזנ. אונ ער איז אוועק ראפאָרטירנ דעמ מאיאָר פאָנ=פאָגעלשטײַער, אז ער האָט געפונענ פונזײַנעטוועגנ א גרויסארטיקע וווינונג אפ איינער פונ די שענסטע גאסנ.

כריסטיא איז געזעסנ אפנ טאבורעטל אינמיטנ קיכ אונ געקוקט אינ פענצטער, גלײַכ זי האָט פונ דאָרטנ געווארט אפ עפעס א רעטונג. שוינ צוויי מאָל איז אהער ארײַנגעקומענ דער יעפרייטאָר פריצ מילצ אונ איר געהייסנ ארויסגיינ צומ מאיאָר. כריסטיא האָט זיכ געמאכט ניט וויסנדיק. צוערשט האָט ער זי געבעטנ מיט גוטנ, דערנאָכ

זיכ צעבײזערט — כריסטיא האָט זיכ ניט גערירט פונעם אָרט. פריצ מילצ איז אופגעבראכט געװאָרנ. ער האָט א ריס געטאָנ דעם טאבירעט. כריסטיא האָט זיכ שיִר ניט איבערגעקערט. זי איז געבליבנ שטײנ אינמיטנ קיכ אונ, שװײַגנדיק, ניט אראָפגעלאָזט די אױגנ פונעם יעפרײטאָר.

— דער מאיאָר רופט! — האָט פריצ מילצ איר געװיזנ, זי זאָל גײנ אינ קאבינעט. כריסטיא האָט זיכ ניט אָפּגערופנ. דאָס ברודערל, װאָס איז פריִער געזעסנ אופנ געלעגער פארגליװערט, איז איצטער צוגעגאנגענ צו דער שװעסטער, זיכ אָנגעבױגנ צו אירע פיס, זי ארומגענומענ מיט די הענט, גלײַכ ער איז גרײט זי פארטײדיקנ פונעם דײַטש. װענ דער יעפרײטאָר איז ארױס פונ קיכ, האָט כריסטיא זיכ אָנגעבױגנ צומ ברודערל, אימ אופגעהױבנ אונ מיט פאָרזיכטיקײט אימ צוגעפירט צומ בעטל, אימ אװעקגעזעצט אונ געגעבנ אימ א פּאָר מאָל א גלעט דאָס דערשראָקענע פּאָנעמ. ער האָט צוגעצױגנ צו זיכ די שװעסטער, זי זאָל פונ אימ ניט אָפּטרעטנ.

— אהא, כריסטיא, איכ האָב דיר געזאָגט, לאָמיר אנטלױפנ! — האָט פאװליק געזאָגט.

כריסטיא האָט אימ בארויִקט, גלעטנדיק אימ איבערנ קאָפּ, איבער די באקנ. דאָס ברודערל האָט װירקלעכ דערפילט א שטארקײט אינ דער שװעסטערס הענט אונ א מוטיקײט אפ איר פּאָנעמ. די באקנ האָבנ בא איר געפלאמט, אונ די ברעמענ זײַנענ בא איר געװענ ערנסט אָנגעברױגעזט. ניט אראָפּלאָזנדיק די אױגנ פונ איר, האָט ער איר א שעפּטשע געטאָנ:

— כריסטיא, װאָס װעט זײַנ? לאָמיר נאָכ איצטער אָפּציִענ.

זי האָט אימ דערופ גאָרניט געענטפערט. זי האָט בלויז אָפּגעשניטנ א שטיקל ברויט, אימ געגעבנ, ער זאָל ניט ריידנ.

אינ קאבינעט איז דער יעפרײטאָר געשטאנענ פארנ מאיאָר אונ אויסגעהערט זײַנע הארבע טײַנעס — װאָס איז דאָס פאר א מיידל אינ קיכ, װאָס זאָגט זיכ אָפּ ארײַנגײנ צו אימ, דעמ אָפיצער פונ דער דײַטשישער ארמײ? פריצ מילצ האָט זיכ געבױגנ אינדרײַענ פארנ דײַטשישנ מאיאָר, אז ער װײסט פאָרט ניט װאָס צו טאָנ מיט איר. זי שװײַגט, װי אנ עמער װאסער.

דער יעפרײטאָר איז נאָכאמאָל ארײַנגעגאנגענ צו כריסטיענ אינ קיכ, מיט גװאלד זי ארויסגעשלעפּט צומ מאיאָר. פאװליק האָט זיכ נאָכגעשלעפּט כריסטיענ, ניט ארויסגעלאָזט פונ די הענט איר קליידל.

דער מאיאָר האָט צוערשט זײער פאָרזיכטיק זיכ געװענדט צו כריסטיענ, זי זאָל עפּעס צוגרײטנ עסנ, געװיזנ אפנ מויל, אפנ בויכ, אז ער איז הונגעריק. כריסטיא האָט קײנ װאָרט ניט ארויסגעבראכט. אײנס האָט זי פארשטאנענ, אז דער דײַטש װיל א סאמאָװאר.

— נעמא! — האָט זי געװיזנ מיט דער האנט.

א רעגע געשװיגנ, האָט דער מאיאָר באפוילנ דעמ יעפרײטאָר, ער זאָל פונ אונטער דער ערד אָפּזוכנ א סאמאָװאר. פריצ מילצ איז ארויס פונ טיר, ארײַנ אינ אײנ שטוב, אינ א צװײטער, אינ א דריטער, אומעטומ האָט אימ באגעגנט א פוסטקײט. פארלאָזענע הײַזער, װאָס זײַ=

נענ שוינ היפש פארשטויבט געוואָרנ אונ געשמעקט מיט ניט באוווינטקײט, אפ אײנעמ א שטאָק האָט ער אָנגעטראָפנ אפ דעמ פידלער מיט זײַנ פּאראליזירטער פרוי. דער יעפרייטאָר איז עפּעס מאָדנע איבערראַשט געוואָרנ, וואָס ער האָט אומגעריכט דערזענ צוויי מענטשנ — א מאנצפארשוינ אונ א פרוי. געבליבנ שטיינ אפ דער שוועל פונ דעמ צימער, ווו ס׳איז געלעגנ צוגעשמידט צומ בעט ליובע ראַוויטש, האָט פריצ מילצ ארויסגעדונערט:

— א סאמאָוואר! — געגישטערט מיט די אויגנ איבער דער שטוב, ניט געפונענ, האָט ער אָנגענומענ דעמ פידלער בא דער האַנט אונ אימ געשלעפּט מיט זיכ.

די פרוי האָט געווונקענ צומ מאנ, ער זאָל ניט גיינ.

— וואָס האָב איכ מוירע, וואָס וועט ער מיר טאָנ? — איז דער פידלער געווענ רויק.

— גיי ניט, זיאמע, — האָט די לערערקע זיכ געבעטנ, — ווער ווייסט, וווהינ ער שלעפּט דיכ?

דער יעפרייטאָר איז ניט אָפּגעשטאנענ פונעמ פידלער. זאָל ער מיט אימ ארופגיינ אָט דאָ העכער מיט א שטאָק, דאָרטנ וועט ער זאָגנ זײַנ מאיאָר, אז קיינ סאמאָוואר איז ניטאָ בא זיי.

— וואַרט, זיאמע, איכ וועל אויכ מיט דיר גיינ...

דער פידלער האָט באַרויקט דאָס ווײַב, אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט וואגנ זיכ אופהייבנ, זי וועט זיכ אומגליקלעכ מאכנ דערמיט.

— איכ וועל דיכ ניט לאָזנ אליינ גיינ.

דער פידלער איז ארויס מיטנ דײַטש. דערזענ ראַוויטשנ, האָט דער מאיאָר אימ באטראכט פונ קאָפּ ביז די פיס. אינ דער פּיזשאמע מיט די צעפּאטלטע גרויע האָר, האָט דער פידלער אויסגעזענ, ווי מ׳וואָלט אימ אָט ערשט אָפּגעריסנ פונ עפּעס א היימיש שטיקל ארבעט.

— פּראָפעסיע? — האָט פאָנ־פאָגעלשטײַער געפרעגט.

— א מוזיקאנט.

דער מאיאָר האָט זיכ אופגעשטעלט, דער מאָנאָקל האָט זיכ אראָפּגעגליטשט פונעמ אויג, קענטיק, ער האָט זיכ דערפרייט. אינ זײַנע פארשווומענע אויגנ האָט זיכ באוויזנ א פײַערל פונ פארגעניגנ. ער האָט זיכ דערמאָנט, ווי אינ די יוגנט־יאָרנ פלעגט ער שפּילנ אפ א פאגאָט אינ דער שול, ווו ער האָט זיכ געלערנט. דאָס איז שוינ געווענ לאנג, אָבער דער מאיאָר פאָנ־פאָגעלשטײַער האָט נאָכ איצט אויכ ליב מוזיק: בעטהאָווענ, שובערט.

דערהערט די באליבטע נעמענ פונ די קאָמפּאָזיטאָרנ, איז זיאמע ראַוויטש בא זיכ מונטער געוואָרנ. ער האָט אפילע געמאכט א שפּאנ נענטער צומ דײַטשישנ מאיאָר, דערופ האָט דער דײַטש קרומ א קוק געטאָנ, אָפּגעמאָסטנ דעמ פידלער מיט א ביטל־בליק, אָנגעבלאָזנ די ליפּנ אונ פארהויבנ דעמ קאָפּ צומ יעפרייטאָר, ווי אײנער רעדט: וואָס דערלאָזסטו אזוינס? פריצ מילצ האָט גוט פארשטאנענ זײַנ באלעבאָס, אָנגענומענ דעמ פידלער בא די באָרטנ פונ דער פּיזשאמע אונ אימ אָפּגערוקט ווײַטער.

— אפ וואָס שפּילט עס דער מוזיקאנט?

— א פידלער.
— אזוי. ווו זשע איז דער אינסטרומענט?
אָט קאָנ ער אראָפגיינ צו זיכ אינ שטוב אונ ברענגענ. דער מאיאָר האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ: ער דערלויבט אימ, אונ זאָל ער ברענגענ אויכ די נאָטנ. דער מוזיקאנט האָט א שמייכל געטאָנ צו זיכ אליינ: ער דארפ ניט קיינ נאָטנ, ער שפילט אפ אויסנווייניק, ער האָט אייגענע קאָמפאָזיציעס. דער מאיאָר האָט שוינ ניט געקוקט אינ זיינ זייט.
די קראנקע ליובע ראוויטש האָט ניט געוואָלט ארויסלאָזנ דעמ מאנ פונ שטוב. מיט אירע שווערע קראנקע הענט האָט זי זיכ אָנגעכאפט פארנ מאנ אונ אימ צוגעהאלטנ שטארק. ער האָט זיכ געריסנ פונ איר:
— בלויז אפ איינ מינוטקעלע, — דער אָפיצער פאָדערט די פידל, כאפט אימ דער גוטער־יאָר. ער וועט מיכ ניט אופעסנ.
— זיאמע, — איז בא דער קראנקער דאָס פּאָנעמ געוואָרנ אָנגעגאָסנ מיט בלוט, — פאָלג מיכ, באהאלט זיכ אויס פונ אימ.
— ער וועט מיר גאָרנישט ניט טאָנ...
דער פידלער האָט זיכ געמאכט ניט הערנדיק, צוגעשטעלט די פידל צו די קראמערס אינ שטוב.

דער מאיאָר איז אינ דער מינוט געווענ פארנומענ מיט באקוקנ קראמערס צימערנ. „אונ ווער איז דער?" — דער מאיאָר האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעמ מישעס קראמערס בילד, וואָס כאנקע האָט אופגעהאנגענ אינ די לעצטע טעג — עפּעס א מאטראָס. אונ ער האָט אויסגעשאָסנ אינ מישעס בילד. ס'האָט א הילכ געטאָנ. פּאוויליק האָט א געשריי געטאָנ אונ מיט די הענט זיכ איינגעקלעמט אינ כריסטיעס לייב... זי האָט אופגעציטערט, צוגעלאָפנ א קוק טאָנ אונ דערזענ מישעס בילד א דורכגעשאָסנס.

— דיינ געליבטער? — האָט דער מאיאָר א פרעג געטאָנ בא כריסטיענ אונ זיכ צעלאכט. די רויטע, איבערגעפריטע באקנ האָבנ זיכ געטרייסלט ווי צעבויטעט טייג. כריסטיענ האָט דערפונ געשווינדלט אינ די אויגנ. ס'האָט זי געוואָרגנ, אינ שלונג איז געוואָרנ ענג אונ די ליפנ האָבנ געטריקנט...

— נו, שפיל עפּעס, — האָט געזאָגט דער מאיאָר צו ראוויטשנ.
דער פידלער האָט געמאכט א פאָר טריט נענטער, ער האָט ניט דרייסט צוגעטראָגנ די פידל צומ מאיאָר. אָט איז די פידל. אויב דער הער אָפיצער וויל שפילנ, קענ ער שפילנ, אָבער ער אליינ וויל ניט שפילנ, דאָס הארצ ליגט אימ ניט דערביי, זיינ ווייב איז שטארק קראנק, איז אימ דער קאָפ ניט פריי אונ די פינגער לייגנ זיכ אפילע ניט.
— שפיל! — האָט שטרענג באפוילנ דער מאיאָר.

די פידל איז געלעגנ אפנ שרייבטיש לעמ אָפיצער. פאָנ־פאָגעלשטייער האָט באפוילנ דעמ יעפרייטאָר דערלאנגענ דעמ מוזיקאנט די פידל. פריצ מילצ האָט אימ ארייַנגעלייגט אינ די הענט דעמ אינסטרומענט. ראוויטש האָט איצט געהאלטנ זיינ פידל, ווי מע האלט א פרעמד קינד, וואָס דער שיקזאל האָט עמ צוגעשיקט אומגעריכט אונ מע מוז זיכ דערמיט האלטנ. קיינמאָל, קיינמאָל אינ ראוויטשעס לעבנ איז ניט געווענ, ער זאָל שפילנ קעגנ זיינ ווילנ, אז עמעצער זאָל אימ

צווינגענ: ער איז געשטאנענ צוגעשמידט צומ אָרט אונ זיכ געשלאָגנ מיט דער דייע — עפשער זאָל ער אראָפּלאָזנ די פידל אפנ דיל אונ אליינ... אָבער אונטנ ליגט דאָס קראנקע ווייב אונ ווארט, ער זאָל זיכ אומקערנ.

— נו, שפּיל! — האָט א שמיצ געטאָנ דעמ דייטשס קאָל, ווי א שארפע בייטש. — וואָס שטייסטו?

די האנט באמ פידלער האָט זיכ ניט דרייסט אופגעהויבנ אונ צוגעשטעלט די פידל צו דער באק. איבער דער שטוב האָבנ זיכ צעשאָטנ לוימערע צאפּלענדיקע קלאנגענ, וואָס האָבנ זיכ געטוליעט אינ די שטוב-ווינקלענ, געפּלאטערט אונ אָפּגעשטאָרבנ דערשראָקענע אונ אָפּגעריסענע. די פידל האָט געוויינט, ווי א געשלאָגנ קינד.

ווענ ראוויטש האָט געענדיקט שפּילנ, האָט דער דייטש אימ גענומענ באטראכטנ, גלייכ ער האָט אימ אָקאָרשט דערזענ.

— יודע?

ראוויטש האָט ניט געענטפערט.

דער מאיאָר ציט ארויס דעמ רעוואָלווער פונ דער קאָבורע, לייגט אימ אוועק אפנ טיש אונ פרעגט ווידער רויק, אונ איצטער דאפקע שטילער:

— יודע?

דער פידלער האָט זיכ געמאכט ניט הערנדיק, צוגעשטעלט די פידל צומ אקסל, געמיינט דערמיט אָפּצוזענ די אופמערקזאמקייט, אָבער פאָנ-פאָגעלשטייער האָט זיכ האסטיק אופגעשטעלט, ארויסגעריסנ די פידל פונ ראוויטשעס הענט אונ אויסגעשריגנ:

— אז א דייטשישער אָפיצער פרעגט, דארפ מענ גלייכ ענטפערנ!

דער מוזיקאנט האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ אָפּגעמורמלט אפניכ:

— איר האָט געטראָפנ, איכ בינ א ייִד.

— וואָס זשע זייט איר ניט אנטלאָפנ גלייכ מיט אלעמענ? — האָט מיט ביטערקייט געפרעגט פאָנ-פאָגעלשטייער.

דער מוזיקאנט האָט געשוויגנ.

דאָס האָט נאָכ מער ארייגעבראכט דעמ דייטש אינ קאס. ער האָט באפוילנ, דער יעפרייטאָר זאָל ברענגענ אהער כריסטיענ. עס האָט גע-דויערט א ווײַלע, האָט זיכ אפ דער שוועל באוויזנ דער יעפרייטאָר.

— ס'איז ניט קיינ מיידל, — זאָגט ער, — ס'איז דער טייוול אליינ. זי וויל זיכ ניט רירנ פונ אָרט. איכ האָב צוגענומענ בא איר אָט דעמ שנעק. ער איז אירער א ברודער...

פאָנ-פאָגעלשטייער איז צוגעגאנגענ צומ ייִנגעלע, א קוק געטאָנ אפ אימ אונ גענומענ רייבנ איינ האנט אינ דער אנדערער — פונ פאָר-שטייענדיקנ פארגעניגנ, צי פונ דעמ וויכטיקנ שטיקל ארבעט, צו וועלכנ ער גרייט זיכ מיט הארכאָווע. פאווליק איז געשטאנענ פארנ דייטש דערשטוינט, מיט אנ אָפנ מויל, געווארט, וואָס וועט ער מיט אימ טאָנ.

— אויב דו ווילסט לעבנ בלייבנ, זאָג אימ, וואָס איכ וועל דיר הייסנ. — האָט פאָנ-פאָגעלשטייער א זאָג געטאָנ צומ מוזיקאנט.

דער פידלער איז צוגעגאנגענ צו פאווליקנ, אים צוגעדריקט צו דער ברוסט אונ געזאָגט:

— סינאָטשעק, ער וויל, דו זאָלסט אפ מיר שפײַענ אונ מיכ שלאָגנ, ווײַל איכ בינ א ייִד.

דאָס יינגעלע האָט א קוק געטאָנ אפנ דײַטש מיט אומזיניקע איבערגעשראָקענע אויגנ, אונ פלוצעמ ארומגעכאפט מיט די הענט דעמ מוזיקאנט אונ זיכ צוגעדריקט צו אימ ווארעמ, זוכנדיק א שוץ בא אימ.

ס'האָבנ זיכ דערהערט צוויי שאָסנ. בײדע ארומגענומענע — דער קיעווער פידלער זיאמע ראָוויטש אונ דער גאריווקער שילער פאווליק בעספאלקאָ — האָבנ א פאל געטאָנ. זייער בלוט האָט זיכ צונויפגעגאָסנ אפנ דיל אונ צוגערונענ צו דער קיכ=טיר.

כריסטיא האָט זיכ באוויזנ אפ דער שוועל, דערזענ דאָס בלוט אונ די טויטע קערפערס, האָט זי זיכ א וואקל געטאָנ אונ איז שווער אומגעפאלנ...

ווענ זי האָט זיכ אופגעכאפט, איז שוינ געווענ שפעט אינ אָוונט. א צעבראָכענע, האָט זי זיכ אופגעהויבנ, שטילערהייט ארײַנגעגאנגענ אינ די צימערנ אונ דערזענ שלאָפנ בײדע דײַטשנ — פאָנ=פאָגעלשטײַער בא אָסיפ קראמערנ אינ קאבינעט אונ דעמ יעפרייטאָר — אינ עסצימער. אפנ טיש האָבנ זיכ געוואלגערט ליידיקע פלעשער אונ קעסטלעכ פונ קאָנסערוונ. ס'האָט געשמעקט מיט ווײַנ אונ מיט פארגליווערט בלוט. דער קאָפ האָט זיכ געדרייט, אפנ הארצנ האָט גענאָגט. זי האָט זיכ אומגעקערט אינ קיכ, אָנגעטאפט אינ דער פינצטער די גרויסע האק אונ איז מיט איר ארויס ווידער אינ עסצימער. עפעס א טפילע פונ די קינדער=יאָרנ האָט זיכ איר דערמאָנט אינ דער רעגע. זי האָט זיכ ארײַנגעשטעלט אינ קראמערס קאבינעט אונ שווער זיכ פארמאָסט: אבנ מאיאָר. די האק האָט זיכ ארונטערגעלאָזט מיט א פאָכע איבער פאָגעלשטײַערס קאָפ. ס'האָט א הילכ געטאָנ איבער דער שטוב, ווי מע האקט א קלאָצ. כריסטיא האָט לײַכט אָפגעאָטעמט אונ זיכ געלאָזט צו דער טיר.

בא דער ארויסגאנג=טיר איז אינ דער פינצטער איר אנטקעגנ געקומענ א פיגור.

— ווער איז? — האָט כריסטיא זיכ דערשראָקנ.

דאָס איז געווענ דעמ פידלערס ווײַב, וואָס האָט זיכ קאמ ארויסגעשלעפט אהערצו. כריסטיא האָט זיכ געוואָלט פארקערעווענ צוריק:

— גייט ניט אהינצו, ליובאָוו אראָנאָוונא, גייט ניט.

אָבער די לערערקע האָט זיכ געריסנ אינ שטוב ארײַנ.

כריסטיא האָט זי איבערגעלאָזט אונ איז אראָפ פונ די טרעפ. שוינ זײַענדיק פונ אונטנ, האָט זי דערהערט א יאָמער=געשריי, וואָס האָט זיכ געטראָגנ פונ קראמערס שטוב. כריסטיא האָט זיכ ניט אומגעקערט אפ צוריק. זי איז ארויס אפ דער גאס אונ געלאָפנ פאָרויס אונ פאָרויס. זי האָט געוווּסט, וואוהינ זי וויל לויפנ...

קאַפּיטל צוועלפ

א לופט־דעסאַנט

אינ א שטילער אָקטיאַבער־נאַכט האָבנ עטלעכע פּלי־מאַשינעס אופּגעהויבנ פונ נ־ער אַעראָדראָמ א גאַנצע ראָטע דעסאַנט־מיליטער און אונטערנ פינצטערנ הימל אַוועקגעטראָגנ אינ א ראַיאָנ, ווו סע האָבנ באַזונדערס געווילדעוועט די דײַטשנ. אפּ איינער פונ די פּלי־מאַשינעס, פּילאָטירט פונ א דערפאַרענעמ פּליער, וועלכער איז גוט באַקענט געווענ מיט יענע ערטער, האָט זיכ געפונענ מישע קראַמער.

אינ דער הייכ אונטערנ פאַרוואָלקנטנ הימל איז געווענ טונקל און שטיל, קיינ שטערנ, קיינ טראָפּנ ליכט.

מע איז געפלויגנ מיט א מערקווירדיקער שנעלקײַט. פאַרנ אַראָפּלאָזנ זיכ האָט קראַמער פּלוצעמ דערהערט, ווי עמעצער שרײַט אימ אינ אויער אַרײַנ:

— באַוועּר לייטענאַנט, אויב מיט מיר טרעפט עפּעס...

קראַמער האָט אומצופרידנ א פרעג געטאָנ:

— ס'איז דו, סאַמענקאָ? וואָס איז דאָס פאַרא רייד?

— יאָ, ס'איז איכ, — שרײַט ווײַטער סאַמענקאָ און נעמט קראַמערנ פאַר דער האַנט. — זאָג מיר צו, אז דו וועסט עס פאַרגעדענקענ. אינ דאָרפ סקאַרליוּוקע, אפּ פּאָלטאַווּשטשינע, וווינענ מײַנע טאַטע־מאַמע, אַלטיטשקע...

— פונעמ זינענ אַראָפּ, זיכ איבערגעשראָקנ?

— ניינ, — האָט אויסגעשריגנ סאַמענקאָ, — פּאַשעט א ראַכמאָנעס אפּ טאַטע־מאַמע, פאַר זיכ אַרט מיכ ניט. איכ וועל מײַנ לעבנ גרינג ניט אַוועקגעבנ. זײַ זיכער — און ער רײַסט זיכ אַליינ איבער — דאָס רינגל פונעמ פּאַראַשוט פּילסטו?

— טאָטשנאָ! — ענטפערט קראַמער, — און דו?

— טאָטשנאָ! — שאָקלט סאַמענקאָ מיטנ קאָפּ.

שוואַרצע פיגורנ טוענ זיכ א וואָרפ אינ רוימ און בלײַבנ איינגיכנ הענגענ, ווי פאַרגליווערטע, צוגעבונדענע צו עפּעס. זיי הוידענ זיכ אונטער די צענומענע זאָנטנ. א פײַכט ווינטל, וואָס בלאָזט פונעמ טײַכ, פּאַטשט איבער די פּאַראַשוטנ. עס דאַכט זיכ, אז דאָס גיסט א רעגנ. נאָר קיינ רעגנ איז ניט געווענ. די נאַכט איז געווענ טונקל און שטיל, ווי פריִער.

אַראָפּגעלאָזט זיכ, האָט קראַמער אָפּגעשפּיליעט די רימענס און האָט רויִק מיט עטלעכע פינקל פונעמ לאַמטערנדל גענומענ ווינקענ. א צײַט לאַנג ניט באַקומענ קיינ ענטפער. געוואַרט א ווײַלע, ביז ער האָט באַמערקט דאָס פינקלענ פונ אַנ אַנדער לאַמטערנדל. דער ערשטער האָט זיכ אָפּגערופנ מאַזורענקאָ. דערנאָכ נאָכ איינער און נאָכ איינער. סע האָט געדויערט א ביסל, זײַנענ אַלע זיכ צונויפגעקומענ. ס'האָט בלויז געפעלט איינ סאַמענקאָ. קראַמער האָט זיכ דערמאָנט אינ סאַמענקאָס רייד פאַרנ אַראָפּלאָזנ זיכ אפּ דער ערד. שוינ זשע האָט דער פאַרגעפיל טאַקע ניט אָפּגענאַרט אימ, דעמ יונג סאַמענקאָ?

— קוקט אפ דיביימער! — האָט קראמער באפוילנ, — עפּשער פלאָנטערט ער זיכ ערגעצ אפ א בוימ!

אָבער לאנג זוכנ סאָמענקאָ האָט קראמער ניט געטאָרט. ער האָט געדענקט, אז ער דארפ וואָס גיכער פירנ די ראָטע אינ דאָרפ ליפּקי. דאָרטנ האָט ער געדארפט זיכ זעג מיטנ קאָמאנדיר ציבא, וועלכער האָט פאריייניקט עטלעכע פּארטיזאנישע אָטריאדנ.

ציבא איז געווענ אנ אלטער שלאכטמאנ, וואָס האָט נאָכ אינ בירגערקריג פארלאָרנ א האנט. ער פלעגט אָבער זייער קונציק מאסקירנ פאר זיינע כאווייריִמ דעמ פראָטעז, וואָס איז בא אימ געהאנגענ אָנשטאָט א לעבעדיקער האנט.

אינ שאָלעמ-צייט איז ער געווענ א קאָאָפּעראטאָר. ווי נאָר ס'האָט אויסגעבראָכנ די מילכאָמע, האָט ער, ניט הייענדיק זיכ, צונויפגענומענ עטלעכע זיינע עקספּעדיטאָרס אונ אנדערע אָנגעשטעלטע פונ די ראיאָנגע קאָאָפּעראציִעס אונ איז מיט זיי אוועק אינ די וועלדער... ווי א ווינקעלע אונ ווי א שטעגעלע איז אימ דאָ הי באקענט געווענ. אונ געטאָנ האָט ער אלצ מיט אזא פעסטקייט אונ גענויִקייט, אז אינגיכנ האָט די סאָוינפאָרמביוראָ אינ איינער פונ אירע מיטיילונגענ דערמאָנט דעמ פּארטיזאנער N מיט זיינע שרעקלאָזע יונגעג.

ווענ קראמער איז ארײַנ אינ ערד-שטיבל, האָט שוינ ציבא געוווּסט וועגנ דעמ דעסאנט.

אקעגנ מישענ איז געזאנגענ א דארער, קליינוווּקסיקער מאנ מיט א שמאָל פּאָנעמ, מיט צוויי אָנגעשטרענגטע, ווייט-קוקנדיקע אויגנ. פונ זיי האָט ארויסגעשטראלט א גרינבלעכ, א שטיל פייערל.

מישע האָט אפ זיכ גלייכ דערפילט די קראפט פונ די דאָזיקע אויגנ.

— קראמער? — האָט ציבא אויסגעשטרעקט די האנט.

— טאָטשנאָ! אונ איר זייט ציבא?

— יאָ. הייסט עס, מיר זיינענ שוינ באקאנט.

— באקאנט. מיר האָבנ פארלאָרנ א שלאכטמאנ, כאווער ציבא.

— מיר ווייסנ. וויפל מענטשנ זייט איר?

קראמער האָט געזאָגט וויפל.

— נישקאָשע, אָרט האָבנ מיר גענוג. אונ ארבעט איז אויכ פאראנ גענוג, — ענטפערט ציבא. — האָט איר געבראכט נייס פונ דער „גרויסער ערד"?

— מינאסטאמ ווייסט איר די נייסנ... שווערע נייסנ.

— יאָ. שווערע נייסנ, — כאזערט איבער ציבא.

אונ נאָכ א פּאוזע גיט ער צו:

— נאָר ניט אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ. גיי צעשטעל דיינע כעוורע.

ס'איז ארײַנגעקומענ קלאוושקע, ציבעס טעכטערל. זי האָט דערלאנגט קראמערנ די האנט, זיכ באגריסט אונ ארונטער א פּאָרהאנגל. קראמער איז נאָכגעגאנגענ אונ דערזענ א גאנצ באקוועמע אונ באלעבאטיש איינגעאָרדנטע וווינונג, אפילע מיט א שפּיגל אונ מיט פּאָטאָ-בילדער אפ די ווענט.

— זיצט, רוט זיכ אָפּ, — האָט ציבעס טעכטערל פאָרגעלייגט קראמערנ, — בא אונדז איז ווי אינ א ווארעמער נעסט. דערציילט אונדז וועגנ דער „גרויסער ערד"...

אָבער מישע האָט געכוזט גײנ צוריק צו דער ראָטע זײַנער. ער איז ארויס פארטאָג... צווישנ די ביימער האָט ער באמערקט גוט פאַרמאַסקירטע אריײַנגענג אינ ערד=שטיבלעכ, וואָס זײַנענ צעוואָרפנ געווענ אפ א גרויסנ שטעכ.

ניט אומזיסט, ווײַזט אויס, האָט ציבא געזאָגט, אז אָרט איז פּאַראַנ גענוג, — האָט מישע א טראַכט געטאָנ, — אונ נאָכ עפּעס האָט ער געזאָגט. ארבעט, האָט ער געזאָגט, איז אויכ פּאַראַנ גענוג... נו, איז דאָכ גוט. איז דאָכ אלצ גוט. ניט געקוקט דערויפ, וואָס די ערשטע אָפּעראַציע איז אדורכ ניט אינגאנצנ געלונגענ — עס האָט געפעלט כאָמענקאָ, — האָט קראַמער דאָכ געפילט אנ אומגעוויינלעכע שטאַרקײַט אונ זיכערקײַט אינ זיכ. פארוואָרפנ אינ דער וויניק=באַקאַנטער זומפּיקער געגנט, האָט ער דאָכ געשפּאַנט מיט אנ אופגעמונטערט=זיכערנ טראָט. געפילט אונטער די פיס די לײַבלעכע אוקראַאינישע ערד, וואָס האָט זיכ ערשט הײַנטיקע נאַכט אָנגעהויבנ זײַנ עמעסדיק לעבנ...

ווענ מישע איז צוריק ארײַנ צו ציבענ אינ ערד=שטיבל, האָט ער, נאָכ אפ דער שוועל שטייענדיק, דערפילט אפ זיכ דעם בליק פונ אײנעמ א שטאַרק קענטלעכנ מענטשנ, וואָס איז געשטאַנענ לעמ ציבעס טיש.

— מע וואַרט דאָ אפ אײַכ, — האָט ציבא זיכ אָנגערופנ אונ אָנגעוויזנ אפ דעם דאָזיקנ מענטשנ, — ער זאָגט, ער קענ אײַכ...

מישע קוקט זיכ אײַנ אינ דעם מענטשנ, וואָס שטייט מיט אנ אווטאָמאַט אפנ אקסל. אָט, דאכט זיכ אים, אז ער דערקענט אונ אָט דאכט זיכ אים, אז ער דערקענט ניט. אונ פּלוצעמ טוט ער א יאָג פונ דער שוועל, כאַפּט אָנ דעמ מענטשנ פאר בײדע הענט אונ דריקט זיי אונ דריקט...

— שקליאר!.. פּרוייִמ שקליאר! ווי קומט איר אהער?

— אונ דו? שוינ לאַנג ביסטו געוואָרנ א וואָיאַקע?..

ציבא האָט געשמייכלט.

— אזוי? האָסטו גאָר באַקאַנטע אינ אונדזערע קאנטנ? — זאָגט ציבא אונ דערלאַנגט קראַמערנ א ציגאַר.

— א דאַנק. איכ רייכער ניט.

— דאָ וועסטו זיכ אויסלערנענ. — זאָגט שקליאר. — איכ האָב אויכ ניט גערייכערט, אָבער איצטער...

— א שאָד אײַערע לונגענ, וועדליק אײַער אויסזענ.

שקליאר טוט א מאַכ מיט דער האַנט:

— לונגענ זאָגסטו? ווער דאַרפ זיי איצט האָבנ, די לונגענ... — ער נעמט אראָפּ די ברילנ, ווישט אויס די גלעזלעכ מיט א שטיקל דינעמ זאַמש.

— בא א דײַטשישנ אָפיצער אינ בײַטל געפונענ...

ווענ ציבא איז ארויסגעגאַנגענ, האָט שקליאר זיכ נאָכגעפרעגט בא מישענ:

— עפּשער האָסטו געזענ כאַנקענ?

— געזענ. אינ קיִעוו.

— דערפרייַ דעמ טאַטנס האַרצ מיט א גרוס... וואָס זשע, איר

זײט נאָכ ביז איצטער טאקע פרײנט? איכ האָב זי שוינ ניט געזענ א שטיק צײט, מײנ כאנקע. א ווײל מײדל. ווי זאָגסטו?

— א מײדל ווי אלע מײדלעכ. — רויטלט זיכ מישע, — זי איז אויכ אפנ פראָנט.

— אפנ פראָנט?

— גענוי ווײס איכ ניט. זי האָט געזאָגט, מע שיקט זי מיט א שפּיטאָל אפנ פראָנט...

שקליאר האָט זיכ האָפערדיק א דרײ געטאָנ איבערנ ערד-שטיבל.

— מײנ כאנקע אפנ פראָנט! וווּ איז ערגעצ ציבא? זאָל ער ווּיסנ, מײנ טאָכטער איז אויכ אפנ פראָנט.

ציבא איז שפּעטער א ביסל ארײנגעקומענ, געהײסנ מישענ זיכ צולײגנ, אונ ווענ ער וועט אופשטײנ, וועט מענ שמועסנ וועגנ אָרט, וווּהינ ער וועט גײנ מיט זײנ ראָטע.

— מיט מיר צוזאמענ, — האָט שקליאר זיכ ארײנגעמישט, — אנדערש טאָר עס ניט זײנ, נאָר מיט מיר צוזאמענ...

— אונ דו וואָס זאָגסטו? — פרעגט זיכ נאָכ ציבא. — א שווערער ראיאָנ. דאָרטנ ווילדעוועט דער באראָנ פאָנ-דעסעל.

— באלד אזוי, איז ערשט גוט! — איז מישע צופרידנ, — ווײבאלד א שווערער ראיאָנ, איז עס טאקע פּונקט אונדזער אָרט.

— דאָס וועט מענ נאָכ זענ, אונ איצט דארפסטו רוענ, רוענ, — האָט ציבא באפוילנ.

קראמער האָט אראָפּגעוואָרפנ דעמ קאָמבינעזאָנ, די שיכ אונ איז באלד געשמאק אײנגעשלאָפנ.

אופגעוועקט האָט מענ אימ גאָר אינגיכנ, ער האָט געעפנט די אויגנ אונ דערזענ, אז לעמ זײנ בעטל שטײט דער פארפאלנ געזואָרענער סאָמענקאָ.

— דער ווינט, כאווער לײטענאנט, דער ווינט איז שולדיק. ער האָט מיכ פארטראָגנ, שיר צו די דײטשנ אינ די הענט ניט פארטראָגנ מיכ...

קאפּיטל דרײצנ

מיט די אײגענע אויגנ

הארבסטיקע ווינטנ האָבנ ארומגעוויקלט די געגנט. דער וואלד רוישט אונ פארבלינעט זיכ מיט ווינט. ארומ אונ ארומ ליגנ צעוואָרפנ מעשקאָלירענע בלעטער. דער ווינט יאָגט זײ אונ קײקלט זײ אונ פארקײקלט אינ די יארנ, אינ די באלקעס, וואָס שווארצנ זיכ אונ ווערנ אָנגעפּוישט מיט רעגנ. אינ די באנאכטנ — טרעפט אָפט — הײבט זיכ אופ א פּלוצעמדיקע שיסערײ. דאָס האָבנ די דײטשישע באטארײעס גלאט אזוי, אָפּצושרעקנ די פארטיזאנער, אופגעהויבנ א געוווי.

אינ טיפ פונ דעמ זעלביקנ וואלד, אינ אנ ערד-שטיבל, וווּהינ סע פירט א שמאָלע געהײמע סטעזשקע, זיצט דער קאָמאנדיר פונ אָטריאד

אנאַטאָלי וואָלטשאָק, הערט זיכ אײַנ אינ ציללאָזער שיסערײַ פונ דער דײַטשישער אַרטילעריע, שמײכלט, אינ זײַנע קאַרע אויגנ פלאַמענ אַלע ווײַלע אופ ברוינע פײַערלעכ אונ ווערנ צוריק אויסגעלאָשנ.

אפנ געדאַנק קומענ אופ לײַכטע אונ זויבערע טרוימענ, וואָס פירנ אַוועק אינ דער צוקונפט. ער האָט נאָכ ניט געלעבט, ווי סע דאַרפ צו זײַנ. זײַנע יונגע יאָרנ האָט ער פאַרבראַכט אינ דעמ קלײנעמ אוקראַינישנ שטעטעלע גאַריווקע. ערעוו דער מילכאָמע האָט ער געזאָלט אַוועקפאָרנ קײנ מאָסקווע, נאָר ער איז געווענ אַ קרענקלעכער, אונ דער טובערקוליאָז, וואָס האָט אימ געפײַניקט נאָכ פונ די קינדער-יאָרנ אָנ, האָט ניט געלאָזט זיכ רירנ פונ אָרט. ס'איז געגאַנגענ אַ יאָר נאָכ אַ יאָר, אונ ער האָט אַלצ ניט אופגעהערט צו טרוימענ: מאָסקווע! מאָסקווע! אונ איצט צעוואַרפנ די דײַטשישע אַעראָפּלאַנענ פלוגבלעטלעכ. די דײַטשנ באַרימענ זיכ, אַז זײ קאָנענ שוינ זענ פונ אַ שפּאַקטיוו מאָסקווע. סע קלעמט דאָס האַרצ. אונ קיעוו? אונ כאַרקאָוו? וואָלטשאָק שטעלט זיכ אופ אינ ערד-שטיבל, גײט צו צומ אווטאָמאַט, וואָס הענגט אפ דער וואַנט, אונ באַטראַכט אימ גוט פונ אַלע זײַטנ. ס'איז אַ טראָפײ. ער דערמאָנט זיכ אינ געהאַרגעטנ דײַטשישנ סאָלדאַט, וואָס ער, וואָלטשאָק, האָט מיט אַזאַ האַסט אַוועקגעלײגט. יענער האָט געוואָלט שרײַענ, האָט אימ וואָלטשאָק מיט זײַנע הענט ווי מיט קלאַמערס צונויפגעדריקט באַמ האַלדז. דאָס טראָפײ-געווער ווערט נאָכ טײַערער, ווענ ער דערמאָנט זיכ, מיט וואָס פאַר אַ פרײַז ס'איז אימ אָנגעקומענ. וואָלטשאָק האָט זיכ אַזוי פאַרקלערט, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי אינ ערד-שטיבל איז אַרײַנגעקומענ קראַמער.

— מע קאָנ דיכ אַרויסטראָגנ, זאָלסט אַפילע ניט הערנ, — שאָקלט קראַמער שטראָפנדיק מיטנ קאָפ.

— איכ האָב זיכ פאַרקלערט.

— וואָס איז?

— נא, לײענ.

וואָלטשאָק ווײַזט קראַמערנ די דײַטשישע פלוגבלעטלעכ. איבערגעלײענט, זאָגט קראַמער:

— סע קאָנענ זיכ געפינענ נאַראָנימ, וואָס וועלנ גלײבנ די דײַטשנ. מע דאַרפ זײ קעגנשטעלנ אונדזער אַגיטפּראָפ.

— וויאַזוי?

— פּאָשעט. מע דאַרפ אַרויסלאָזנ אונדזערע בלעטלעכ.

— אונ שרײַפט, וווּ נעמט מענ?

קראַמער קוקט אָנגעשטרענגט אפ וואָלטשאָקנ.

— אונ פּאַפּיר האָסטו?

— פּאַפּיר איז דאָ. אָבער שרײַפט?

בא וואָלטשאָקנ ברענענ די אויגנ. סע ווערט בא אימ געבוירנ אַ געדאַנק. ער דערמאָנט זיכ, אַז אינ גאַריווקע איז איבערגעבליבנ שרײַפט אינ דער קלײנינקער דרוקערײַ פונ שטעטלדיקנ ראַט. קראַמער כאַפּט אימ פיבערדיק בא דער האַנט:

— ס'אַ אידײ, אונ דעריקער גיכער, וואָס גיכער.

נאָר וואָלטשאָק האָט פײַנט אײַלנ זיכ, ער טראַכט שטענדיק באַמעלעכ, געלאַסנ.

— ס'איז נאָך פאַראַן אַ וויכטיקע פראַגע, — זאָגט וואָלטשאָק, — וועמען שיקן נאָכן גאַריוווקער שריפט.

— מיך. — זאָגט פעסט קראַמער.

— מע דאַרף אַזעלכן, וואָס קען גוט דאָס שטעטל.

באַ קראַמערן צינדן זיך אָן די אויגן. די מוסקולן אַף זײַנע פּאָנעמ ציטערן. אָט וועט וואָלטשאָק זען, אַז אין דרײַ מעסלעס אַרום קערט ער זיך אום מיטן שריפט. און אַ זעצער וועלן זיי ווי־ס'ניט־איז געפינען.

וואָלטשאָק צעשמייכלט זיך: וואָס דאַרף מען זוכן? ער אַליין האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס זעצער, אַ לערן־ייִנגל געווען, דערנאָך אַוועק אַף דער מיל און געטרוימט וועגן קינאָ. זײַן זעצער־אַרבעט וועט איצטער גוט צונוץ קומען.

אָבער באַלד קומט אוף באַ וואָלטשאָקן גאָר אַ נײַער געדאַנק.

— איך האָב שיר ניט פאַרגעסן, כאָווער קראַמער, — זאָגט וואָלטשאָק, — דאָרט, אין גאַריוווקע, וועט מען דאַרפן זיך זען מיט די פּאַרטיזאַנישע ווײַבער, זיי איבערגעבן אַ גרוס פון די מענער.

— נו, איז וואָס?

— דו וועסט קענען ריידן מיט זיי? ביסט דאָך אַ שטאָטישער.

וואָלטשאָק האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— ניין, דו ביסט פאָרט פון אַ גרויסער שטאָט. זאָל מיט דיר מיטגיין סאָמענקאָ.

— גלייבסט ניט אין מײַנע קויכעס, וואָלטשאָק? — שמייכלט קראַמער. — נו, גוט, זאָל מיטגיין סאָמענקאָ...

נאָר וואָלטשאָק איז אַלץ נאָך ניט פאַרטיק מיט זײַנע אָנזאָגן.

— דאָרטן, אין גאַריוווקע, זאָלסטו זיך ווענדן צו דער מומע מאַלאַניע, וועגן וועלכער איך האָב דיר שוין איינמאָל דערציילט. זי וועט אײַך מיטהעלפן. זי קען אַלץ. און מיט די פרויען וועט זי אײַך צונויפירן.

— גוט, — זאָגט קראַמער, — מיט דער מומע אָדער אָן דער מומע...

— ניין, אָן איר וועט דיר זײַן שווער... — באַשטייט וואָלטשאָק. — ס'אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט נאָך אין בירגערקריג אופגעטאָן אַ סאַך, איינמאָל אַן אַלטיטשקע...

— וועלן מיר זיך באַקענען מיט איר! — און קראַמער, אַ גליקלעכער פון דער פאַרשטייענדיקער אָפּעראַציע, האָט גענומען מורמלען אַ לידל. אַ שטילס, אַן אומעטיקס און אַ צעצויגנס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זינגערײַ? — האָט וואָלטשאָק זיך אָנגעכמורעט. — וועסט זינגען, אַז דו וועסט צוריק קומען. און איצט הער, וואָס איך וועל דיר אָנזאָגן...

קראַמער איז געבליבן מיט וואָלטשאָקן ביז שפּעט אין דער נאַכט. שוין גאָר צום טאָג־צו, ווען דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט און די קרוינען פון די ביימער האָבן אופגעהערט צו קרעכצן, האָט קראַמער אַרײַנגערופן סאָמענקאָ אין ערד־שטיבל, געהייסן אים זיך איבערטאָן פאַר אַ בעטלער.

מישע אליינ האָט א גאנצנ טאָג זיכ געגרייט פאר זײַנ נײַער ראָל פונ א שלעפער. אימ איז איצטער צוגוצ געקומענ זײַנ דערפארונג פונ א ליבהאָבער אינ די דראמאטישע קרײַזלעכ פונ שול. ווענ מישע האָט אפ א מאָדנעמ אויפנ איבערגעקערט די אויגנ-לעפלעכ — נאָכ פונ די קינדער-יאָרנ האָט ער פארגעדענקט די קונצ — זיכ לײַכט פארגרימירט, גענומענ א שטעקנ אינ דער האנט, איז ער ענלעכ געוואָרנ אפ די האלב-בלינדע באנדוריסטנ, וואָס פלעגנ ארומבלאָנקענ אפ די אוקראַינער מערק אונ יארידימ. נאָר א באנדורע אימ געבנ אינ דער האנט, וועט דער קיִעווער באָכער מישע קראמער א שפיל טאָנ ווענ די קרוטשעס, וואָס באמ דניעפער, ווענ בייזע ווינטנ איבער אוקראַינע אונ ווענ אומגליקלעכע צעבראָכענע הערצער.

ארײַנגעדרוקט א מעסער אונטערנ פאסיק, טיפ אינ א געהיימער קעשענע באהאלטנ דעמ בראונינג, האָט מישע א ווינק געטאָנ צו סאָמענקאָ, מע זאָל זיכ געזעגענענ אונ זיכ לאָזנ אינ וועג. וואָלטשאָק האָט לויטנ אלטנ פאָלקס-מינהג געהייסנ פארנ ארויסגיינ זיכ אוועקזעצנ, דערנאָכ געהאלטנ פאר זײַנ כויוו דאָס לעצטע מאָל עפעס אָנזאָגנ. קראמער מיט סאָמענקאָ זײַנענ ארויס אונ אינגיכנ זיכ באהאלטנ צווישנ די ביימער.

די נאכט איז געווענ א פינצטערע. דער ווינט האָט געפאטשט מיטנ רעגנ איבער די ביימער, פארגייענדיק זיכ. ערגעצ ווײַט, אפ יענער זײַט וואלד האָט געהודעט אינ סטעפ. אונ געדאכט האָט זיכ, אז טויזנטער הינט האָבנ זיכ אָפגעריסנ פונ די קייטנ אונ טרויערנ אונ בילנ מעשונעדיק-שרעקלעכ. א געדיכטע פינצטערניש האָט פארקלעפט די אויגנ. מע זעט ניט וווהינ א פוס צו שטעלנ. ביידע, קראמער אונ סאָמענקאָ, שפאנענ אריבער פניאָקעס, קוסטעס, איבער בערגלעכ געפוילטע בלעטער אונ שישקעס.

צו פארטאָג זײַנענ זיי געקומענ אינ דאָרפ פיאטקע. אָנגעקלאפט אינ דער ערשטער טיר, האָבנ ביידע בעטלער זיכ אײַנגעבעטנ ארײַנגיינ. אנ עלטערע פויערטע האָט צוערשט זיי ניט געוואָלט ארײַנלאָזנ, נאָכדעמ האָט זי זיכ באטראכט: טאָמער פאָרט וועט זי פונ זיי הערנ עפעס א גוטע אייצע. אָט ערשט נעכטנ האָבנ בא איר די דײַטשנ צוגענומענ דאָס אייניקל — אָדארקענ. וואָס קאָנ מענ טאָנ דערצו? ווארומ זאָל זי ראטעווענ דאָס אייניקל?

דער אלטערס צעקנייטשטע פארשרומפנ פאָנעמ פארקרימט זיכ פונ ווייטעק. צוויי אויסגעלאָשענע אויגנ פילנ זיכ אָנ מיט טרערנ, וואָס קײַקלענ זיכ צו די אויסגעטריקנטע געלע ליפנ. זי שלינגט די טרערנ אונ, וויינענדיק, שנײַדט זי אָפ צוויי ריפטעלעכ ברויט, גיסט אָנ פונ א לאָדיש מילכ צוויי גלעזער, ציילעמט זיכ איבער אונ זאָגט:

— עפשער וועט גאָט ראכמאָנעס האָבנ אפ מײַנ בידנער אָדארקע.

— ווו זשע איז איצטער אָדארקע? — פרעגט קראמער.

— איכ ווייס... מע זאָגט: קיינ גאריווקע זיי אוועקגעטריבנ.

געשטאנענ, געשטאנענ, געקוקט ווי די צוויי בעטלערס עסנ, האָט די אלטע זיכ סאָפקאָלסאָפ פארגעסנ אָנ איר אייגענעמ אומגליק אונ אָנגעהויבנ דערציילנ, וואָס עס שטייט אויס פונ די דײַטשנ דאָס גאנצע דאָרפ פיאטקע.

— זײַ נישטערנ, די הינט. אײַ, נישטערנ זײַ. אָט־אָט, — װײַזט זי דורכנ פענצטערל, — גײט דאָרטנ אינ די אױסגעפוצטע שטיװל טימאָפײ לוקיטש, דער סטאַראָסטע. א ביטערער פאַרשױנ. פונװאַנענ האָט עס אימ אהערצו פאַרטראָגנ?

קראַמער און סאָמענקאָ קוקנ זיכ איבער. אױסגעװאַרט ביזװאַנענ דער פאַרשױנ אינ די אױסגעפוצטע שטיװל איז פאַרשװוּנדנ, זײַנענ זײ אײנציקװײַז ארױס פונ שטוב און מיט פאַרשײדענע װעגנ זיכ געלאָזט צו דער באַלקע, װוּ סע שטײענ דרײַ סאָסנעס אָנגעבױגנ אײנע צו דער אנדערער.

פונ דער באַלקע האָט געפירט א גלײַכער שליאַכ קײנ גאַריװקע. זײ האָבנ אױסגעמיטנ דעמ שליאַכ, געשפּאַנט א גאַנצנ טאָג מיטנ סטעפּ, מיטנ פוסטנ אױסגעװײקטנ סטעפּ. צו גאַריװקע זײַנענ די בעטלער געקומענ פאַרנאַכט. פונ א זײַטיקער פאָרטקע איז ארױסגעשפּרונגענ א הונט און זיכ צעבילט. זײ האָבנ זיכ ארומגעקוקט. ניט װײַט באַמ ברעג טײַכל איז געלעגנ איבערגעקערט א פאַרלאָזט האַלב צעבראָכנ שיפל. קראַמער און סאָמענקאָ האָבנ אױסגעװאַרט, ביז ס'איז פינצטער געװאָרנ. פאַרשלעפּט דאָס שיפל טיפער צומ װאַלד, װוּ דאָס טײַכל פאַרקרעװעט זיכ, ארױסגעצױגנ עס אפנ ברעג, איבערגעקערט מיטנ דנאָ ארופ, אונטערגעשפּאַרט עס מיט צװײ דרענגלעכ, אָנגעשלעפּט אהינצו צװײַגנ, איבערגעפױלטע בלעטער און זיכ דערװײַל אײַנגעמאָסטעט. װענ ס'איז אינגאַנצנ צוגעפאַלנ די נאַכט און די פינצטערניש איז געװאָרנ שװער און פלעטנדיק, האָבנ זיכ בײדע בעטלער צוגעטוליעט אײנער צומ אנדערנ און אײַנגעדרעמלט.

דער ערשטער האָט זיכ אופגעכאַפּט מישע קראַמער. ער איז ארױסגעקראָכנ פונ אונטערנ שיפל און זיכ געפרוּװט ארײַנקוקנ אינ דער נאַכטיקער פאַרגליװערטער שטילקײַט. אָט דאָס שטעטל װעט די פּאַרטיזאַנער נאָכ אױסקומענ אָפּנעמענ באַ די דײַטשנ, דערװײַל מוז מענ ארױסקריגנ דעמ שריפט, װאָס ליגט דאָ אינ געבײַדע פונ ראַט. ער געדענקט גוט די דאָזיקע געבײַדע. צװײ זומערנ האָט ער דאָ פאַרבראַכט. א צװײשטאָקיקע געבײַדע. דער אײבערשטער שטאָק איז א הילצערנער. אינ אונטערשטנ, אינ געמױערטנ, איז געװענ די דרוקערײַ. ער געדענקט אַפילע דעמ זעצער — א מענטש מיט א פױגל־פּאָנעמ, א ייִד, װאָס פלעגט זיכ באַרימענ, אז ער איז געװענ אַמאָל אינ דער שװײץ און האָט אלײנ געזענ לענינענ. מיט דעמ ייִדנ האָט ער זיכ באַגעגנט באַמ באָדנ זיכ, אָט לעמ דעמ זעלביקנ טײַכל, װוּ זײער אימפּראָװיזירטער געלעגער, נאָר פונ אנ אנדער זײַט. סע װערט אימ מיטאַמאָל סומנע. ער הערט זיכ אײַנ אינ דער שטילקײַט. א האַרבסטיקע, א שװערע שטילקײַט, װאָס באַרויִקט ניט, נאָר בױטעט דיר דעמ מױעכ און בױערט דיר דאָס האַרצ. ער באַשליסט אופטאָרענ סאָמענקאָ. סאָמענקאָ כראָפּעט. „דאָס איז א שרעקלעכער כיסאָרנ“ — טוט מישע א קלער. אַזױ רױשיק שלאָפנ — עס קאָנ באַ אנדערע באַדינגונגענ שאַטנ. ער טאַפּט אָנ דײַטשישנ שאָקאָלאַד אינ קעשענע, ברעכט אָפּ א שטיקל, טוט א מאָרע סאָמענקאָ.

— פּעטראָ, נא, — שטופּט ער אימ צומ מױל דעמ שאָקאָלאַד, — פאַרזוכ, כאָטש מיר האָבנ נאָכ ניט פאַרדינט.

סאָמענקאָ זעצט זיכ אופ, טשוכעט זיכ אויס פונעמ דרעמל, נעמט דאָס שטיקל שאָקאָלאד בא קראמערנ, לייגט עס ארײַנ אינ מויל אונ פרעגט:

— גייענ מיר ווײַטער?

— ניינ! — דערווידערט קראמער. — דו וועסט בלײַבנ דאָ, אונ איכ וועל זיכ לאָזנ אינ שטעטל. אז מיר וועלנ גיינ אינאיינעמ, קאָנ פאלנ א כשאַד.

— אונ טאָמער?.. — קוקט סאָמענקאָ אינ די אויגנ קראמערנ. ער וויל פרעגנ: „טאָמער...“

אָבער קראמער וויל ניט הערנ. ער פארשטייט, וואָס דער כאווער וויל פרעגנ.

— געדענק, פעטראָ, זיכערקײַט איז א האלבער דערפאָלג...

קראמער האָט גענומענ דעמ שטעקנ אינ דער האנט אונ איז אוועקגעהונקענ צומ שטעטל.

דאָס אָפגעברענטע שטעטל האָט באגעגנט קראמערנ מיט צעוואלגערטע פלויטנ, מיט צעשאָטענע הײַזקעס, אויסגעקרימטע ווענט, שווארצע גאָרגלענ פונ קוימענס אונ אָפגעריסענע דעכער. מע זעט קימאט ניט קיינ מענטשנ אפ די גאסנ, פוסטע, כאָרעווע געסלעכ, אפ וועלכע סע הענגט א גרויסער קאפער פונ שרעק.

מישע גייט פארבײַ דאָס אָרט, ווו ס'איז געשטאנענ זײַנ זיידנס שטוב. ער שטעלט זיכ אָפ לעמ איר, קוקט זיכ פאָרזיכטיק ארומ, צי קיינער שפירט אימ ניט נאָכ. אימ פארגלוסט זיכ אופהייבנ אינ דער האנט א ביסל אש. סע דאכט זיכ אימ אויס, ער וועט דערפילנ דערינ דעמ אָטעמ פונ יענער היימישקײַט אונ פרידלעכקײַט, וואָס האָט געוואַרעמט אָט די מענטשלעכע נעסט. אָט דאָ אינ דעמ ווינקל, פונוואנענ סע קוקט איצטער ארויס דאָס איבערגעקערטע צעבראָכענע שאפקעלע. איז ער ניט איינ מאָל געזעסנ באמ אָפענעמ פענצטער אינ די זומערפארנאכטנ אונ געשפילט מיטנ זיידנ אינ דאָמינאָ. דער זיידע האָט שטארק ליב געהאט א דאָמינאָ. אונ אז ער האָט באמ זיידנ געוווּנענ, פלעגט ער ארויסשרײַענ דורכנ פענצטער צו דער באָבע אינ סעדל:

— באָבע, דער זיידע האָט ווידער געכאפט א בערדע...

מישע גייט פאָרזיכטיק ארײַנ אינ סעדל אונ זוכט די הינטערטיר פונ שטוב. ניטאָ קיינ טיר, ניטאָ קיינ שוועל. אפ דעמ אָרט ליגט דער אראָפגעשמיסענער קוימענ. פונ אונטער א בערגל ערד מיט שטיינער סטארטשעט ארויס עפעס א טאָוועלע. מישע טוט א שלעפ דאָס טאָוועלע, צעפוילטע קארטאָנדלעכ שלעפנ זיכ דעמ נאָכ. מעגלעכ, ס'איז דער אלבאָמ פונ די פאָטאָגראפיעס, וואָס דער זיידע מיט דער באָבענ האָבנ געקליבנ אונ זיכ געגרויסט דערמיט. ער צעגראָבט דאָס בערגל, סע ציט זיכ ארויס א פיצל פונ אנ אָפגעבליאקעוועטער פאָטאָגראפיע. דאכט זיכ, דער מאמעס. ניינ! יאָ! די מאמע מיט אימ, מיט מישענ אפ די הענט, ווענ ער איז נאָכ געווענ א קינד. מישענ איז שווער אוועקגיינ פונ דעמ אָרט. סע זידט אינ אימ, סע קאָכט אינ אימ דאָס בלוט. אָבער אוועקגיינ מוז מענ. אונ ער לאָזט זיכ גיינ צו מאלאניעס שטוב.

געטראָפן האָט קראַמער די מומע מאַלאַניע זיצן איינע אַליין אין זיפן מעל דורך א זיפּל.

דערזען דעם פרעמדן בעטלער, האָט די מומע מאַלאַניע, א פֿויער־טע מיט אייז אויג, כיטרע א שמייכל געטאָן, אוועקגעלייגט דאָס זיפּל, אָפּגערוקט דאָס זעקעלע מעל פון די קני און זיך אופגעהויבן צום גאַסט.

— מומע מאַלאַניע, וואָלטשאָק האָט דיר איבערגעגעבן א גרוס...

זי האָט זיך צוגעקוקט צום מאָדנעם בעטלער, באַטראַכט זײַנע אויסטערלישע מאַלבושים.

— נו, גוט, — זאָגט זי, — אַבי פון וואָלטשאָקן. א סימען האָסטו געבראַכט, זיידעניו?

— געבראַכט, — און קראַמער האָט איר איבערגעגעבן א קליין רויט טיכעלע, אין דער מיט אויסגענייט מיט צווי שורעס פון שעווטשענקאָס א ליד:

J на оновленій землі
Врага не буде, супостата...

די אַלטע נעמט דאָס טיכעלע און רעדט דערצו, ווי צו א לעבע־דיקן נפֿעש. פינטלענדיק מיטן געזונטן אויג, קליינע אָדערלעך ציען זיך דערבײַ אונטער דעם און ציטערן, זאָגט זי:

— ער ווייסט שוין מיסטאָמע פון זײַן אומגליקלעכער מאַמען. דעם טאַטן פּײַניקט מען... אײַ, אײַ, וואָלטשאָק, וואָס איז געוואָרן פון זיי!..

אין הויף האָבן זיך דערהערט טריט, שווערע טריט.

— מומע מאַלאַניע! — האָט קראַמער באַוויזן אויסצורופן, — מע גייט...

די אַלטע האָט אַפּגיך פאַרשפּאַרט די טיר, אַנגעוויזן קראַמערן אַפן בוידעמל, מיט אַלע קויכעס אים א שטויס געטאָן צום לייטערל אין אויסגעשריגן: „באַלד, באַלד עפן איך, ווער איז?“

— עפן! — האָט זיך דערהערט א באַפעלערישע שטים, — וואָס הײַעסטו זיך?

די אַלטע האָט נאָך באַוויזן צונעמען דאָס לייטערל און עס אײַליק ארונטערשטעקן אונטערן אויוון. קראַמער איז ארופגעפאַלן אַפּ היי און געבליבן ליגן מיט פאַרטײַעטן אָטעם. אין שטוב זײַנען ארײַנגעקומען צוויי פאַרשוינען.

— נו, מאַלאַשע, איצט איז דײַן משערעד. דעם הער לייטענאַנט האָט מען דאָ אזוי פאַרליובט דײַנע מעלינצעס, אז דער הער לייטע־נאַנט האָט אַליין געוואָלט גיין זיי פאַרזוכן...

— יאוואָל, הער בורגאָמיסטער, — גיט א ברום דער לייטענאַנט

מאַלאַניע טוט זיך א נייג פאַר די געסט, זי פאַרגייגט זיך אפילע צו פלינק פאַר איר עלטער, און דאָס שטרענגע פּאָנעם אירס ווע־ט מילדּ און פאַרענדערט:

— געוויס, פאַני אָפּיצער.

דער בורגאָמיסטער נעמט ארויס א פלעשל קאָניאַק, הייבט עס אויף העכער דעם קאָפּ, דערנאָך שטעלט ער עס אוועק אַפן טיש. דער ליי־טענאַנט נעמט דאָס פלעשל, באַטראַכט די מאַרקע און בלײַבט צו־

פרידן. דער בורגאָמיסטער קוקט מיט האכנאָעדיקע אויגן, וואָס שמעלצן זיך בא אים פון פארגעניגן און שמייכלען. דער לייטענאנט פריקע קוקט, ווי די באבעצע קנעט דעם טייג, און מוט פלוצעם א זאָג:

— און כאזער־פלייש איז ניטאָ בא דיר?

— פאראן, פאראן, — ענטפערט פאר איר דער בורגאָמיסטער. און ער טוט א ווונק צו מאלאניען, זי זאָל גלייך ארייננברענגען פלייש מאלאניע גייט ארויס אין דרויסן און ברענגט אריין פון קעלער א שטיק כאזער. דער לייטענאנט פריקע האָט שטארק ליב געפרעגלט כאזער־פלייש. ער קוקט זיך איין אין דער אלטערס דארע הענט, ווי זי פאָרעט זיך באם אויוון. זי שטעלט אוועק דעם דרייפוס, צעלייגט א פייער, שטעלט ארוף אפן דרייפוס א גרויסע סקאָווראָדע און לייגט אהין ארויף דריי גרויסע שטיקער פלייש מיט צעבראָקטע ציבעלעס.

בא פריקע איז א ברייט רויט פאָנעם מיט גראָבע ליפן און א שראַם אפ איין באק. אז אים גלוסט זיך עפעס עסן, הייבט בא אים אָן צו ציטערן דער שראַם. צוערשט באדעקט ער זיך מיט א קאַמ באמערקבאר בלאָוולעב רויכל, דערנאָך ווערט ער אָנגעגאָסן מיט בלוט און ציטערט אלץ, ביז דער לייטענאנט עסט ניט אָפ צו זאט. לייטענאנט פריקע הייסט דעם בורגאָמיסטער אופעפענען דאָס פלעשל קאָניאק און ער טרינקט אויס איינס נאָכן אנדערן צוויי גרויסע קעלישעקעס קאָניאק. דער שראַם אפ דער באק טיפט זיך און גיסט זיך אָן מיט בלוט. דערפון זעט אויס די באק אונטערן אויג אופגעבלאָזן און דאָס אויג קוקט ניט מיט קיין דאָיִק פייערל.

דער בורגאָמיסטער נעמט אויך א ביסל קאָניאק און דערציילט:

— האָסט געדארפט זען, מומע מאלאניע, וויאזוי איך האָב פריער ארייננגעשלעפט צום לייטענאנט איצקען פון דער מיל, ווי ער האָט זיך געמאָרדעוועט, דער זשיד. „גיב מיך ניט אויס, פאני בורגאָמיסטער, גיב מיך ניט אויס, איך האָב דריי קליינע קינדער מיט א ווייב, האָב ראכמאָנעס, וועמענ האָב איך שלעכטס געטאָן“..?

דער בורגאָמיסטער לאכט דערביי, און לייטענאנט פריקע לאכט מיט.

מישע קראַמער האָט זיך אונטערגעהויבן אפן היי, צוגעשפארט דאָס פאָנעם צו א שפאַלט און אראָפגעקוקט אהין, וו דער דייטשישער אָפיצער און דער בורגאָמיסטער זיינען געלעכטער. מע גיסט אָן נאָך צו קעלישעקלעך און מע טרינקט.

מאלאניע שטייט אָן א זייט. זי קנייטלט דאָס טייג אפ דינע פלעצעלעך, דערנאָך פילט זי זיי אָן מיט געהאקטן פלייש; זי פרעגלט עס און פרעגלט. קראַמערס האנט האָט זיך געצויגן צום רעוואָלווער. אך, ווי גוט וואָלט געווען פארענדיקן מיט אָט די צוויי פארשווינצן דאָ, בא מאלאניען אין שטוב! מע טאָר אָבער ניט. ניט צוליב דעם איז ער געקומען קיין גאריוועקע.

ווען זיי זיינען ענדלעך אוועק, איז קראַמער אראָפגעקראָכן פונעם בוידעמל. די אלטע האָט געהאלטן אין ראַמען.

— זעסטו שוין, מינים געסט גאָט האָט צוגעשיקט, געהויבענע!

דערנאָך איז די אלטע געגאנגען צו דער געבוירע פונעם געוועזענעם ראט א קוק טאָן, צי די דרוקעריי געפינט זיך נאָך אפ איר אָרט. זי האָט זיך אינגיכן אומגעקערט מיט א טשוווע, אז דאָרטן, וו ס'איז

געוועג די דרוקערײַ, איז די טיר פֿארשלאָגג און אהינצו קאָנ מענ צוקומענ פֿונ סעדל דורכ אנ אויסגעשלאָגענעמ פֿענצטער. דאָרט איז א פּוסט אָרט, און צוקומענ צומ סעדל איז ווייניקער געפֿערלעכ. אויב גיינ מיטנ באשטאנ, איז דאָס גאָר נאָענט.

— און די ווײַבער פֿונ די פּארטיזאנער וועג וועסטו צונויפֿנעמענ, מומע מאלאניע?

— שפּעט אינ אָוונט.

— נאָכ הײַנט דארפֿ מענ עס טאָנ, הײַנט. — דערמאָנט קראמער.

די אלטע האָט מיטנ אייניציקנ אויג א פֿינטל געטאָנ: ס'וועט זײַנ רעכט, גיי דערווײַל.

קראמער האָט גערעכנט, אז מע מוז באטאָג אלצ געווירע ווערנ. אליינ אויסקוקנ דאָס אָרט. ווי נאָר דער בעטלער איז ארויס אפֿנ גאס, האָט ער דערזענ, ווי מע טרײַבט מענטשנ. דײַטשישע סאָלדאטנ מיט שווארצע אווטאָמאטנ שלעפּנ א מאכנע מענטשנ צו דער קאָמענדאטור. ער האָט זיכ געוואָלט צוריק אומקערנ צו דער מומע מאלאניע און שוינ ניט געקענט. געווענ אינ א רינג פֿונ סאָלדאטנ.

— האלט! — שרײַט צו אימ א סאָלדאט.

דער דײַטש באגעגנט זיכ מיט קראמערס בליק. דעמ בעטלער האָט זיכ אויסגעדאכט, אז אָט־אָט דערקענט מענ אימ. נאָר ס'איז אראָפּ בעשאָלעמ.

אפֿנ פּלאצ בא דער קאָמענדאטור איז געשטאנענ דער לייטענאנט פּריקע, דער בורגאָמיסטער בארטשוק און א צוויי צענדליק סאָלדאטנ. ארומ און ארומ — די גאריוועקער אײַנוווינער מיט איבערגעשראָקענע אויגנ און אײַנגעפֿאלענע פּנעמער. מע האָט זיכ געקוקט אינ די צעטריפּעטע פּאלטעלעכ. ווײַזט אויס, מע האָט געווארט אפֿ עמעצנ. אינגיכנ איז פֿונ דער קאָמענדאטור ארויסגעגאנגענ פֿאָנ־דערסעל. מיט גאליקע אויגנ האָט ער באטראכט דעמ אוילעמ. אינ ווינקל פֿונ זײַנ מויל האָט געשטעקט א ציבעק. ער האָט אימ ארויסגענומענ, האָבנ זיכ די ליפּנ שטײַפֿ פֿארשלאָסנ — גלײַכ ער האָט געוואָלט זאָגנ, אז צו קיינעמ דאָ האָט ער ניט וואָס צו ריידנ, דער אָפֿיצער פֿונ דעמ פֿיורערס ארמיי. מיטנ בליק באפֿעלט ער ארויספֿירנ דעמ פֿארזינדיקטנ. קראמער דערזעט, ווי צוויי סאָלדאטנ פֿירנ ארויס אונטער די הענט אנ אלטנ מאנ מיט אנ אײַנגעפֿאלענער ברוסט און אנ אָפּגעצערט פֿארוואקסנ פּאָנעמ. מע לייגט אימ אוועק אפֿ א קיילעכיקנ לאנגנ קלאָצ מיטנ בויכ אראָפּ. קראמער דערהערט לעמ זיכ דער מומע מאלאָניעס שעפּטשענ:

— ס'איז דער אלטער וואָלטשאָק, טאָליעס פֿאָטער.

נאָכדעמ האָט מענ פֿונ דער זעלביקער שטאל ארויסגעפֿירט סאטיע דעמ קלאדאָווטשיק, בא וועמענ די לאנגע באָרד איז געווענ אינ עטלעכע ערטער אויסגעצופּט. אָנ א היטל, מיט די צעפּאטלטע האָר האָט דער ייִד מיט די קאָסע אויגנ אויסגעזענ שרעקלעכ. מע לייגט אימ ארײַנ א רוט אינ דער האנט.

— שמײַס! — שרײַט פּריקע, דער לייטענאנט פֿונ באזונדערנ שטראָפֿ־אָטריאד „עס־עס“...

סאטיע שטייט מיט די באָרוועסע פיס אָפּ דער קאַלטער אָנגעווייקטער ערד, פאַרהויבנ די רוט איבער וואָלטשאָקס לײַב, נאָר די רוט פאַלט ניט.

— שמײַס! — שרײַט ווידער אויס דער לייטענאַנט פריקע.

און אַז סאטיע לאָזט ניט אַראָפּ די רוט איבער וואָלטשאָקס לײַב, נעמט זיך דער לייטענאַנט פריקע צום רעוואָלווער. פאָנ-דעסעל קוקט צום לייטענאַנט און שאָקלט מיטן קאָפּ, ער זאָל ניט שיסן.

א יונגע פרוי מיט א טיכל אָפן קאָפּ קוקט זיך ארום, צי זי שטייט ווײַט פון די דײַטשישע סאָלדאַטן, טוט א קרעכץ און זאָגט צו דער שכיינע:

— בידנע סאטיע! בידנע וואָלטשאָק...

פאָנ-דעסעל דערהערט דעם קרעכץ. ער זוכט: פונוואַנען גייט דער מיטגעפיל?

פּלוצעם דערזעט קראַמער ארום זיך מאַלאַניע. זי ווינקט צו אים מיטן געזונטן אויג. אָט בייגט זי זיך אָן צו אים און טוט א מור־מל:

— טראָג זיך אָפּ... דער מאיאָר גייט אהער...

קראַמער וויל זיך ניט רירן פון אָרט. שלעפּט זי אים הינטערוויילעכס פארן ארבל:

— אוועק פונדאַנען. דײַן פוס זאָל דאָ ניט שטיין...

קראַמער וויל עפּעס זאָגן.

— שווײַג! — טוט ווידער א מורמל די מומע מאַלאַניע.

שפּעטער, ווען זיי זײַנען ארויס הינטערן דאָרף, האָט מאַלאַניע ערשט גענומען זידלען אָפּ א קאָל מישען. מישע האָט איר גע־וואָלט געבן צו פארשטיין, אז ס'איז איבער זײַנע קויכעס געווען אוועקגיין פון דאָרטן. ער האָט ניט געטאָרט אוועקגיין. געדאַרפט ארויס און מאַכן א סאָף מיט אָט דעם באַראָן, אָדער כאָטש מיט זײַן לייטענאַנט, מיט פריקען...

מאַלאַניע טײַנעט אים אײַן:

— און אז דו זאָלסט שוין געווען הארגענען איינעם, וואָס וואָלסטו דערמיט דערגרייכט? נאָר אומזיסט-אומנישט דעם קאָפּ אוועקגעלייגט. זיי אלע, וועלכע זײַנען דאָרט געשטאַנען, די אומגליקלעכע, דאַרפן נאָך האָבן דײַן קאָפּ...

— נו, גוט. ביסט גערעכט. גערעכט, מומע מאַלאַניע...

א שטומע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אָפן שטעטל און באהאַלטן עס אין איר אומרויקער שווארצקייט. זי הוידעט די שווארצקייט איבער די כורוועס און איבער די אָפּגעסאַרפעטע סעדער און גערטנער. צוויי מענטשן גאַנווענען זיך צו דער געבײַדע פונעם ראַט. איינער פּינעם אנדערן אָפּ א טראָט. דערנעענטערט זיך צו דער שטוב, האָבן זיי דערהערט גלײַכמעסיקע שריט פון א דײַטשישן וואַכמאַן. קראַמער און סאַמענקאָ שטעלן זיך אָפּ. וואָס צו טאָן ווײַטער איז שוין לאַנג געווען אָפּגערעדט. באַ קראַמערן קלאַפּט דאָס הארץ. אין דער פינצטערניש דערפילט ער דאָך די נאָענטקייט פונעם סוינע. ער שטעלט זיך אוועק הינטער דער שטוב און וואַרט אויס, ביז דער דײַטש וועט זיך אויסגלײַכן מיט אים. מיטאַמאָל: טריט. נעענטער און נעענטער.

אינ די אויערנ קלינגט עס אָפּ, ווי מענגעם זאָלנ שפּאנענ. א רעגע ציט זיכ נאָכ א רעגע. אָט שפּאנט דורכ דער סאָלדאט לעמ אימ. מיטנ מעסער אינ דער האנט וואַרפט זיכ קראמער. א קורצער קרעכצ. דאָס מעסער קריכט טיפער אינ דער זײַט. די פינגער זײַנענ אינ בלוט.

— פּעטראָ, — רופט קראמער, — פאַראנ א פּייגער.

— אָ-צע דאָברע!... — ענטפערט סאָמענקאָ.

אפּ איינ רעגע האָט קראמער דערפילט א שווערקײַט אינ די פיס. אינ קאָפּ האָבנ זיכ געפלאָנטערט פארשיידענע געדאנקענ.

דאָס איז געווענ דער ערשטער סוינע, וועמענ מישע קראמער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט דערהארגעט. אָבער דער דאָזיקער געפיל פארשווינדט באלד, אונ די הענט ווערנ שטײַפער, דער אקסל שטארקער אונ דאָס הארצ שלאָגט רעגלמעסיק. סאָמענקאָ איז שוינ אינווייניק אינ ראַט. ער דערלאנגט שוינ דורכנ פענצטער דעמ שריפט. פינ קאסע שיטנ זיכ צעפאלענע אויסיעס. דער זאק אינ מישעס הענט ווערט שווערער אונ שווערער.

קאפּיטל פערצנ

טײַערע מאטאָנעס

מישע קראמער אונ פּעטראָ סאָמענקאָ האָבנ אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ זייערע שלעפּער-קליידער אונ זײַנענ אוועק אינ יענער פארוואָרפענער קלוניע אפנ באשטאנ, וווּ ס'איז געווענ אָפּגערעדט זיכ טרעפנ מיט די פּארטיזאנישע ווײַבער.

— נו, — זאָגט מישע צו סאָמענקאָ, — איצטער נעמ דו די לייצעס אונ פּראווע.

בא דער פארוואָרפענער קלוניע איז שוינ געשטאנענ די אלטע פּראָקאָפּיכע — אנ אויסגעצויגענע דארע פּויערטע. דערזענ קראמערנ אונ סאָמענקאָ, האָט זי זיי אָפּגעשטעלט:

— א סימענ האָט איר?

זיי האָבנ איר געזאָגט דעמ סימענ אונ זײַנענ ארײַנ אינ קלוניע.

— שפּעטער, — זאָגט די פּויערטע, — וועלנ מיר אָנצינדנ א קאָנעצל, אז מע וועט קומענ.

די פינצטערניש אינ פעלד בא דער קלוניע האָט זיכ אויסגעדאכט געדיכטער ווי סמאָלע, באָטש אינ דער ווײַטער ווײַט האָט ערגעצ זיכ געשליפנ א גרינבלעכ שטערנדל — אָט-אָט פאלט עס אראָפּ אונ פארזינקט.

— זאָל זײַנ, אז זיי וועלנ ניט קומענ? — ווערט סאָמענקאָ אומגעדולדיק. — קיינ איינע נאָכ ניטאָ.

— זיי וועלנ קומענ, — בארויִקט אימ קראמער.

די ערשטע, וועלכע איז ווי א שאָטנ ארויסגעשווומענ לעמ דער קלוניע, איז געווענ קוזמאס ווײַב. ווי נאָר זי האָט זיכ באוויזנ, האָט

פראָקאָפּיכע אָנגעצונדנ דאָס קאַנעצל אונ פאַרהאַנגענ דעם ארײַנגאַנג מיט א רעדנע, די שײַנ זאָל ניט ארויסדרינגענ אינ דרויסנ.

— אונ קוזמא וועט אהער ניט קומענ? — האָט די אלטע פרוי געפרעגט בא די שעלוכים.

— ער וועט ניט קומענ. ער איז פאַרנומענ, — ענטפערט סאָמענקאָ.

— נא, — שטרעקט זי אויס די האַנט, — גיב אים איבער אָט דאָס זעקעלע מאַכאָרקע אונ זאָג אים, אז בא סאַכנאָ איז ניטאָ ווו צו זײַנ, אײַנגעפאַלנ די כאַטע. זאָל ער מיכ קומענ פאַרנעמענ. איכ וועל איבערגײנ צו ניקאָדימענ אינ ליפּקי, ער ווייסט, ווו ניקאָדים וווינט.

— ער וועט אוואַדע קומענ, — באַרוּקט זי סאָמענקאָ.

קראַמער האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ דעם קלאָץ, וואָס איז דאָ געשטאַנענ צווישנ א קול צעפּאַטלטער שטרוי אונ זיכ צוגעהערט צו סאָמענקאָס שמועס מיט דער אלטער קוזמיניכע.

אינגיכנ איז אונטערגעקומענ א צווייטע. דאָס איז געווענ א יונגע קאָלווירטניצע מיט א גראָוו טיכל אפנ קאָפּ. שוויַגנדיק, האָט זי זיכ אוועקגעשטעלט לעמ קוזמיניכענ אונ מיט די אויגנ זיכ אָנגעפרעגט, ווענמענ איבערגעבנ דאָס, וואָס זי האָט געבראַכט. קוזמיניכע האָט צו איר א ווונק געטאָנ, אז זי זאָל דאָס איבערגעבנ סאָמענקאָ.

— פאַר ווענמענ? — פרעגט סאָמענקאָ.

די פרוי צענעמט אינ די הענט א פּאָר גרויסע פּלודערנ אונ טײַטלט אפ זיי מיט די פינגער. קוזמיניכע גיט צו וויסנ סאָמענקאָ, אז די פרוי איז א שטומע אונ דאָס גיט זי איבער פאַר איר יינגל, וואָס איז בא זיי אינ אָטריאַד.

— אהא, פאַר סטיאָפּקענ.

סאָמענקאָ נעמט אָנ די שטומע פאַר דער האַנט אונ מיט צייכנס גיט ער איר צו פאַרשטיינ, אז איר יינגל שיסט גוט אונ ער האָט וואָס צו עסנ. א טײַער יינגעלע.

די מוטער האָט מיט גרויסע בלישטשענדיקע אויגנ געקוקט אָט אפּ סאָמענקאָ, אָט אפ קוזמיניכענ. אָט הערט, וואָס מע זאָגט וועגנ איר יינגעלע. אינ זיבעטנ קלאַס האָט ער זיכ געלערנט — זי ווײַזט אפ די פינגער א פינפ מיט א צוויי — אלע אינ דאָרפ קענענ אים, סטיאָפּקענ.

— ער שיסט גוט אונ טרעפט אינ די דײַטשנ, — ווײַזט סאָמענקאָ מיט א צייכנ זײַנ מאַמענ.

בא דער שטומער ווערנ מילד די אויגנ. זי שאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ מיט די ליפּנ טוט זי עפּעס א מאָדנע בלאָז פונ זיכ. דאָס דאַרפ באַדײַטנ: זי איז צופרידנ פונעם גרוס.

דער ווינט האָט אראָפּגעריסנ די רעדנע, ארופגעשלײַדערט זי אפנ קאַנעצל אונ עס אויסגעלאָשנ; דעמלט האָט זיכ לעמ ארײַנגאַנג אוועקגעשטעלט קראַמער, צעשפּרייט די רעדנע אונ זי צוגעהאַלטנ מיט ביידע הענט, דאָס קאַנעצל זאָל ווידער ניט פאַרלאָשנ ווערנ.

ס'איז אָנגעקומענ נאָכ א פויערטע אינ א שוואַרצ רעקל, פאַרשפּיליעט אפ אלע קנעפּלעכ. פונ אונטער דעם רעקל האָט זי ארויסגעשלעפּט א העמד.

— נאָ, — האָט זי עס איבערגעגעבן סאָמענקאָ, — פאַר מײַן מאַן. זאָל ער אַראָפּקומען צו מיר. איך בענק נאָך אים.

אין קלוגיע האָט זיך באַוויזן דער מומע מאַלאַניעס אײַנגעהױקערטע פיגור. זי האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן צו קראַמערן און איז גלײַך ניט געבליבן.

— וווּהין איז? — פרעגט קראַמער, — בלײַב דאָ.

— באַלד קער איך זיך אום, — און זי פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש.

עס איז אונטערגעקומען נאָך איינע און נאָך איינע.

יעדערע פון זיי האָט עפּעס אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער פּאָלע. אין ווינקעלע לעם דעם קול שטרוי איז שוין געלעגן אַ גאַנצע הייפּש קופּקעלע מיט זאַכן. קראַמער האָט זיי אַרײַנגעשטופּט אין אַ זעקל. סאָמענקאָ, אַן אַרומגערינגלטער פון די ווײַבער, האָט זיך אויסגעהוסט, געקוקט צו קראַמערן, וואָס האָט פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און האָט אָנגעהויבן מיט אַ שטיל קאָל:

— טײַערע פרײַנט אונדזערע, אײַערע מענער און זין לעבן. מיר ווייסן, ס׳איז אײַך שווער, מע פּײַניקט אײַך און מע גנאַטעוועט. דאָרטן אין די וועלדער פאַרגעסן מיר ניט אין אײַך אָפּ קיין איין מינוט...

סאָמענקאָ איז מיטאַמאָל שווער געוואָרן צו ריידן ווײַטער. ניין, מיט קיין פּאַשעטע ווערטער — טוט ער אַ טראַכט — וועט ער זיי ניט נעמען. סע פאַלט אים אײַן פּלוצעם און ער זאָגט:

— מיר האָבן געהערט, איר הונגערט און אײַערע קינדער הונ־גערן, מיר וועלן אײַך ברענגען מעל, וועט איר האָבן ברויט צו זאַט. מיר האָבן די מעל אויסבאַהאַלטן פון די דײַטשן.

ער קוקט צו קראַמערן און באַמערקט, ווי יענער שאָקלט מיטן קאָפּ, — „גוט האָט ער עס געטאָן, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דער מעל“, — דאָס דערמונטערט סאָמענקאָ און ער וויל זיך ערשט צע־לאָזן אין אַ שמועס. אָבער איינע פון די פרויען, די, אין אַ שוואַרצן רעקל, וואָס האָט געבראַכט דאָס העמד, שלאָגט איבער:

— וואָס וועלן מיר באַ אײַך צונעמען, איר לעבט אַליין שלעכט. ניין, מיר דאַרפן ניט אײַער מעל.

— פאַר אונדז זאָרגט זיך ניט. — רעדט ווײַטער סאָמענקאָ צו די פרויען. — מיר האָבן גענוג.

פון אונטער דער צעשפּרייטער רעדנע האָט זיך ווידער באַוויזן מאַלאַניע און מיטן איינעם אויג אָפּגעמאָסטן דאָס געזעמל פרויען אַף דעם שטרוי. דערנאָך איז זי אַרויס און אַרײַנגעפירט נאָך זיך אַ פרוי.

— שקליאַריכע, — האָט קוזמאַס פרוי אַ שעפּטשע געטאָן, — זי איז שוואַך.

באַ דעם אַרײַנגאַנג איז געבליבן שטיין שקליאַרס פרוי מיט אַ צעריסענעם טיכל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען מיט לאַנגע פרענדזעלעך פונעם אקסל. אַ פּאַסמע האָר איז אַראָפּגעפאַלן אַפן בלאַסן אויסגע־מאָגערטן פּאָנעם.

אָנגענומענע קלאָרענע אונטערן אָרעם, האָט סאָמענקאָ זי צוגעפירט צו דעם קלאָץ און דערציילט איר:

— אײַער פרויִם איז אַן עמעסער מענטש. אוך, א מאַלאָדיעץ. ער האָט פאר אונדז אָפּגעראַטעוועט קאָרן און מעל.

דערהערט מעל, האָט קלארע א ציטער געטאָן. ווילד א בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— איבער אָט דער מעל האָב איך געמוזט אוועק פון שטוב. וואָס ווייסט איר...

— ס'איז עמעס, מע פײַניקט זי. פאראן דאָ איינער, פריקע הייסט ער. אוי, פײַניקט ער זי, — זאָגן די ווײַבער.

— איך זאָל נאָר ארויסרופן צו זיך פרויִמען, — דערציילט ווײַטער קלארע. — אלע טאָג שלעפּט מען מיך צום קאָמענדאַנט. מע וועט מיך אָפּגילטן, זאָגט מען מיר, אבי מײַן פרויִם זאָל זיך אומקערן. די מעל גייט זיי ניט ארויס פונעם קאָפּ.

בא מישען פּלאָנטערט זיך די גאנצע צײַט אין קאָפּ עפּעס א נאָמען פריקע... פריקע... וואָס דארף מען מיט אים טאָן, מיט אָט דעם פריקע?

און סאָמענקאָ רעדט נאָך אלץ צו שקליארס פרוי און דערציילט איר וועגן פרויִמען, וועגן זײַן דרייסטקײַט, וועגן זײַן גוט הארץ.

— און איך האָב פאר אײַך אויך א גרוס, — איז מישע פּלוצעם צוגעגאנגען און זיך אָנגעבויגן צו איר.

— מישע! דו ביסט אויך דאָ? — שטעלט זיך אוף קלארע.

— אָט ווי איר זעט. איך האָב פאר אײַך א גרוס פון אײַער טאָכטער.

די פרוי האָט זיך אוש א צי געטאָן צו אים.

— פון באנקען?

— יאָ, איך האָב זי געזען ערשט ניט לאנג אין קיִעוו.

— ע, ווען באנקע זאָל דאָ געווען זײַן, וואָלט אלצדינג אנדערש געווען...

סאָמענקאָ ווענדט זיך פּלוצעם צו קראמערן:

— עפּשער וואָלטן מיר זי מיטגענומען מיט זיך. אָט דער פריקע־פיקע דער דושעהוב וועט זי אומברענגען.

קראמער איז שווין קימאט ווי אײַנגעגאנגען דערוף, נאָר דעמלט איז ארויס מיט לאָשן די איינוויקע מאלאניע.

— באבעס, וואָס שווײַגט איר? — האָט זי אויסגערופן, — אייגן מענטשן קענען מיר ניט באשיצן? וואָס זשע זײַנען מיר פארא מענטשן. אָט דאָ מיט אונדז וועט זי בלײַבן. זי קאָן וווינען בא מיר. און אז ניט, איז בא פראָקאָפּיכען לעם באשטאן. וואָס זאָגט איר דערוף, ווײַבער?..

ווי אן אַלטע אָדלערטע, וואָס ס'האָט זיך אין איר אופגעכאפּט ד' קראפט פון די יונגע יאָרן, קוקט זי צו אלע פרויען מיטן געזונטן אויג און זוכט בא זיי באשטעטיקונג:

— איר געדענקט, באבי, ווען דעניקין איז דאָ געווען מיט יאָרן צוריק, האָבן מיר דען ניט אויסגעבאהאלטן אונדזערע, נאָך וויאַזוי אויסגעבאהאלטן! קיין האָן האָט ניט געקרייעט און קיין פויגל האָט ניט געוווסט.

— עמעס, עמעס! — האָבן זי אונטערגעהאלטן די ווייבער, — מיר וועלן דיך אויסבאהאלטן פון דעם היצעל.

שקליארס פרוי איז שוין געשטאנען ארומגערינגלט פון אלע פרויען, און די שטומע האָט זיך נאָר געטוליעט צו איר.

דאָס קאנעצל איז פארלאָשן געוואָרן פונעם ווינט, וואָס איז פלוצעם אָנגעלאָפן. ס'איז געוואָרן פינצטער, מע האָט זיך גענומען פאנאנדערגיין.

— א גוטע-נאכט! — און יעדערע איז אוועק אין אן אנדער ריכטונג.

דאָס גרינע שטערנדל באם ווייטן האָריזאָנט האָט זיך אונטערגעטוקט און אראָפגעפאלן. ס'האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער ווינט האָט עס אראָפגעבלאָזן.

אפן וועג צום טייך, ווו דאָס שיפל איז געשטאנען, האָבן מישע מיט סאָמענקאָ ניט גערעדט צווישן זיך. מישע האָט געקלערט: „כאנקע, כ'האָב געזען דיין מאמען. כ'האָב גאָרוואָס גערעדט מיט דיין מאמען. דערציילן דיר וועגן איר? ווילסט וויסן, ווי עס זעט אויס איצט דיין מאמע?..“

און פלוצעם איז בא מישען אין זיקאָרן אויפגעשווומען א נאָמען: פריקע. מישע איז געבליבן שטיין.

— כאווער לייטענאנט, מיר טאָרן דאָ ניט שטיין, — האָט סאָמענקאָ א זאָג געטאָן.

מישע איז אלץ נאָך געשטאנען אפן זעלבן אָרט.

— מיר דארפן גיין, כאווער לייטענאנט, — זאָגט ווידער סאָמענקאָ. — דאָ, אין גאריווקע האָבן מיר מער ניט וואָס צו טאָן...

— גיין, — זאָגט קראמער. ער האָט דאָך עפעס צו טאָן דאָ אין גאריווקע. ער האָט נאָך ניט פארענדיקט דעם כעזשבן מיטן לייטענאנט פריקע. מיט יענעם, דעם מאיאָר, וועט מען זיך באגעגענען אן אנדערש מאָל, אָבער מיט דעם וויל ער נאָך היינט זיך זען...

— סאָמענקאָ, איך באפעל דיר גיין אהין, צום שיפל, און איך וועל צוקומען שפעטער...

און א באגייסטערטער פון דעם געדאנק, וואָס איז אים איינגעפאלן, שפאנט ער צוריק אין שטעטל אריין. ער ווייסט, ווו דער לייטענאנט וווינט. די מומע מאלאניע האָט אים אָנגעוויזן. נאָר עפשער איז עס צופיל פאר איין נאכט? עפשער דארף ער זיך אומקערן און זאָגן סאָמענקאָ: „ביסט גערעכט, מע וואַרט אף אונדז אין אָטריאַד, מע וועט איבערטראכטן?“ סע ציט אים פאָרט צו אָט יענעם דייטש מיטן שראם אפן פאָנעם.

...ווען קראמער האָט זיך ארייַנגעגנאַוועט צום לייטענאנט פריקע אין צימער ארייַן, איז דאָרט קיינער כוץ פריקען ניט געווען. דער דייטש איז געזעסן איינער אליין באם טיש.

א רעגע האָט ער באטראכט די מאָדנע בריִע — דעמ בעטלער. נאָר דעמ בעטלערס בראונינג איז אויסגעוואקסנ בא דער מאָרדע פונעמ דײַטש. דער דײַטש וויל רופנ די וואכ. דער בעטלער הייבט אופ א פינגער צו די ליפנ: אויב ער וועט זיכ דערוועגנ א פיפס טאָנ, בלײַבט ער ליגנ מיט א דורכגעשאָסענעמ קאָפ. „פארשטאנענ?“ — פרעגט אפ שטומ=לאָשנ דער בעטלער באמ לייטענאנט. ער האָט פארשטאנענ, פרי=קע, וואָס דער נאכט=גאסט וויל פונ אימ. אונ ער האָט אוועקגעלייגט ביידע הענט אפנ טיש אונ אליינ געקוקט דעמ בעטלער אינ פאָנעמ ארײַנ. דער בעטלער האָט גענומענ א שטיקל פאפיר פונעמ לייטע=נאנטס פאָרטפעל, אײַנגעטונקענ די פענ אינ טינט, איבערגעגעבנ זי דעמ דײַטש אונ געהייסנ שרײַבנ:

— צומ קאָמענדאנט פונ גאריזאָנע באראָנ פאָנ=דערסעל...

די לאָכ פונעמ רעוואָלווער איז הארט באמ דײַטשס שלייפ. ער שרײַבט אונטער דעמ דיקטאנט פונעמ בעטלער:

„אנטשולדיקט מיר, הער מאיאָר, מײַנ וויכהארציקײַט! איכ קאָנ ניט צוקוקנ, ווי מיר פארגיסנ אומשולדיק בלוט פונ מענטשנ. איכ גלייב ניט אינ אונדזער זיג. מיר וועלנ אופגעריסנ ווערנ אינ דער דאָ=זיקער אוקראינע. איכ ראָט דעמ פיורער אונ אײַכ אלע אָפיצערנ פונ דער דײַטשישער ארמיי נאָכטאָנ מײַנ העכסט=מענטשלעכער טאָט: איכ גיי פרײַוויליק אוועק פונ דער זינדיקער ערד. צומ גיכנ ווידערזענ אפ יענער=וועלט!

רודאָלפ פריקע, לייטענאנט פונ באזונדער שטראָפ=אָטריאד עס=עס“.

געענדיקט דאָס בריוול, האָט דער דײַטש גענומענ קוקנ מיט דול=טאמעוואטע אויגנ אפנ בעטלער.

— נעמט זיכ צו אײַער ארבעט! — האָט דער בעטלער א זאָג גע=טאָנ.

— וואָס פאר אנ ארבעט? — האָט דער דײַטש זיכ געמאכט ניט ווייסנדיק.

— דער בעטלער האָט אימ צוגעטראָגנ דאָס אָקאָרשט=אָנגעשריבנ בריוול.

— אָט=אָ שרײַבט איר דאָכ: איכ גיי פרײַוויליק אוועק פונ דער זינדיקער ערד. איז גייט, הער לייטענאנט, זאממט זיכ ניט.

דער בעטלער האָט פונ א ווײַטער קעשענע ארויסגעצויגנ א שטריקל, אויסגעזוכט א האקנ אפ דער סטעליע אונ, אָנווײַזנדיק אפנ טיש, באַ=פוילנ:

— קריכ!...

אָבער דאָ האָט ער פלוצעמ דערזענ, אז דער דײַטש כיטרעוועט. ער האָט זיכ גערוקט אלצ ווײַטער אונ ווײַטער פונעמ טיש, געוואָרפנ בליקנ צו דער דרויסנדיקער טיר אונ דערבײַ געטײַנעט, אז ער וויל נאָר איינס — ער וויל געשאָסנ ווערנ... בא די רוסנ, האָט ער געהערט, הענגט מענ ניט... בא די רוסנ שיסט מענ... וויל ער אויכ באקומענ א שאָס, נאָר איינ שאָס...

אפנ בעטלערס פאָנעמ האָט זיכ באוויזנ א צאָרנדיק=גרויזאמער שמייכל.

— ווילסטו, הייסט עס, באקומען א שאָס? ניין, דו ביסט עס ניט ווערט! ביסט ניט ווערט קיין שאָס, לייטענאנט פריקע...

און נאָך אין דער זעלבער רעגע האָט דעם בעטלערס ווייט־פאַר־באהאַלטענער מעסער א בלאַנק געטאָן אינדערלופטן און געמאַכט א סאָף צו דעם לייטענאנט פריקע.

ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען אין גאַריוועקער וואַלד האָבן מיט א שווערן פּאַק זיך באַוויזן די צוויי דעסאַנטניקעס. כאָטש די האַרטע און שווערע מאַסע האָט ניט דערלויבט זיך אײַלן, זי האָט שווער גע־דריקט צו דער ערד, נאָר אָפּן האַרצן איז זיי געווען פרייליך אין גרינג. ביז טאָג איז נאָך ווײַט. ביז טאָג וועלן זיי זיך אומקערן צו זיי־ערע כאַווײרים און פרײַנט.

פון אַרום און אַרום האָט זיך געטראָגן א טויבער רויש. צווישן די ביימער האָט זיך געוואָרגן דער ווינט.

קאַפּיטל פופצן

דער וואַלד ברענט

דער וואַלד האָט געברענט. אהער, הינטערן דערפל פּיאַטקע, איז דערפלויגן דער רייעך פון אָפּגעסמאַליעטע ביימער. דאָס האָבן די דײַטשן מיט צינד־באָמבעס פון זייערע באָמבאַרדירער אונטערגעצונדן די געגנט, וווּ די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויפגעהאַלטן. א גאַנצע נאַכט איז באַם האָריזאָנט געשטאַנען א רויטקייט, וואָס דער ווינט האָט גע־לעקט און געלאָשן מיט זײַן האַרבסטיקער פײַכטקייט. אין אָט דער נאַכט איז וואַלטשאָקן שטאַרק שלעכט געוואָרן. דאָס, פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקן, איז געשען. ס'האָט זיך צעשפּילט זײַן אַלטע קרענק. ער איז געלעגן אין ערד־שטיבל און געשפּיגן מיט בלוט. אַרײַנגעגאַנגען צו זיך קראַמער, האָט ער אים געזאָגט:

— זעסט, מישע, מיר איז ניט באַשערט מיט דיר צו פאַרענדיקן די מילכאָמע.

— נישקאָשע, מיר וועלן דיך אויסהיילן.

א פאַרדעכטיקע רויטע פאַרב איז אַרויסגעטראָטן אַף וואַלטשאָקס באַקן. די קאַרע אויגן האָבן געלויכטן מיט ניט קיין געזונט פײַער. אהער אין ערד־שטיבל האָט דערגרייכט דער רויך פון דעם ברענענ־דיקן וואַלד. וואָלטשאָקן האָט געשטיקט. ער האָט זיך געבעטן בא מישען:

— הער אוים, איך שטער אײַך... איצטער איז ניט קיין צײַט מיך אין זינען האָבן...

קראַמער שווײַגט. וואָלטשאָקן ערגערט עס. ער הייסט אַרײַנרופן נאָך פּאַרטיזאַנער.

— איר זעט, מיסטאָמע, וואָס פון מיר איז געוואָרן.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן אַלע געשוויגן.

— עפשער וועט איר מיך ערגעץ אָפּפירן, איך זאָל אײַך ניט שטערן?

רופט זיך אָן דער אַלטער קוזמאַ בעספּאַלקאָ:

— וווּהין דיך פירן, צו דײַן טאַטן, צו דײַן מאַמען?.. קיין באַטע האָסטו שוין ניט. בלײַבסט דאָ מיט אונדז, ביז מיר וועלן פאַרטרײַבן דעם דײַטש: נישקאָשע, אַרבעט וועט זיך פאַר דיר געפינען.

— ניין, איך וועל זײַן צו לאַסט.

דער אַלטער קוזמאַ האָט ווידער ניט אויסגעהאַלטן.

— אָט וועלן מיר אָפּנעמען גאַריוּוקע, וועל איך דיר אָפּגעבן מײַן כאַטע.

— איך דאַנק דיר, קוזמאַ, אָבער...— און וואָלטשאָק האָט זיך פאַרחוּסט.

קראַמער נעמט אין דער האַנט אַ פלוגבלעטל, וואָס דער אָטריאַד האָט פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג, און זאָגט פעסט:

— אין דעם האָסטו אַ כײַלעק? בלײַבסטו אונדזער אַגיטפּראָפּ. זעצן קאָנסטו, שרײַבט איז דאָ. זייער אַ נייטיקע אַרבעט.

וואָלטשאָק פאַרקלערט זיך.

— אַ פּאַרטיזאַנער דאַרף — מיטן אויטאָמאַט.

— האָסט אַ טעות, וואָלטשאָק, ס'איז פאַר אונדז ניט ווייניקער וויכטיק.

אַלע קוקן אָפּ וואָלטשאָקן, און מיט די בליקן באַשטעטיקט מען קראַמערס רייד.

אין אָטריאַד זײַנען פון טאָג צו טאָג צוגעקומען נײַע מענטשן. מע האָט זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט געווער און בכלל איבערקאָכן אין קעסל פון קאַמף, אַרײַנגלידערן זיי אין גאַנצן קאָלעקטיוו. דערמיט האָט זיך פון איצט אָן פאַרנומען וואָלטשאָק. קראַמער האָט מערסטנטייל אָנגעפירט מיט די שלאַכט-אָפּעראַציעס. דער עלטסטער אין אָטריאַד איז געווען קוזמאַ בעספּאַלקאָ. דאָס איז געווען אַ פויער — אַ שטיק ווויצלער. אין די פרײַע מינוטן פלעגט ער ליב האָבן דערציילן פון זײַן אַמאָליקער דינסט בײַם דעם רוסיש-יאַפּאַנישן קריג און פון די דײַטשן אין דעם ערשטן וועלט-קריג, אין וועלכן ער האָט אויך אָנטייל גענומען.

קוזמאַ האָט געהאַט אַ טעווע צו האַלטן אָפּ זײַן אונטערשטער ליפּ דעם נישער פון אַ לאַנג-פאַרלאָשענעם ציגאַר און בעטן זיך בײַ די יונגע כעווריע:

— לאָזט מיך צו צום קוילנוואַרפער. צו וואָס גיט איר מיר די דאָזיקע ציאַצקע?

פאַר אים איז געווען צו קליין דער שוואַרצער טראָפּיי-אויטאָמאַט פון די, וואָס מע האָט אין איינער אַן אָפּעראַציע צוגענומען בײַ די דײַטשן.

— צום קוילנוואַרפער דאַרף מען האָבן מערער קענטעניש, — זאָגט אים סטיאָפּקע, — מיטן אויטאָמאַט וועט איר אויך קאָנען ברעכן די דײַטשן.

קוזמא ווערט באַרויִקט.

— דו, צוצעניו, קענטעניש זאָגסטו. — דער אַלטער שפּײַט אַראָפּ פֿונ דער ליפּ דעמ נישער פֿונעמ ציגאַר, ציט צו זיכ צו דאָס ייִנגל און גיט צו ערנסט: — א הארצ דארפֿ מענ האָבנ און אויגנ, דערמיט שיסט מענ און ניט מיטנ קוילנוואַרפֿער...

די אויגנ באַמ ייִנגל האָבנ זיכ אָנגעצונדנ:

— אַנו, דיאַדיא, פּרוּוו נאָר שיסנ מיטנ הארצנ, — און דאָס באָכערל צעלאַכט זיכ פֿונ אימ.

דאָס פֿאַרדריסט דעמ אַלטנ. ער שאָקלט באַדויערנדיק מיטנ קאָפּ.

— ני, סינאָק, פֿאַרשטייסט מיכ ניט.

איינמאָל נאָכ א שלאַכט האָט קוזמא זיכ אָוועקגעשטעלט צייל: די אָוועקגעלייגטע דײַטשנ, דערנאָכ צוגעפֿאַלנ צומ קוילנוואַרפֿער און אימ הייס געקושט.

— וואָס טוסטו, קוזמא? — פֿרעגט אימ מאַזורענקאָ, וואָס פֿלעגט גיינ מיט אימ האַנט באַ האַנט.

— פֿאַר זײַנ גוט שטיקל אַרבעט, — שמייכלט קוזמא.

— זאָגסט דאָכ, אַז מע שיסט מיטנ האַרצנ, — האָט מאַזורענקאָ געוואָלט פֿונ אימ אָפּכויזעקנ.

— ריכטיק, ער העלפֿט דעמ האַרצנ. — און קוזמא קלאַפּט זיכ איבער דער ברוסט.

אינ דער נאַכט, ווענ דער וואַלד האָט געברענט, איז אינ אָטריאַד געווענ אומרויִק. די סרייפֿע האָט פֿאַרכאַפּט פֿיל שעטעכ און זיכ צעשפּילט אַלצ שטאַרקער און שטאַרקער. ס'האָט געדאַכט, דער הימל אַליינ איז אָנגעצונדנ פֿונ אַלע עקנ, קיינ טאָג וועט שוינ ניט קומענ, נאָר אַזוי וועט זיכ עס ציִענ, און באַ אַלעמענ וועט אַפֿ אייביק בלײַבנ די בראָנזעווע אָפּשײַנ אַפֿ די פּנעמער — רויטפּנעמדיקע מענטשנ מיט בלישטשענדיקע אויגנ. אינ דער טונקלקײַט דערהערט מענ, ווי סאָמעקאָ דערציילט, וואָס סע טוט זיכ אינ גאַרניזאָנ. שקליאַר זיצט לעבנ אימ אַפֿ א פּניאָק, די ברילנ בליאַסקענ קעגנ פֿײַער. איינ העלפֿט פּאָנעמ איז באַלויכטנ פֿונ דעמ ווײַטנ פֿײַער, און די צווייטע העלפֿט איז פֿאַרטונקלט, דאָס גיט צו אַנ אויסטערלישנ אויסזענ דעמ דאָזיקנ אַפֿנ ערשטנ בליק פֿרידלעכנ בוכהאַלטער. ער צעשיידט זיכ קיינמאָל ניט מיטנ אַווטאָמאַט, אַפֿילע ווענ ער עסט, רוקט ער אימ אַרופֿ אַפֿ דער פּלייצע. איצט האַלט ער אימ אינ דער האַנט באַ דער זײַט, ווי עפּעס א פּאַפּקע אָדער ווי א בוכ. קראַמער גייט פֿאַרבײַ.

— נעמט אימ אַפֿנ אַקסל, ס'איז ניט קיינ גראָסבוכ, כאַוועור שקליאַר.

דער בוכהאַלטער גיט א טאָרע די דרעטלעכ פֿונ זײַנע ברילנ, צעשמייכלט זיכ און ענטפֿערט אָפּ: „פֿאַראַנ אַפֿנ אַקסל!"

שקליאַר בייגט זיכ אָנ צו קוזמא אַפֿנ אויער:

— אונדזער נאַטשאַלניק איז א ביסל צעשרויפֿט.

קראַמער איז ווירקלעכ געווענ די לעצטע טעג אויפֿגערעגט: שוינ דרײַ מאָל האָט מענ דעמ אײַזנבאַנ-בריק אונטערגעריסנ, און די דײַטשנ האָבנ אימ פֿאַריכט.

וואָלטשאָק פּלעגט אים באַרויִקן, אַז מאָרגן — איבערמאָרגן וועט זיך אײַנגעבן די אָפּעראַציע.

— נייִן, — האָט קראַמער געהאַט איין מײַנע, — וואָס דו האָסט ניט אָפּגעטאָן הײַנט, וועט מאָרגן זײַן צו שפּעט.

וואָלטשאָק איז געווען פיל רויִקער, איידער קראַמער. נאָר אַזוי זיכער זײַן אין דערפאָלג פון דער פּאַרטראַכטער אָפּעראַציע איז קיינער ניט געווען, ווי קראַמער. ער האָט געגלייבט, אַז אַלץ קאָן מען בײַקומען.

קוזמאַ האָט איינמאָל זיך אַ וויצל געטאָן:

— באַלד אַזוי, כאַווער קאָמאַנדיר, — קוזמאַ האָט אַלעמען געזאָגט דו, — עפּשער וועסטו גיין אָפּ קיִעוו?

בײַ קראַמערן האָבן אַ פינקל געטאָן בייזע פונקען אין די אויגן. צוויי טיפע פאַסיקלעך האָבן זיך צווישן די ברעמען אַוועקגעלייגט. ער איז געוואָרן ערנסט און שטרענג.

— אַז מע וועט שיקן אָפּ קיִעוו, וועלן מיר גיין.

נאָר די אומרויִקייט איז פאַרט געוואַקסן. שוין דעם צווייטן טאָג, ווי דער פלינקער אויסשפּירער יוכים גודז האָט זיך צוריק ניט אומגעקערט. דער אויסשפּירער, וועמען מ'האָט גערופן גודזיק פאַר זײַן קליינעם וווּקס מיט די אויסגעקײַלעכיקטע פיס, איז שפּעטער געקומען און געבראַכט אַ יעדיִע, אַז פאָן־דעסעל שיקט אַ באַטאַליאָן מאָטאָציקליסטן קעגן אָטריאַד און אַז פון דרײַ זײַטן איז מען שוין קימאַט אַרומגערינגלט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ציבאַ באַפוילן, קראַמערס אָטריאַד זאָל פאַרלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט און איבערגיין ווײַטער.

מישע האָט גלײַך אַ קלער געטאָן, אַז איצטער איז אַוואַדע געקומען די צײַט וואָלטשאָקן אַוועקפירן און דעם קליינינקן סטיאָפּקען אַהיים שיקן. ער האָט צונויפגערופן די כאַווירים און זיי וועגן דעם געזאָגט.

אינמיטן נאַכט האָט איינער פון די פּאַרטיזאַנער אַוועקגעפירט דעם קראַנק געוואָרענעם וואָלטשאָקן.

— און דו, קוזמאַ, וועסט אַהיים פירן סטיאָפּקען. פאָרט אַ קינד.

דערהערט דעם שמועס, האָט דאָס יִנגל זיך אַ בריקעווע געטאָן:

— איך בין אַ פּאַרטיזאַנער.

— דיסציפּלין ווייסטו וואָס סע הייסט? מע באַפעלט דיר! — זאָגט קוזמאַ.

— נייִן, דיאַדיע, איך וועל ניט אַוועקגיין.

אין דער טונקלקייט, אין וואַלד, וואָס שטיקט זיך פון רויך און פון פײַער, האָט זיך דאָס יִנגל אַ וואָרף געטאָן צו אַ סאָסנע, אַרומגעכאַפּט זי מיטביידע הענט, גלײַך ער זוכט בײַ איר שטיצע פון דעם גרויזאַמען באַפעל, וואָס איז אומגעריכט פאַר אים געבוירן געוואָרן.

— ניע פּידו! — האָט ער מיט אַקשאָנעס צוערשט אויסגעשריגן. דערנאָך מיט אַ בעטנדיקער שטים שטילער געזאָגט, — איך בעט אײַך...

קוזמאַ האָט אים פאָטעריש אײַנגערעדט.

— צוצעניו, ס'וועט ניט העלפנ. אינ א האלבער שא ארומ גייענ מיר ארויס.

סטיאפּקע איז געבליבנ אזוי שטיינ מיט די דארע לאנגע הענטעלעכ ארומגענומענ דעמ סאָסנע-שטאַמ.

קוזמא האָט געקלערט, אז אײנוועגס וועט ער שוינ דערווײַל זיכ ארײַנכאפּנ צו זײַנ אלטיטשקער אונ א קוק טאָנ אפ די כעוורע.

שפּעטער א ביסל איז קוזמא צוגעגאנגענ צו סטיאָפּקענ, וואָס איז נאָכ אלץ געשטאנענ בײַ דער סאָסנע:

— נו, קומ, צײַט צו גייענ.

דאָס ייִנגל האָט זיכ נאָכאמאָל געפּרוווּט אָפּבעטנ, אָבער קוזמא איז געווענ אומבעראכמאָנעסדיק.

— א באפעל! — אונ דער אלטער האָט אָנגענומענ סטיאָפּקענ פאַר דער האנט גאנצ פעסט.

סטיאָפּקע האָט אויסגעריסנ די האנט.

— איכ בינ ניט קיינ קינד! — אונ איז אוועק פאָרויס.

— וואַרט. לויפ ניט אָנ מיר, יונגאטש!..

אונ ער איז אוועק. ארומ האלבער נאכט איז ער געקומענ אינ יִשעוו. צוערשט האָט ער אָפּגעפירט סטיאָפּקענ צו זײַנ מאמענ, אימ דאָרט איבערגעלאָזט אונ אליינ ארײַנגעשפּרונגענ אינ א כאטע, ארומגענומענ זײַנ אלטיטשקע. זי איז געבליבנ שטיינ אינמיטנ שטוב אונ זיכ געכידעשט:

— צי ס'איז קוזמא, צי ניט?

— סטארא, — זאָגט ער, — איצטער פאָר איכ טאקע אוועק ווײַט, — אונ ווײַזט מיט דער האנט אינ דער הייכ.

דאָס ווײַב איז בלייכ געוואָרנ, זיכ אָנגעכאפּט פארנ הארצנ.

— נע זשורים, סטארא.

די אלטע פויערטע האָט ניט פארשטאנענ, פארוואָס דער מאנ איערער איז אזוי אופגעלייגט.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומענ, בלײַב מיט מיר. כריסטיא איז ניטאָ, פאווליק איז פארשווּנדנ. קודי פידעש? ארומ זײַנענ די דײַטשנ.

קוזמא שפּײַט אראָפּ פונ דער ליפּ א לאנג איבערגעטליעט שטיקל פונ א ציגאר, שטעלט אוועק דעמ אווטאָמאט אינ א ווינקל, לייגט אוועק זײַנע האמעטנע קאָרענע הענט אפ דער אלטערס אקסל אונ פּרוווּט איר געבנ צו פארשטיינ.

— צי געדענקסט זי, — קוקט ער איר אינ די אויגנ, — ווענ אינ אכצנטנ יאָר זײַנענ געווענ די דײַטשנ?

— זי געדענקט, — שאָקלט די אלטע מיטנ קאָפּ.

— צי געדענקסט זי, — קוקט אלצ קוזמא דעמ ווײַב אינ די אויגנ, — ווי אינ איינעמ א שיינעמ טאָג האָבנ די דײַטשנ געשמיסנ עטלעכע פויערימ פונ זייער דערפל אונ דעמ ברודער זײַנעמ מיקיטע?

— זי געדענקט, — שאָקלט די אלטע ווידער מיטנ קאָפּ.

— צי געדענקסט זי, — קוקט אלצ קוזמא דעמ ווײַב אינ די אויגנ, — וויאזוי מיקיטע האָט א געשריי געטאָנ: „שלעגנ, איכ וועל שטארבנ, נאָר איכ וועל זיכ אײַכ ניט אונטערגעבנ!“

— זי גערעכט, — זאָגט די אלטע.

— און דערפאר, וואָס דו דארפסט וווינען אין א פרעמדער כאַטע און טראָגן אפן לײַב א פרעמד העמד, און איך דארף זיך וואַלגערן ווי א כײַע אין די וועלדער? איך קאָן עס שוין מער ניט איבערטראָגן! — שרײַט ער מער צו זיך אליין, איידער צו דער אלטער.

— יאָ, אָבער פארוואָס איז קוזמא אזוי צערייצט טאקע ווי א ווילדע כײַע?

קוזמא האָט ווידער ארומגענומען די אלטיטשקע זײַנע, זי צוגעדריקט צום הארצן מיט אזא פײַערלעכקײַט, גלײַך ער גייט פראָווען די גרעסטע סימכע אין לעבן. פון אונטער די שיטערע האָר אפן פאָנעם האָבן זײַנע באקן געפלאַמט.

— פארוואָס געזעגנסטו זיך אזוי? — פרעגט די אלטע, — צי דען גייסטו טאקע שטארבן?

— פארקערט! — קוזמא איז האָפעדיק. דאָס הארץ איז בא אים געווען אזוי איבערגעפולט, אז ער האָט געוואָלט דערפרייען אויך די אלטיטשקע.

צוריקוועגס שוין באַם ארויסגיין פון דאָרף, ווען קוזמא האָט געהאלטן אין פארקערעווען צו דער פארהוילענער וואלד־סטעזשקע, איז פון הינטער א קורגאן ארויסגעשפרונגען סטיאָפקע.

— אהיים גיי, צו דער מאמען! — איז קוזמא אין כאַס געוואָרן.

דאָס יינגל האָט ארומגעכאפט דעם אלטן קוזמא, פונקט אזוי ווי באנאכט אין וואלד די סאָסנע, און געזאָגט:

— הארגע מיך, קוזמא איוואניטש, איך וועל צוריק ניט גיין.

ס'איז געווען פארטאָג. מע האָט קאַם געקענט אונטערשיידן די קורגאנעס אין סטעפ. אין ווארעמען יאָלעב, אין קאָזשוך, וואָס סטיאָפקע האָט געקריגן אין דער היים, האָט ער זיך איצטער געהויקערט און אויסגעזען א ביסל דערשלאָגן. קוזמא האָט אים צוגעצויגן צו זיך, ארײַנגעקוקט אין דארן פנעמל.

— עך, דו קאנאריקל, איבער דיר וועט מיר דער קאָמאנדיר דעם קאָפ אראָפנעמען. — און דער אלטער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, — אזא אקשן, נו, קום שוין, אַן עק!

סטיאָפקע האָט דעם אלטן א הארציקן קוש געטאָן, און זיי האָבן זיך ביידע שנעל געלאָזט צוריק צום וואלד.

אפדערנאכט האָט דער אָטריאַד זיך געלאָזט מיט דעם טליִענדיקן וואלד אין דער ריכטונג צו דער אײַזנבאן. די פינצטערניש האָט אײַנגעהילט די עטלעכע צענדליק פארטיזאנער, וואָס זײַנען געגאנגען אפ דער אָפעראציע. פאָרויס האָט געשפאנט קראַמער. א רויך האָט געשלאָגן פון די פניאָקעס, פון די ניט־דערברענטע צווײַגן און שישקעס און געשטיקט און געריסן אין האלדז. דערפון האָט זיך געפילט א ביטערקײַט אין מויל. שטילערהייט האָט מען אָפגעשפיגן די שפײַעכץ, וואָס האָט געבריט דעם גומען און די צונג. ווו־ניט־ווו האָט זיך צו די אויערן דערטראָגן א פארשפעטיקט קנאקן פון טליִענדיקער קאָרע אפ די שטאמען פון די בערעזעס.

די פּײַכטקײַט האָט דורכגעדרונגענ אינ די בײנער, דאָס אָנטאָג דורכגענעצט, זיכ געלײגט אפ די לונגענ, פּאַרשװעריקט דאָס אָטעמענ אונ, דורכגענומענ מיטנ רויכ, פּאַרטשאַדעט די קעפּ.

קוזמא איז געלעגנ לעמ פּרויִמ שקליאַר ניט װײַט פונעמ אײַזנבאַנ-אָנשיט, אײנס צומ אנדערנ האָבנ זײ זיכ געטוליעט אונ זיכ געװאַרעמט מיט דעמ אײגענעמ אָטעמ. שקליאַרנ האָט זיכ אויסגעדאַכט, אז דער אַלטער האָט אײַנגעדרעמלט, האָט ער אימ א טאָרע געטאָנ. קוזמא האָט זיכ אופגעכאַפּט:

— שוינ? ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ?

— ליג רויִק.

אינ א װײַלע ארומ:

— קוזמא, דו געדענקסט מײַנ כאַנקע?

— װאָס זשע, איכ געדענק ניט דאָס שװאַרצע זשוקל? א ספּרימנע. װו איז זי איצטער?

— איכ זאָל װיסנ? — טוט א זיפצ פּרויִמ שקליאַר, — געװענ אינ קיִעװ.

דער אַלטער װיל ארויסנעמענ פּאַרײַכערנ מאַכאָרקע, דערמאָנט זיכ, אז איצטער טאָר מענ ניט.

— אינ קיִעװ, זאָגסטו? אונ מײַנ כריסטיא איז אויכ אינ קיִעװ. דו געדענקסט זי?

— עפּעס געדענק איכ זי ניט.

— נו, יאָ, שוינ לאַנג האָט מענ זי אװעקגעפירט קײנ קיִעװ די גאַנצע צײַט ניט געשריבנ.

א פּאַוזע.

— אונ מײַנע האָט דאַפּקע יאָ געשריבנ.

שפּעטער א ביסל:

— קוזמא, דו קאָנסט דאָכ אמאָל טרעפנ. װי מײנסטו, מײַנ מײדל לעבט?

— טשורני, — צעשמײכלט זיכ קוזמא, נעמט אָנ שקליאַרנ פּאַרנ אקסל אונ ציט אימ צו זיכ: — טשורני טי, פּרויִמ.

װאַניע מאַזורענקאָ האָט זיכ ארופגעדראַפּעט אפנ אָנשיט פונ דער אײַזנבאַנ, װו ס'איז מיטנ רוקנ צו אימ געשטאַנענ א דײַטשישער סאָלדאַט. דער גװאַר מאַזורענקאָ איז פּאַרגאַנגענ הינטער-ארומ, מיט די הענט פּאַרמאַכט אימ דאָס מויל, אונ מיט דער גאַנצער קראַפּט צוזאַמענ מיטנ סאָלדאַט זיכ אראָפּגעקײַקלט אונטנ. קײַקלענדיק זיכ איבערנ שיפּוי, האָט מאַזורענקאָ ארײַנגערוקט דעמ דײַטש א מעסער אינ הארצנ. ס'איז געװענ אויסגערעכנט פּאָרויס. פונ אומדערװאַרטקײַט אונ דערשרעק האָט דער דײַטש אפילע קײנ פּיפּס ניט געטאָנ.

אָפּגעפּאַרטיקט זיכ מיטנ דײַטש, האָט מאַזורענקאָ אימ פּאַרשלעפּט אינ באַהעלטעניש צװישנ די קוסטעס, װו קוזמא אונ פּרויִמ זײַנענ געלעגנ.

— נא, באַגראָב אימ, — האָט מאַזורענקאָ א זאָג געטאָנ.

פּרויִמ האָט גלײַכ געװאָלט נעמענ עס טאָנ, אָבער קוזמא האָט דערהוידערט.

— זאָל ער בעסער פוילנ אונ הינט זאָלנ זײַנ לײַב רײַסנ.

מאזורענקאָ מוט אוימ דעמ דײַטש און שלעפּט אָפּ זיכ אַרופּ זײַנ אָנטאָנ. ס'איז אַ ביסל שמײַדיק אָפּ אימ.

— באַהאַלט ערגעצ דעמ דײַטש, ער זאָל מיכ ניט שרעקנ, — ווײַצלט זיכ מאזורענקאָ.

— ער האָט שוינ אַ מאַכט! — איז צופרידנ דער אַלטער.

איבערגעטאָנ זיכ און אָוועקגעשלײַדערט דעמ פײַגער אינ אַ זײַט, האָט דער יונג זיכ ווידער געלאָזט צומ אָנשיט. מע רעדט אָפּ, אַז קוזמאַ מיט שקליאַרנ בלײַבנ דאָ, און אויב עפּעס־וואָס, זאָלנ זיי בײַדע גוט נאָכשפּירנ פונדערווײַטנס.

איבערגעטאָנענערהייט האָט מאזורענקאָ אַוועקגעשפּאַנט דרייסטער און זיכערער, ניט באַהאַלטנדיק זיכ. קוזמאַ און שקליאַרנ האָט זיכ געדאַכט, אַז אָקאָרשט איז פונ זיי אַוועק ניט וואַניע מאזורענקאָ, דער באַרקאָווער שלאָסער־יונג, נאָר עפּעס אַ פרעמדער דײַטש, אַזוי האָט זיכ דער יונג געענדערט אינ גאַנג, אינ שטאַלט און אַפילע אינ וווּקס. אַלנפאַלס, אַזוי האָט זיכ זיי בײדנ אויסגעדאַכט. די אַקסל זײַנענ בײַ אימ אַרופגעצויגנ געוואָרנ, און בײַ דער לעוואָנע־שײַנ איז דער אַוו־טאָמאַט ווי אַרײַנגעוואַקסנ אינ אַקסל און פונ דאָרטנ אַרויסגעקוקט ווי אַ האָרנ.

קוזמאַ האָט זיכ אָנגעבויגנ צומ דײַטש און צווישנ די ציינ אַרויס־געשיפּעט:

— פאַרוואָס ביסטו שוינ טויט, איכ וואָלט דיכ נאָכאַמאָל געטויט.

פונעמ אָנשיט האָבנ זיכ אָפּגעטיילט צוויי פיגורנ און זיכ געלאָזנ אינ דער ריכטונג, וווּ קוזמאַ און שקליאַר זײַנענ געלעגנ באַהאַלטנ. שקליאַר האָט אָנגעשטעלט זײַנ אַווטאָמאַט. קוזמאַ האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אָפּ שקליאַרס אַווטאָמאַט: „וואַרט“. און כאָטש זיי האָבנ בײדע געקלערט, אַז דאָס פירט מאזורענקאָ עמעצנ, האָבנ זיי ניט אויפ־געהערט צו זײַנ אָנגעשטרענגט. איצטער איז שווער געווענ צו אונ־טערשיידנ, וואָס פאַראַ פיגורנ דאָס זײַנענ. ס'איז ניט מאזורענקאָ — דאָס זײַנענ צוויי עמעסע דײַטשנ. די פיגורנ דערנענטערנ זיכ. שקליאַר און קוזמאַ האָבנ נאָכ אַלצ ניט געקאָנט כאַפּנ, צי איינער פירט דעמ צווייטנ, צי בײדע זײַנענ שאָלעמ צווישנ זיכ. אָט שטעלט זיכ איינער אָפּ. דער צווייטער — ניט. באַמ אַלטנ און בײַ שקליאַרנ טיאָכקענ די הערצער. זיי טוליענ זיכ האַרטער צו דער ערד און שטרענגענ אָנ דעמ געהער. דער צווייטער דײַטש שטעלט זיכ אָפּ. ס'ווערט קלאָר, אַז דער ערשטער, דער פאָדערשטער, ווערט געפירט פונעמ צווייטנ. קוזמאַ ווערט רויִקער, ער שטעלט זיכ אויפ צו באַגעגענענ זיי. שקליאַר האָט זיכ אַ ריס געטאָנ פונעמ אָרט. זיי דערזעענ: דער ערשטער דײַטש איז אָנ געווער און בײדע הענט זײַנע — אויפגעהויבנ. מאזורענקאָ גיט אַ געשריי:

— נעמט אופ דעמ גאַסט!

קוזמאַ בעספאַלקאָ האָט צוגעשטעלט דעמ אַווטאָמאַט צומ בויכ און געוואָלט גלײַכ „אויפנעמענ דעמ גאַסט“. מאזורענקאָ האָט אימ באַצײַטנס אָפּגעשטעלט.

— וואַרט. ניט צוליב דעמ האָב איכ צוגעהאָרעוועט.

אינגיכנ זײַנענ די פארטיזאַנער געזעסנ אינ אײנעם פונ זײערע ערד=שטיבלעך, אונ קראַמער האָט גענומענ אפנ פאַרהער דעם געפאַנגענעם.

דאָס איז געװענ א יעפרײטאָר, א יונגער פאַרשױיג מיט א װײַס מילכיק פּאָנעם, די אױגנ — פונ יאַמ=קאָליר. מאַזורענקאָ האָט אים געפאַקט, גלײַך װי ער האָט זיך אומגעקערט פונ צעשטעלנ די פּאָסטנ. ערשט איצט בא דער שײַנ פונעמ היפשנ קאַנעצל אינעמ ערד=שטיבל האָט דער דײַטשישער יעפרײטאָר זיך צוגעקוקט צו דעמ איבערגעטאָגענעמ דײַטש — צומ ברײטפּלײציקנ מאַזורענקאָ, װאָס האָט אים געפאַנגענ. דעמ דײַטשס יאַמ=קאָלירענע אױגנ האָבנ זיך געמינעט. אָט װערנ זײ גרינגבלעך, דערנאָך טינקעלער. װאָס מער ער קוקט זיך אײַנ אינ מאַזורענקאָ, אַלצ טיפער, אָפּאָנעמ, באַנעמט ער דעמ אומגליק, װאָס האָט אים געטראָפנ. דעמ קאָפּ זײַנעמ ציט ער אינ די אַקסל פונ דערשרעק, װאָס װאַקסט אונ דריקט אפ אים.

קראַמער װיל זיך דערװיסנ באַמ געפאַנגענעמ, װענ אַנ ערעך דאַרפנ פאַרבײַגײנ די עשעלאָנענ מיט די טאַנקענ אונ געװער אונ װיפל מאָטאָציקליסטנ זײַנענ פאַראַנ אינ זײער טײל. אָנשטאָט צו ענטפערנ, האָט דער דײַטש זיך אַראָפּגעלאָזט אפ די קני, אָנגעכאַפּט מיט ציטערדיקע הענט קראַמערס פיס, צוגעפאַלנ מיט די ליפּנ אונ געקושט אים די שטיװל.

— לאָזט מיך לעבנ! — האָט זיך באַמ יונגנ דײַטש פאַרקרימט זײַנ בלאַס מילכיק פּאָנעמ. א שױמ איז אים אַרױסגעטראָטנ אינ די מױל=װינקלענ.

— איך בינ א טאָקער, — האָט ער שװער אַרױסגעאָטעמט, — פונעמ האַמבורגער האַפנ.

— װאָס, װאָס זאָגט ער? — האָט מענ געפרעגט פונ אַלע זײַטנ.

— א טאָקער איז ער, פונ האַמבורג, — דערקלערט קראַמער.

דער דײַטש האָט פּלוצעמ אַרױסגעשלעפּט פונ קעשענע א פּאַפּירל אונ דערלאַנגט עס מיט אַנ אופגעלױכטענעמ בליק. קראַמער צענעמט דאָס פּאַפּירל. דאָס איז געװענ א פלוגבלעטל, װאָס דער אָטריאַד אינ נאָמענ פונ טאַראַס שעװטשענקאָ האָט אָפּגעדרוקט. א בלעטל, װאָס מע פאַרשפּרײט צװישנ דער באַפעלקערונג. דער דײַטש קוקט אַלעמענ אינ די אױגנ אונ מורמלט:

— טאַראַס שעװטשענקאָ — אונ װײַזט אפ זיך אונ אפ אַלע אַרומיקע, אַז ער איז מיט זײ. א סימענ, דאָס בלעטל האָט ער געהאַלטנ נאָענט צומ האַרצנ. — אָט דאָ=אָ... — ער טיטשעט זיך אינ ברוסט.

— א ליגנער, — שאָקלט קוזמא מיטנ קאָפּ, — א הײליקער מאַלעך, א טאָקער. — אונ סע פרעסנ זיך צונױפ בא אים די פױסטנ. מיט דער ברוסט שפּאַרט ער זיך צו צומ געפאַנגענעמ. — דערלױב מיר, כאַװער קאָמאַנדיר, װעל איך אים א ביסל אָפּשלײַפנ, דעמ טאָקער.

— װאַרט, װאַרט, קוזמא!

אונ קראַמער דערפרעגט זיך װידער באַמ דײַטש, װענ דאַרפנ דורכגײנ די עשעלאָנענ.

— יעדן טאָג, — שרײַט ער אויס, — יעדן טאָג! נעכטן זײַנען גע־גאַנגען און מאָרגן וועלן גייַן. — סע וואַרפט מיט אים ווי אין א קאַ־דאַכעס. מיט איבערגעשראָקענע אויגן און שוימיקע ליפּן ווענדט ער זיך אַלע מאָל צו אַן אַנדערן.

— דו, — האָט קוזמא ניט אויסגעהאַלטן, — אַפילע שטאַרבן ווי א מענטש קענסטו ניט.

מאַזורענקאָ באַזוכט דעם דײַטש און געפינט בײַ אים א בריוו. קראַ־מער צעוויקלט אים. אָפּ א ראָזעווע פּאַפּיר געשריבן, אין א שיינעם דיקן קאָנווערט. דער דײַטש ציטערט, ווען ער זעט, ווי קראַמער לייענט זיך איבער אין זײַן בריוו. וואָס מער קראַמער לייענט, ווערט ער בלאַ־סער, די האַנט ציט זיך בײַ אים צום רעוואָלווער. אַלע קוקן אָנגע־שטרענגט און אומגעדולדיק אָפּ זייער קאָמאַנדיר. קראַמער כאַפּט אי־בער דעם אָטעם.

— אָט א פּאַדליוגאַ!

— נו, דערציייל שוין גיכער, צי ניט די קליי פון די אָדערן.

קראַמער זעצט איבער דעם בריוו קימאַט וואָרט אין וואָרט:

„ליבהאַרציקע עלזא,

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט, צי האָסטו באַקומען די כראָמעווע פּאָר שטיוועלעך און די שאַוראָווע טופלקעס? איך האָב אויסגעפילט דײַן פאַרלאַנג: אייך פּאָר אַראָפּגענומענע פון א שוויין אַן אוקראַאינערין און די צווייטע פון א פאַרפלוכטער יודינ. האָסט גע־דאַרפט זען, ווי זיי האָבן זיך געוואָרפן צו מײַנע פיס. איך האָב זיי אוועקגעשיקט צו דײַן מומע בערטע אָפּ יענער וועלט. און דאָס פּאַקל געפעלט דיר? דאָס האָב איך אויך געקריגן בײַ איינער, וואָס געפינט זיך שוין לאַנג דאָרטן, וווּ דײַן פעטער ווילי טוט גאָט בעטן"...

מער האָט מען קראַמערן ניט געלאָזט לייענען. אין ערד־שטיבל האָט זיך אויפגעהויבן א גערודער. ס'האָט זיך גענומען לעשן דאָס קאַ־נעצל. מער פון אַלעמען איז דאָס מאָל געווען אויפגערעגט דער שטי־לער בוכהאַלטער פּרויזמ שקליאַר. ער האָט געביסן די ליפּן, ווי ער טוט עס בייסן שיסן. ער איז דאָס מאָל אַרויס פון די קיילים.

— כאַווער קראַמער, כאַוויירים פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד טאַראַס שעווטשענקאָ! טוט מיר אָן דעם קאָוועד, איך זאָל מיט מײַנע אייגענע ציין אים איבערהריזשען דעם גאָרגל. — און פון קאַס האָט ער א שטויס געטאָן דעם „טאָקער פון האַמבורג" מיט א פוס.

דער דײַטש איז געשטאַנען צעפּלעטשט — מע האָט אים געכאַפּט בײַ דער האַנט.

— שטאַרקער, שקליאַר! — דערהערט זיך קוזמאַס שטים.

קראַמער האָט צוריקגעהאַלטן שקליאַרן, וואָס האָט זיך ערשט פאַר־מאָסטן.

— שטיי, מיר וועלן באַשליסן.

דאַן האָט שקליאַר אויסגעגלײַכט די אַקסל, אַרויסגעשטעלט פאָרויס זײַן אײַנגעפאַלענע ברוסט, זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן ערד־שטיבל און מיט געבעט־אויגן געקוקט אָפּן קאָמאַנדיר.

מאַזורענקאָ רופט זיך אָן:

— כאָטש ס'איז מײנ פײגער, אָבער שקליארנ קומט הײנט. ער איז בילכער.

פונ א ווינקל דערהערט זיכ א באַרויערנדיקער קרעכצ:

— ע-ע, פּרויקא, פּרויקא, אינײנעמ מיט דיר געלעגנ אונטערנ פּניאָק אונ אויסגעקוקט די אויגנ. נו, דאָברע!

מיט א מאַכ מיט דער האַנט איז קראַמער אײנגעגאַנגענ דערופּ, אז שקליאר זאָל אוועקפירנ דעמ דײטש.

מישע האָט פּאַנאַנדערגעטײלט דעמ אָטריאַד אפּ צװײ גרופּעס. באַמ אָנשיט זײנענ געבליבנ מאַזורענקאָ מיט פיר פּאַרטיזאַנער, אונ מישע בעראָש פונ א צווײטער גרופּע האָט זיכ געשטעלט אפּנ רעכטנ פלאַנג, פונוואַנענ מע האָט דערוואַרט די דײטשישע מאָטאָציקליסטנ.

...ניט ווײט פונעמ אָנשיט זײנענ געלעגנ פּאַרטיזאַנער אינ אומגעדולדיקער וואַרטעניש. ס'האָט שוינ שאַרױעט אפּ טאָג. פונעמ וואַלד האָט נאָכ ערטערווײז געשאָדעט אונ זיכ געקנוילט א ביטערער רויכ, וואָס האָט זיכ געצויגנ צומ אָנשיט. אינגיכנ האָט זיכ דערהערט א רעדער-געקלאַפּ. אינ דער פּאַרטאָגיקער שטילקײט האָט זיכ געדאַכט, אז דער ווײטער געברומ גײט ניט פונ דער זײט, נאָר פונ דער הײכ. דער געברומ האָט זיכ דערנעענטערט. לעמ מאַזורענקאָס פּאָסט האָט די רעלסנ שוינ דורכגענומענ א ציטער. מאַזורענקאָ קוקט זיכ ארומ אונ זעט גאָרניט. בײגט ער זיכ אָנ אונ גליטשט זיכ אראָפּ פונעמ אָנשיט צומ אָפּגעברענטנ וואַלד. עמעצער האָט אויסגעשאָסנ. מעגלעכ, מע האָט אימ באַמערקט. ס'איז שוינ געווענ שפּעט אָנצונעמענ עפּעס א באַשלוס. א לאָקאָמאָטיוו האָט געשלעפּט אנ אומגעהויער לאַנגע וואַגאָנענ-קײט. פיל וואַגאָנענ זײנענ געווענ איבערגעדעקט מיט גרויע ברעזענטנ, פונ אונטער וועלכע עס האָבנ ארויסגעקוקט ווי גרויסע העלפאַנד-נעזער די פּיסקעס פונ האַוביצעס. פאַרבײ שקליארס אויגנ האָבנ דורכגעפינקלט טאַנקענ. אָבער פאַרוואָס גײט נאָכ דער צוג רויִק אונ אומגעשטערט איבער די קאָלײעס? זאָל זײנ, אז מאַזורענקאָ האָט ניט באַוויזנ?

..אײנצײטיק האָט אופגעריסנ אינ דרײ ערטער. אינדערלופטנ זײנענ געפלויגנ צעמאַזיקטע וואַגאָנענ.

איצט האָבנ זיכ צערעדט די פּאַרטיזאַנישע אויטאָמאַטנ אונ קוילנוואַרפער. ווי אונטערגעזעגנע אונ אונטערגעהאַקטע זײנענ געפאַלנ די דײטשנ. ווי א גרויסע צעריסענע שלאַנג מיט צערודערטע געדערימ איז אונטערנ אָנשיט געלעגנ דער דײטשישער צוג. אלע רעגע אינ אנ אנדער אָרט איז ער אופגעשוואָלנ געוואָרנ אינ רויכ. לעמ אימ האָבנ זיכ באַוועגט דײטשנ, וועלכע האָבנ שוינ באַוויזנ צו קומענ צו-זיכ אונ אָנ א ציל געלאָפנ אינ וואַלד ארײנ. פונ דאָרטנ, האָבנ זײ גערעכנט, איז אפּ זײ געקומענ דער אומגליק. אינ פאַרגלײכ מיטנ גערויש פונ די אופרײסנ, האָט זײער שיסערײ זיכ געדאַכט ווי א קנאַקניסל-קלאַפּערײ — אזוי נישטיק אונ אומבאַהאָלפנ. צעשטעלט אינ פאַרשײדענע ערטער אונ גוט פאַרמאַסקירט, האָבנ די פּאַרטיזאַנער געענטפערט מיט א גערינגנ אײגמוטיקנ פײער, וואָס האָט צעזײט די דײטשנ.

אינ דעם געדרודער האָט מישע געוואָלט איבערגרופּירנ זײַנע מענטשנ אַזוי, אַז אַלע זאָלנ זיכ צוגרייטנ באַגעגענענ די דײַטשישע מאָטאָציקליסטנ, וועלכע האָבנ לויטנ כעזשבנ געזאָלט אָנקומענ פונעם רעכטנ פלאַנג. ער איז צוגעקראָכנ צום אײַזנבאַנ-אָנשיט, געפונענ קוזמאַ בעספּאַלקאָ אונ געהייסנ אַרויס פונ דער אָפּעראַציע. קוזמאַ איז אָבער אַזוי פאַרטיפט געווענ, אַז ער האָט ניט געהערט דעם באַפעל, ער שיסט ווײַטער אינ די דײַטשנ, וואָס לויפנ נאָכ פונ אײַזנבאַנ.

— סטיאָפּקע, שטאַרקער, שטאַרקער! — שרײַט דער אַלטער קוזמאַ.

קראַמער קוקט זיכ אַרומ אונ דערזעט, ווי סטיאָפּקע יאָגט זיכ נאָכ איינעמ אַנ אַנטלויפנדיקנ דײַטש.

— אָט אַ רועכ! — בייזערט זיכ קראַמער אָפ סטיאָפּקענ. ווי קומט ער אַהער? קוזמאַ האָט אימ דענ ניט אָפּגעפירט אַהיימ? אונ פאַר וואָס יאָגט ער זיכ נאָכ דעמ אַנטלויפנדיקנ דײַטש? דער באַפעל איז דאָכ געווענ אַנ אַנדערער. דער באַפעל איז געווענ: אופּרײַסנ דעמ צוג אונ אומקערנ זיכ צום אָטריאַד, וואָס גייט אַנטקעגנ די אָנקומענדיקע מאָטאָציקליסטנ...

נאָר סטיאָפּקע איז ניט דער איינציקער, וואָס האָט פאַרגעסנ דעמ באַפעל. אָט זעט קראַמער, ווי עס הייבנ זיכ אוף פונ זייערע באַהעלטענישנ אויכ די איבעריקע: שקליאַר, מאַזורענקאָ. אַפילע דער אַלטער קוזמאַ האָט זיכ שוינ אויכ צעיאָגט נאָכ די אַנטלויפנדיקע דײַטשנ... גיינ, טראַכט קראַמער, זיי געדענקענ שוינ איצט ניט קיינ זאַכ. זיי וועלנ זיכ שוינ ניט אומקערנ, ביז זיי וועלנ ניט מאַכנ אַ סאָפ מיט די אַנטלויפנדיקע דײַטשנ...

ער איז אופגעבראַכט, קראַמער. ער באַשליסט: זיי מוזנ אַלע באַשטראָפט ווערנ. אַלע פיר. אונ באַזונדערס מאַזורענקאָ. ווער-ווער, נאָר מאַזורענקאָ וואָלט געמעגט געדענקענ, אַז ס'איז דאָ אַ קלאָרער באַפעל..

אָבער וועגנ דעמ וועט קראַמער אַ רעד טאָנ מיט זיי שפּעטער. דערווײַל האַרפּ מענ אַכטונג געבנ אָפנ רעכטנ פלאַנג, וווּ מע ריכט זיכ פונ מינוט צו מינוט אָפ די דײַטשישע מאָטאָציקליסטנ. קראַמער וואַרפט אַ לעצטנ בליק אינ מאַזורענקאָס זײַט אונ לאָזט זיכ גיינ צוריק צו דער גרופּע, וואָס האַלט דעמ רעכטנ פלאַנג.

...דער אווטאָמאַט איז אַרויסגעפאַלנ פונ קוזמאַס האַנט, די אויגנ זײַנענ בײַ אימ דערצאָרנט, די האָר צעשאָטנ אָפנ שטערנ. קוזמאַ איז פאַרווונדעט אינ דער רעכטער האַנט. ער שטרעקט אויס די לינקע האַנט, ער וויל אופהייבנ דעמ אַרויסגעפאַלענעמ אווטאָמאַט, נאָר עמעצער טוט אימ שטאַרק אַ זעצ איבער דער אויסגעשטרעקטער האַנט. ער קוקט זיכ אומ אונ דערזעט: ער איז אַרומגערינגלט פונ עטלעכע דײַטשנ. לעמ זיי שקליאַר, מאַזורענקאָ אונ סטיאָפּקע. וואָס באַדײַט עס? קוזמאַ וויל צוגיינ צו סטיאָפּקענ, די דײַטשנ לאָזנ ניט. מע פירט זיי ערגעצ אַוועק. הייסט עס, „אַלצ פאַרפאַלנ“, קלערט קוזמאַ.

די שלאַכט גייט ווײַטער. קראַמער פירט אײַנגעשפּאַרט זײַנע יונגע אינ בייזער אונ ביטערער שלאַכט אונ טרײַבט די מאָטאָציקליסטנ אונ שפּאַרט זיי צומ טײַכל אונ טרײַבט זיי אינ טײַכל אַרײַנ,

דער ווינט האָט אוועקגעטראָגנ אינ פאַרטאָג אַפ מײַרעוו דעם אַש אונ דאָס אָפּגעברענטע פונעם וואַלד אונ פונעם אָפּגעריסענעם עשעלאָנ. ס'איז שווער געווענ צו דערקענענ די פאַרענדערטע פּנעמער פונ די שלאַכטלײַט. ס'איז שווער געווענ צו דערקענענ די שטילע קרומשטעס אונ די אָפּריסנ פונ די ווײַטע ברעגעס באַם טײַכל פונ יענער זײַט וואַלד.

אינ דעם אײַנגעשטילטנ יאָר נאָכ דער שלאַכט האָט געזאָטנ מיט בלוט.

קאַפּיטל זעכצנ

אָטריאַד „טאַראַס שעווטשענקאָ"

פונ זינט דער מאַיאָר פּאַנ-דעסעל האָט אַפ אַזאַ אויסטערלישנ אויפנ פאַרלוירנ דעם לײַטענאַנט פּריקע — זײַנ שטענדיקנ באַגלײַטער פאַר דער גאַנצער צײַט פונ מילכאָמע נאָכ פונ דער פּוילישער קאַמפּאַניע אָנ — איז ער געוואָרנ טרויעריק. די בײַזקײַט אונ אויפגערעגטקײַט זײַנע האָט געפילט ניט בלויז די אָרטיקע באַפעלקערונג, נאָר אַפילע זײַנע נאָענטע, אַלע די, וועלכע זײַנענ אימ געווענ אונטערגעוואָרפנ. אונטער זײַנע טיפע מיט גאַל דורכגעברענטע אויגנ האָבנ זיכ באַוויזנ בלאָוולעכע האַלבע רעדלעכ. דאָס איז געווענ אַ רעזולטאַט פונ דער שלאָפלאָזיקײַט, פונ וועלכער ער האָט גענומענ לײַדנ. באַם הויז, ווו ער האָט געוווינט, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרנ אַ דרײַפּאַכע וואַכ, אָבער פּאַנ-דעסעל האָט סײַווי מיט קיינ אויג ניט צוגעמאַכט. ער האָט אויסגענוצט די באַנאַכטנ אַפ שרײַבנ מעמוארנ. בריוו האָט ער ניט געוואָלט שרײַבנ, מע זאָל אינ דער היים ניט דערקענענ זײַנ געבראָכענע שטימונג.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרצייכענענ, איז געווענ דעם לײַטענאַנט פּריקעס טויט. אַזאַ טויט, אַזאַ ביזויענדיקנ טויט צוטראַכטנ פאַר אַ דײַטשישנ אָפיצער... ווענ ער וואָלט דערטאַפּט די בייזע הענט, וואָס האָבנ עס אָפּגעטאָנ, וואָלט ער, פּאַנ-דעסעל, צוגעקלערט אַזוינס, וואָס אַלע קעפּוגנגענ פונ אַלע צײַטנ, בײַ אַלע פעלקער וואָלטנ... פּאַנ-דעסעל קריצט אַזש מיט די ציינ פונ צאָרנ. צו די שלייפנ שלאָגט שטאַרקער דאָס בלוט.

הײַנט וועט ער זיכ אָפּקילנ דאָס האַרצ, דער דײַטשישער באַראָנ. די פינפ פאַרטיזאַנער, וועלכע מע האָט נעכטנ פאַרהאַלטנ ביים דער גרויסער שלאַכט אינ פּיאַטקער וואַלד, וועלנ באַלד אַרײַנגעפירט ווערנ, אונ ער אַליינ וועט פירנ דעם פאַרהער. מעגלעכ, אַז צווישנ זיי איז פאַראַנ יענער, וועלכער האָט דעם לײַטענאַנט פּריקע... אָ, יענער דאַרפ זײַנ אַ דרייסטער...

דער קאַבינעט פּאַנ-דעסעלס איז געווענ באַזונדער פּײַערלעכ אויפגעראַמט. אַקעגנ דער פירעקעכדיק-אָפּגעטעמפּטער מאָרדע פונעם פיורער היטלער, וועמעס אויסגעצוויטעטע פאַרמאָרעשכווירעדיקע אויגנ קוקנ

אַז זײַנע אײגענע אָפּגעהאקטע װאָנצעלעכ, איז געהאנגענ זײַנ, פּאָנ־דעסעלס, אײגענע פּאָטאָ. אפ דער דאָזיקער פּאָטאָ האָט פּאָנ־דעסעל אױכ אזױנע קורצע װאָנצעלעכ, װי זײַנ פּיורער. סע דאכט, קײנ טראָפּנ ליכט קאָנ ניט קומענ פונ די דאָזיקע פּאַרדאָרבענע פּענעמער, װעלכע זײַנענ שױנ אפ אײביק אָפּגעסאמט מיט אױסגעשפּיגענער גאל.

פּאָנ־דעסעל זיצט שױנ בא זיכ אינ קאבינעט. ער װארט, ער פּארײַ־בערט א גראָבנ ציגאר. בא דער זײַט שטײט א נײַער לײטענאנט אפ פּריקעס אָרט. פונ יענער זײַט טיר האָט מענ געהאלטנ, װי א הונט אפ דער קײט, דעם בורגאָמיסטער בארטשוק, טאָמער װעט ער צונוצ קומענ צוליב קאָנסולטאציע.

דעם ערשטנ האָט מענ ארײַנגעפירט קוזמא בעספּאלקאָ. די הענט איבערגעבונדנ מיט א שטיק פונ כריסטיעס צעריסנ קלײדל. די ברע־מענ אָנגערוקט איבער די אױגנ, װאָס ער האָט געהאלטנ צוערשט אראָפּגעלאָזט, דערנאָכ זײ אופגעהױבנ אונ מיט א קלאָרנ דרײסטנ קוק אָנגעצילט אינ מאיאָר. פּאָנ־דעסעל לאָזט ארױס קלײנע קנױלעכלעכ רױכ. װאָס אָנגעשטרענגטער קוזמא קוקט אפנ מאיאָר, אלץ מערער קנײַלעכלעכ רױכ פּליִענ פונ יענעמס מױל.

— פּארטיזאנ? — דערהערט זיכ א ביסל א צוגעשטיקט קאָל פּינ פּאָנ־דעסעלנ.

קוזמא שװײַגט.

— װיפל מענטשנ זײַט איר?

דער אלטער טוט א מאכ מיט דער געזונטער האנט:

— או־או, אזױפיל, װיפל שטערנ אינ הימל.

א פּאוזע.

די קנײַלעכלעכ רױכ האָבנ שױנ אופגעהערט ארױסצופליִענ פונעמ מאיאָרס מױל. ער לײגט אװעק דעם ציגאר אפנ אש־קעסטעלע, בײגט זיכ אָנ איבערנ טיש, פּארנײגנדיק דעם קאָפּ אינ א זײַט אונ פּרעגט:

— װי רופט מענ דיכ?

— טאראס שעװטשענקאָ. — טוט פּנײַערלעכ א קלונג קוזמאס שטימ.

דער מאיאָר הײסט ארײַנרופנ דעם בורגאָמיסטער.

— הער בורגאָמיסטער, װו האָבנ מיר מיט אײַכ געהערט װעגנ שעװטשענקאָ?

דער בורגאָמיסטער פּארנײגט זיכ אונ דערקלערט, אז דאָס איז דער נאָמענ פונעמ גרױסנ אוקראאינישנ פּאָעט.

— אהא, איכ געדענק, איכ װײס.

פּאָנ־דעסעל נעמט א צװײטנ ציגאר, שטעקט אימ ארײַנ צװישנ די צײנ, בײַסט אָפּ דעמ שפּיצ, שפּײַט אימ ארױס אונ פּארײכערט.

— װי, זאָגסטו, איז דײַנ נאָמענ?

— טאראס שעװטשענקאָ.

דער מאיאָר לאָזט װידער ארױס א קנױל רױכ אונ זאָגט אפּגיכ:

— איכ פּארשטײ, דו מײנסט, ביסט ענלעכ אפ יענעמ פּאָעט? אונ װיאזױ הײסט אײַער אָנפירער פונעמ אָטריאד?

קוזמא שװײַגט.

פאַנ־דרעסעל קאָנ זיכ האַלטנ אינ די הענט. ער וועט ניט ווײַזנ דעמ דאָזיקנ אַלטנ פויער, אַז ער ווערט אָנ דעמ גלײַכגעוויכט. געטאָנ עטלעכע פויקנ־קלעפּ מיט די פינגער איבערנ טיש, האָט ער בא זיכ באַשלאָסנ, אַז ער וועט אימ שפּעטער ווידער נעמענ אַפנ פאַרהער. דערווײַל גענוג.

מע האָט אַרײַנגעפירט מאַזורענקאָ. א הויכער, א גיבערדיקער, האָט ער צעשטעלט ביידע פיס ווי א שער. איינ אויג איז בא אימ געוועזנ אונטערגעשלאָגנ אונ פאַרלאָפנ. די בלאָנדע האָר צעפּאַטלט. א יונגער מענטש — טראַכט פאַנ־דרעסעל. אימ קאָנ מענ בייגנ.

— וויפל ביסטו אַלט?

— צוואַנציק.

— וויפל איז בא אײַכ פאַראַנ מענטשנ אינ אָטריאַד?

— מיליאָנענ, — פאַרטראַכט זיכ ניט מאַזורענקאָ אַפ קיינ איינ רעגע.

— ווו איז אײַער קאָמאַנדיר, קראַמער?

מאַזורענקאָ שווײַגט.

— וויאַזוי רופט מענ דיכ?

— טאַראַס שעווטשענקאָ.

פאַנ־דרעסעלנ האָט עס א ברי געטאָנ. ער האָט זיכ געכאַפּט פאַרנ רעוואָלווער. אָבער גיינ, ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ. דעמ יונגנס פּאָנעמ איז רויִק. זײַנע בלויע אויגנ באַהאַלטנ אינ זיכ א שטילקייט אונ א רויִקייט.

— וויאַזוי איז דײַנ נאָמענ אונ דײַנ פאַמיליע?

— טאַראַס שעווטשענקאָ.

די אונטערשטע ליפּ בא פאַנ־דרעסעלנ איז אַרײַנגעקראָכנ צווישנ די ציינ. אָט דער יונג איז אויכ שעווטשענקאָ? מיילע, יענער, דער אַלטער... אָבער דער... ווײַזט אויס, אַז אַלע געטער פונ מילכאָמע האָבנ זיכ הײַנט צונויפגערעדט קעגנ מאַיאָר פאַנ־דרעסעל. אָבער ער וועט איבערקלײַגנ אַלע בייזע געטער. ער באַפעלט: אַרויספירנ דעמ יונג אונ אַרײַנפירנ דעמ דריטנ.

דער דריטער — דער שטומערס זונ — סטיאָפּקע. דער אויסדרוק פונ זײַנ פּאָנעמ האָט געגעבנ האָפענונג דעמ דײַטש, אַז דאָס יינגל וועט אַלצ דערציילנ — אַנ אויסדרוק פונ א באַשיידענעמ אונ צוריקגעצויגענעמ יינגל. דער מאַיאָר האָט פונ א שופלאָד אַרויסגענומענ א שיינעמ שמעקנדיקנ ציגאַר אונ זיכ געווענדט צו אימ ווי צו א גרויסנ:

— איר רייכערט? — ביטע.

דאָס יינגל איז געשטאַנענ אומבאַוועגלעכ. מיט קיינ אויג קיינ פּינטל ניט געטאָנ. דער מאַיאָר האָט צומ יינגל א שמייכל געטאָנ אונ זיכ אומגעקוקט צומ לייטענאַנט, וואָס איז געזעסנ די גאַנצע צײַט בא דער זײַט אונ געשוויגנ, ביז אַהער האָט דער מאַיאָר צומ לייטענאַנט קיינ איינ קוק ניט געטאָנ. איצט, ווענ דער קאָמענדאַנט האָט א שמייכל געטאָנ, איז דער לייטענאַנט אויפגעשטאַנענ פונ אָרט. ער איז צוגעגאַנגענ צומ יינגל אונ אימ צוגעטראָגנ אַפ די ליפּנ פּונקט אַזאַ שמײַ־

בעלע. גלײַב ער װאָלט עס אַראָפּגענומען פֿון דעם שעפּס יעלידנע ליפּנ אַפּ זײַנע.

— װיפֿל זײַט איר אַלט? — פֿרעגט דער מאַיאָר.

— דרײַצנ יאָר, — זאָגט דאָס יינגל.

— מײַנ גאָט! — קנײטשט דער מאַיאָר מיט די אַקסל. — װענ איכ זאָל איצטער אַלט זײַנ דרײַצנ יאָר, װאָלט איכ... אַ, װאָס זאָגט װעגנ דעם דער הער לײטענאַנט?

דער הער לײטענאַנט װאַרעמט נאָכ אָפּ די ליפּנ דאָס זעלביקע שמײכעלע, װאָס ער האָט פֿריִער איבערגענומענ באַם מאַיאָר, אונ שאָקלט צו מיטנ קאָפּ.

פֿאָנ־דעסעל נעמט אַרױס פֿונ שופֿלאָד אַ גרױסע פֿליטקע שאָקאָלאַד אונ שטרעקט זי אױס צום יינגל. דאָס יינגל האָט דעם שאָקאָלאַד ניט גענומענ. דאַנ רוקט צו פֿאָנ־דעסעל אַ בענקל צום טיש, נעמט אָנ דאָס יינגל בײַ די אַקסל אונ זעצט אים אַנידער דערױפֿ. דאָס יינגל שפּאַרט אונטער די באַק מיט דער האַנט אונ בלײַבט אַזױ זיצנ לעמ טיש, קוקנדיק אינ די אױגנ דעם מאַיאָר. פֿאָנ־דעסעל פֿרעגט:

— איר זײַט אַנ אוקראַינער?

— יאָ.

— אײַער נאָמענ אונ פֿאַמיליע.

— מאַראַס שעװטשענקאָ, — דערהערט זיכ אַ לױטערע שטימ.

די פּענ באַם מאַיאָר איז אַרױסגעפֿאַלנ פֿונ דער האַנט. ער האָט אױסגעקערעװעט דעם קאָפּ צום לײטענאַנט, אופֿגעזאָטנ רעציכעדיק אונ זיכ איבערגעבױגנ איבערנ טיש אונ... ער האָט שױנ פֿאַרשפּאַרט עפּעס צו טאָנ. פֿונעם לײטענאַנטס האַנט איז דאָס יינגל אומגעפֿאַלנ אַפּנ דיל. צװײ סאָלדאַטנ האָבנ אים אַרױסגעטראָגנ פֿונעם קאַבינעט.

אינ צװײ מינוט אַרום איז לעמ טיש געשטאַנענ פֿרױקע שקליאַר.

— ייִדע? — האָט פֿאָנ־דעסעל געפֿרעגט.

שקליאַר שװײַגט. אַ האַלב־נאַקעטער אינ אַ צעבלוטיקט העמדל, אַריבערגעלאָזט איבער די װאַרעמע הױזנ, אָנ די ברילנ, פֿאַרװאַקסנ, איז שקליאַר געשטאַנענ מיט אַ פֿאַרהױבענעם קאָפּ. די ליפּנ פֿאַרביסנ אונ די צײנ פֿאַרפּרעסט, גלײַב ער גרײט זיכ שיסנ.

— װעסט רײדנ? — האָט דאָס מאָל שױנ דער לײטענאַנט געפֿרעגט.

שקליאַר שװײַגט.

— דו האָסט אופֿגעהאַנגענ דעם לײטענאַנט פֿריקע?

שקליאַר שװײַגט.

דער מאַיאָר צילט אָנ דעם רעװאָלװער שקליאַרנ פֿונקט צװישנ די אױגנ.

גאַריװקע האָט זיכ אָפּ אַ רגע אופֿגעבלעטערט אינ מױעכ: כאַנקע איז אַ קלײנינקע, קריכט צו אים אָפּ די הענט. ער טראָגט זי אַרױס אינ דרױסנ אָפּ דער זונ. זי ציט זיכ צו דער זונ מיט די הענטלעכ אונ שרײַט: טאַטע, פֿיר מיכ צום בערגל, װעט זײַנ נעענטער צו דער זונ. ער האָט געלאַכט: אַזאַ קלײנינקע אונ זאָגט אַזױנס. אונ זי האָט אים געצױגנ אונ געצױגנ אַהינ. אונ װוּ איז איצטער כאַנקע? אונ דאָס װײַב אונ זעלדעלע...

— װעסט רײדנ? — מוט א בױער דעמ מויעכ א פרעמדע פױנלעכע שטימ.

גײנ, ער װעט ניט רײדנ. װידער בױערט די שטימ:

— יודע, װי איז דײנ נאָמענ אונ דײנ פאמיליע?

— טאראס שעװטשענקאָ.

דער לײטענאנט האָט אויסגעשאָסנ אינ סטעליע.

— הער לײטענאנט, — אונ פאָנ־דעסעל איז װײס װי קרײד. — פירט אימ ארויס פונ מיר גיכער!

געבליבנ אלײנ מיטנ לײטענאנט, האָט ער צװישנ די צײנ ארויסגעשיפעט, װי א שלאַנג:

— צעשיסנ איז װײניק! מײנ גאָט, אזא אקשאָנעס! — אונ מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער ארײנגעשטעלט א ציגאר אינ מויל.

...װער איז געװענ דער פינפטער? אויכ אזעלכער, װי די פיר. אנ אלטער פויער מיט גראָװע האָר. א הויכער, א גלײכער, האָט ער שטאָלצ פארהויבנ דעמ קאָפ צומ הימל.

מע האָט זײ אלע געהאנגענ אפ דער טליע, װאָס איז געשטאנענ קעגנ פאָנ־דעסעלס װוינונג.

ס׳איז ארויס די געלע הארבסטיקע זונ אונ האָט באלויכטנ די פינפ, װאָס קײנער האָט זײ ניט באזיגט, אפילע דער טויט...

קאפיטל זיבעצנ

אינ א כוטאָר־שטיבל

אפנ ערדענעמ דיל איז געלעגנ פארװיקלט אינ שינעל באנקע שקליאר. דער װײטעק אינ דער זײט איז א ביסל אײנגעשטילט געװאָרנ. אָבער זי האָט זיכ נאָכ ניט געקענט באװעגנ. זי האָט זיכ אלײנ איבערגעבונדנ אונ זיכ קאמ דערשלעפט אהערצו, אינ דעמ פארװאָרפענעמ כוטאָר, װוּ סע שמעקט מיט פוסטקײט אונ שטילקײט. װיפל זי ליגט שוינ דאָ איז איר זיכ שװער צו דערמאָנענ. דער מויעכ איז אזוי פארטשאדעט, אז אלע מאָל, װענ זי האָט געפרוּװט אופעפענענ די אויגנ, מישט זיכ אינ קאָפּ. אינ מויל איז ביטער, װי זי זאָל קײענ די גאנצע צײט פאָלינ. אינ יענע מינוטנ, װענ ס׳װערט לויטערער דער באװוּסטזײנ, געדענקט זי:

„...זײער טײל איז געבליבנ אינ הינטערלאנד פונעמ דײטש. א פינצטערע נאכט. אָנ שטערנ אונ אָנ א הימל. פונדערװײטנס בילנ דעמ סוינעס הארמאטנ. זײ שיסנ סטאמ אינ דער נאכט ארײנ. אינ זײער סאנטײל זײנענ געלעגנ נײנ רויטארמײער. זי מיט יורי קאשארנ זײנענ געבליבנ מיט די נײנ שטארבנדיקע רויטארמײער. די פלאטקע זײערע שטײט באמ ראנד פונ א װעלדל. ס׳טרײסלט זי פונ דער אומגעהײערער קאנאָנאדע. באטאָג האָבנ זײ פארלוירנ דעמ פרײלעכנ גוטמוטיקנ דאָקטער. אינ די שװערסטע מינוטנ פונ ארומרינגלונג פלעגט ער טײנענ, אז מע װעט זיכ דורכרײסנ אונ מע װעט נאָכ ארײנ די

ערשטע צוריק קיינ קיִעוו — ער האָט געוואָלט טרייסטנ די צוויי איבערגעבליבענע פעלדשערס כאנקע שקליאר אונ יורי קאָשארג אונ באַזונדערס די נײַנ שטאַרבנדיקע רויטאַרמייער. לעבנ דאָקטער האָט געפּלאַצט א דײַטשישע מינע אונ האָט אימ צעריסנ אפ שטיקלעכ. מע האָט אפילע ניט געקאָנט געפינענ זײַנ געבײנ. דער טויט איז נאָכגעלאָפנ פוס=טריט זייער טייל. ווּ מע האָט זיכ ניט א קערעווע געטאָנ — דײַטשנ, אזוי ווי מערעשקעס באַ די וואָרצלענ פונ ביימער — אָנ א שיר. גרינע מונדירנ מיט שוואַרצע אווטאָמאַטנ רוקנ זיכ אלצ פאָרויס. צופוס אונ אפ גרויזאַמע טאַנקענ.

די נײַנ רויטאַרמייער בעטנ בלויז טרינקענ. עסנ פאָדערנ זיי ניט. ווּ נעמט מענ וואַסער? ארומ אונ ארומ — וואַלד אונ סטעפּ, קיינ טײַכל ניטאָ, קיינ ברונעמ ניטאָ. כאנקע שיקט יורינ נאָכ וואַסער. „ווּהינ?" פרעגט ער זי מיט די אויגנ. צי וועט ער זיכ צוריק אומקערנ? אָבער מע מוז. „זיי שטאַרבנ", ווײַזט כאנקע אפ די רויטאַרמייער. פאַר די אָנדערהאַלבנ כאַדאָשימ צײַט האָט זי איבערגעבונדנ ניט איינ פאַרווונדעטנ, אָבער מיט אָט די נײַנ, מיט וועלכע זייער סאַנ=טייל שטייט שוינ עטלעכע מעסלעס אפ דעמ זעלביקנ אָרט, וואָס טוט מענ מיט זיי?

— אפ וואָס וואַרטנ מיר, כאנקע? — זאָגט קאָשאַר. — מע דאַרפ זיכ לאָזנ, ווּהינ די אויגנ טראָגנ.

ניינ, זי וועט ניט איבערלאָזנ די פאַרווונדעטע רויטאַרמייער. צוזאַמענ מיט זיי... ביז דער לעצטער רעגע.

אָבער ס'איז נאַריש שטאַרבנ אזוי, מע דאַרפ זיכ דורכשלאָגנ. זיי, די רויטאַרמייער, איז שוינ אַלצייַנס. מע דאַרפ זיכ ראַטעווענ. מע טאָר ניט אזוי. דער דײַטש וועט אלעמענ פאַרכאַפּנ אונ איזדיעקעווענ זיכ.

— כאנקע, — בעט זיכ יורי.

כאנקע פאַרשטייט, אז ער איז גערעכט. דאָכ — ניינ, זי וועט ניט איבערלאָזנ די פאַרווונדעטע. קאָשאַר נעמט עטלעכע גראַנאַטעס אונ מיט פלאַמענדיקע אויגנ זאָגט ער, אז ער וועט זיכ דורכרײַסנ אונ ברענגענ הילפ אונ ברענגענ וואַסער, זאָל כאנקע זײַנ רויִק. „כאַווייִרימ, — שעפּטשעט צו די רויטאַרמייער קאָשאַר, — האַלט זיכ, וואַרט, שטאַרבט ניט, איכ וועל אײַכ ברענגענ הילפ. איכ וועל..." די רויטאַרמייער הערנ שוינ ניט. ס'פאַרמאַכנ זיכ באַ זיי די אויגנ. קאָשאַר טאַפּט באַ אייניקע דעמ דייפעק. ניטאָ שוינ קיינ דייפעק. „נאַ, זע, — ווינקט ער צו כאנקענ, — דרײַ זײַנענ שוינ געשטאָרבנ, נאָר די איבעריקע זעקס אָטעמענ נאָכ".

ס'איז א פינצטערע נאַכט ארומ אונ ארומ. ווי קומענ אַהער אזעלכע שווידערלעכע נעכט? ניט ווײַט פונ קיִעוו — אזעלכע וועלפישע נעכט. מעשוגע צו ווערנ! איינער א רויטאַרמייער האָט זיכ אויפגעהויבנ אפנ טראָג=בעטל אונ געשריגנ פונ היצ מיט אנ אומענטשלעכ פאַרענדערט קאָל. כאנקע באַרויִקט אימ אונ וויל אימ פאַרמאַכנ דאָס מויל מיט דער האַנט, סע קאָנ נאָכ אַהערצו אָנקומענ דער סוינע, וואָס לויערט דאָ אפ שריט אונ טריט. דאָס שרײַענ פונעמ רויטאַרמייער שפּאַלט

די פּאַלאַטקע־ווענטלעכ און פליט ארויס אינ דער נאכט און קייקלט זיכ אינ מעשונעדיקע ווירערקאָלנ. ווידער שיסערייַ. אפילע באנאכט הערט עס ניט אופ. יורי וויל זיכ לאָזנ גיינ. עפשער וואסער, עפשער הילפ. אָבער כאנקע לאָזט אימ ניט. זי מיינט, אז יורי וויל אזויארומ זיי פארלאָזנ. זי זאָגט עס אימ. ער צינדט זיכ אָנ פונ באליידיקונג. באלד אזוי, בלייַבט ער מיט איר, מיט זיי, און זאָל זי ניט מיינענ, אז ער וויל זיכ ראטעווענ. פארקערט, עס גייט דורכ א שאָ — צוויי, כאנקע וויל שוינ אימ אוועקשיקנ, נאָר איצט וויל שוינ יורי ניט. „ניינ, צוזאמענ מיט איר, אָדער אויסלעבנ, אָדער אומקומענ".

פונ די געבליבענע זעקס רויטארמייער האָבנ שוינ נאָכ צוויי פארמאכט די אויגנ. ס'ווערט שרעקלעכער מיט די געשטאָרבענע אינ דער פאלאטקע. די נאכט ציט זיכ אזוי לאנג, ווי די אומענדלעכע טרויעריקע סטעפּעס. קאשאר איז איינגעשלאָפנ. זי, כאנקע, וועקט אימ, נאָר ער איז מעסוקנ מיד. אָנגעשפּארט דעמ קאָפּ אינ א געשטאָרבענעמ רויטארמייער, שלאָפט איר כאווער. ער ווייסט שוינ ניט פונ אירע ליידנ. זי הערט זיכ איינ אינ דער נאכט. ס'איז איצטער שטילער געוואָרנ. די נאכט האלט זיכ שוינ באמ איבערברעכנ. כאנקע גייט ארויס פונ דער פאלאטקע און זעט, ווי באמ האָריזאָנט הייבט זיכ אופ א פייַער. סע ברענט א דאָרפ. ווו זייַנענ זיי איצטער, אינ וועלכנ אָרט? ביז פרייַער מיט א צוויי טעג האָט מענ געוווסט, ווו מע געפינט זיכ. איצט זייַנענ פארלאָרנ געוואָרנ אלע וועגנ, אלע סטעזשקעס. ס'קומט אָנ א פארפרי און לעשט אויס די רויטקייט באמ האָריזאָנט. סע טאָגט. כאנקע דערהערט ווידער א קאנאָנענ־שיסערייַ. עפּשער זייַנענ דאָס אונדזערע? ס'דאכט זיכ איר, אז דאָס רעדט אונדזער ארטילעריע, ניט ענלעכ אפ דער באנאכטיקער שיסערייַ. נייַנ, סע איז דאָס זעלביקע. א הילכיקע קאנאָנאדע, וואָס פארגייט זיכ איבער די ביימער און פאלט אינ די יארנ ארייַנ מיט אָפּשטארבנדיקע דונערנ. און פּלוצעמ... ס'האָט זי פארדרייט און אופגעהויבנ אינדערלופטנ. ס'האָט זי א ברי געטאָנ אינ דער זייַט. די פאלאטקע איז שוינ ניטאָ, און ווו זייַנענ די רויטארמייער? זי דערזעט זיי. אָט איז איינער, און דאָרטנ א ביסל ווייַטער, באמ בערגל, דער צווייטער. א פוס... א שטיוול וואלגערט זיכ באזונדער... און יורי קאשאר — מיט גויסעדיקע אויגנ: „כאנקע, גיב מיר דייַנ האנט, כאנקע". „יורי, ווארט, מירנ גיינ צוזאמענ נאָכ וואסער פאר די רויטארמייער. זיי ווילנ טרינקענ. ווארט אויס, יורי, שטארב ניט, מיר וועלנ נאָכ צוזאמענ גיינ אפנ פאמיר. איכ ווער אויכ אנ אלפּיניסטקע. דערווייַל קומ צומ ברונעמ, איכ ווער פארברענט א טרונק..."

— דיוושינא, טשערניאווא, וואָס איז מיט דיר? — וועקט מענ זי.

כאנקע שקליאר האָט געעפנט די אויגנ. פאר איר איז געשטאנענ טערענטי דודאר, וואָס האָט זי אהער אינ כוטאָר־שטיבל געבראכט. ער שמייכלט צו איר דורכ זייַנע גרויסע זאפּאָראָזשער וואָנצעס.

— וואָס שרייַסטו? נא, נעמ, — און ער דערלאנגט איר א גלאָז מילכ! — באלד וועט ארייַנגיינ אוסטיא, וועט זי דיר געבנ עפּעס עסנ.

— זיידעניו, גיב א טרונק וואסער.

— טרינק מילכ, סע היילט און סע לעשט דעמ דאָרשט.

כאַנקע פּרוווט זיכ אופזעצנ. פונעמ אויוונ איז אַראָפּגעשפּרונגענ מאַרזיקע — דאָס צעגיאָריקע מיידעלע מיט די לאַנגע פאַרפּלאָכטענע צעפּלעכ. זי האָט זיכ צוגעזעצט צו כאַנקענ, איר געקוקט אינ די אויגנ אַרײַנ שווײַגנדיק, אופמערקזאַמ, מיט געפיל און מיט קינדערשער פאַרינטערעסירטקײַט. זי פאַרבייגט אינ א זײַט דאָס קעפּל און פרעגט:

— סע טוט וויי?

כאַנקע שאָקלט מיטנ קאָפּ און ציט אָפּ זיכ אַרופ דעמ שינעל העכער צומ פּאָנעמ.

— קומ אַהער, דיוווטשינא, — און דער אַלטער ווײַזט איר אָפּנ געלעגער אונטער א פּאָרהאַנגל.

כאַנקע וויל ניט איבערגיינ. ס'איז איר ניט שלעכט אָפּנ דיל. ס'איז וואַרעמ. פונעמ אויוונ ציט אַהערצו א ליבע וואַרעמקײַט.

אינגיכנ איז אָנגעקומענ אוסטינא פּעטריוונא, א באַיאָרטע פרוי מיט א וווּנדערלעכ=יונגטלעכ פּאָנעמ. מיט דעמ טיכל, וואָס זי טראָגט אָפּנ קאָפּ, האָט זי כאַנקענ דערמאָנט איר באָבע קייליע, וועלכע פלעגט אויכ אַזוי אַלע וויַלע פאַרבינדנ אונטערנ גוידערל דאָס טיכל מיט די צוויי סטאַרטשענדיקע טיכל=שפּיצנ. אוי, די זײַדענע טיכל=שפּיצנ! די באָבע קייליע פלעגט ליב האָבנ כאַנקענ קיצלענ מיט איינ טיכל=שפּיצ אונטערנ אויער און פלעגט דערבײַ לאַכנ זקייניש=דריבנע.

אוסטינא פּעטריוונא בייגט זיכ צו צו כאַנקענ און פרעגט:

— דו ווייסט, וויפל טעג דו ביסט בא אונדז?

ניינ, כאַנקע געדענקט ניט.

— טערעשקע, דערציייל איר, דער דיוווטשינא.

דער אַלטער פאַרדרייט א ציגאַר פונ קאָרעשקעס, צעגלעט די אופגעבלאָזענע וואָנצעס און פאַררייכערט.

— ווי רופט מענ דיכ?

— אַניא.

— דאָברע, אַניא.

דערנאָכ האָט אוסטינא פּעטריוונא אַרויסגענומענ הייסע קאַרטאָפל פונעמ אויוונ, זיי צוגעשמאָלצנ מיט פּוטער, אָפּגעשיילט ציבעלע אינ דערלאַנגט כאַנקענ. בייסנ עסנ האָט כאַנקע באַמערקט, ווי טערעשקע בייגט זיכ אָנ צו דער אַלטער און זאָגט איר עפּעס אָפּנ אויער, ווײַזנדיק אָפּ כאַנקענ. די אַלטע קנייטשט מיט די אַקסל.

— סלוכײַ נאָ, — טוט טערעשקע א הוסט, — אוסטינא פּעטריוונא פרעגט, צי ביסטו פונ די יידנ. טאַקא טשערניאַווא!

דעמ מיידל האָט דאָס בלוט א זעצ געטאָנ אינ פּאָנעמ. טערעשקע דערפילט, אַז דאָס מיידל האָט זיכ פאַרלוירנ. פאַרשטייט ער, אַז עפּעס האָט ער צו גראָב א פרעג געטאָנ; ער קוקט אָפּ דער אַלטער, אוסטינא פּעטריוונא אָפּ אימ.

— שרעק זיכ ניט, — זאָגט אוסטינא פּעטריוונא, — מיר וועלנ דיכ ניט אַרויסגעבנ... וואָס? מיר געדענקענ ניט, ווי די דײַטשנ האָבנ אומגעבראַכט מאָיסייענקענ מיט זײַנע קינדער... דו שרעק זיכ ניט...

— באַבוניע, דערמאַנ ניט, — מישט זיכ אַרײַנ דאָס איינ־יקל מאַריקע און פאַרדעקט דאָס פּאָנעמ מיט די הענט.

כאנקע איז ווירקלעכ געוואָרנ שווער. זי רוקט אָפ דעם טעלער קארטאָפל און לייגט זיכ צוריק אוועק אָפנ דיל.

דאָס פאָרפאָלק דערפילט זיכ שלעכט. צוערשט קוקט מענ מיט שטראָפנדיקע בליקנ איינס אָפנ אנדערנ, דערנאָכ באהאלט מענ די פענעמער איינס פונעם אנדערנ. אוסטינא פעטריוונא דערלאנגט שווײַגנדיק כאנקענ א פאָר גרויסע עפל, דערנאָכ האָט זי אָפגיכ געהייסנ דעם מיידל זיכ אופהייבנ פונעם דיל.

— הייב זיכ אופ! אָבער באלד! אָנ שומ רייד!

כאנקע האָט איצטער ניט דערווידערט. אוסטינא פעטריוונא האָט זי ארײַנגעלייגט אינעם בעט הינטערנ פאָרהאנגל, צוגענומענ דעם שינעל, אָנ איינ וואָרט אימ א וואָרפ געטאָנ צווישנ אויוונ און דאָרטנ אימ פארשטעקט טיפ־טיפ. די אלטיטשקע וויל אײַנדעקנ כאנקענ מיט דער וואַרעמער קאָלדרע. טערענטי דרייט זיכ ארומ ביידע — ארומ דעמ ווײַב און ארומ כאנקענ, און קוקט נאָכ, ווי זאָרגזאמ, מוטעריש באהארצט אוסטינא פעטריוונא פאָרעט זיכ באמ מיידל. סע פילט זיכ, אז סע טוט אימ האנאָע, ווײַל אלע ווײַלע ווארפט ער זיכ דערלאנגענ דעם ווײַב, וואָס סע פעלט איר אויס צו די הענט: דעם קישנ, דאָס איבערבעטל, דעם לײַלעכ, די קאָלדרע. און זי נעמט עס פונ זײַנע הענט און זאָגט אימ איצטער גאָרניט. ווי זי וואָלט עס געטאָנ אנ אנדערש מאָל, ווענ ער מישט זיכ ניט אינ זײַנ זאכ...

— יענע נאכט, — רעדט טערענטי ווי צו זיכ אליינ, — זײַנענ דאָ אינ כוטאָר געוועזנ דײַטשנ און געגישטערט בא אלעמענ אינ די שטיבער, נו, דארפ מענ זײַנ געהיט...

אוסטינא פעטריוונא שאָקלט צו מיטנ קאָפ, און מאריִקע שטעלט זיכ אוועק צוקאָפנס לעמ כאנקענ.

— גיי אוועק, שטער ניט. — וויל טערעשקע צונעמענ מאריִקענ, אָבער כאנקע האלט דאָס מיידעלע בא דער האנט.

— פארקערט, ס'איז מיר ליב, זאָל זי שטיינ. וואָס ארט אײַכ?

מיט אָנגעבלאָזענע ליפנ איז מאריִקע געבליבנ שטיינ, דערנאָכ האסטיק זיכ א לאָז געטאָנ צומ פענצטער, גענומענ א לערנביכל, אופגעמישט א בלעטל און אָנגעהויבנ לייענענ. פונ צײַט צו צײַט זיכ אָפגעשטעלט, אריבערגעפירט די בליקנ אָפ כאנקענ.

— לייענ, דו לייענסט שוינ גוט, — זאָגט כאנקע.

אָפ מאָרגנ אינדערפרי איז טערעשקע דודאר ארײַנגעלאָפנ פארסאָפעט, שווער ארויסגעאָטעמט: „זיי גייענ“ און זיכ אוועקגעזעצט אָפנ טאבורעטל קוקנ אינ פענצטער ארײַנ. לעמ אימ איבערגעבויגנ — אוסטינא פעטריוונא. אינ א ווינקל מיט אנ אָפנ מויל, מיט צעשראָקענע אויגנ — מאריִקע. אלע דרײַ האָבנ זיכ אלע ווײַלע אומגעקוקט צו כאנקעס געלעגער.

דערפילט די אָנגעשטרענגטקײַט און די פארלוירנקײַט פונ אירע באלעבאטימ, האָט כאנקע זיכ אופגעהויבנ פונעם געלעגער און, פארקלעמענדיק דעם ווייטעק אינ דער פארוווּנדעטער זײַט, האָט זי געוואָלט ארויס דורכ דער הינטערשטער טיר.

— ליג! — האָט מיט א שטארקײַט געזאָגט טערעשקע. — ליג אָפ דײַנ אָרט.

מער האָט ער שוינ גאָרניט באוויזנ צו זאָגנ. אינ שטוב איז ארײַנ א פּאָליציימאנ, אלײנ זיכ גענומענ א טאבורעט, שווער זיכ אוועקגעזעצט, באקוקט די שטוב.

— ניטאָ דאָ קײנ פּארטיזאנער?

קײנער האָט ניט געענטפערט.

אוסטינא פעטריוונא האָט געטראָגנ צומ טיש איר באליבט מײַכל — קאשע פונ קאבאקעס.

— עפּשער וועט דער פּאנ עפּעס עסנ?

— איכ פרעג דאָכ אײַכ, וואָס זשע פארשטאָפּט איר מיר דאָס מויל מיט קאשע?!

— מיר זײַנענ שוינ צו אלט פאר אזעלכע זאכנ, — ענטפערט טערעשקע. — ארבעט איז פאראנ איבערנ קאָפּ. מע דארפ מעלייצנ, מע דארפ דעמ פלויט פאריכטנ, דערצו האָט גאָט מיכ געשטראָפט מיט א קראנקער פלימעניצע, וואָס שטארבט, פּאנ פּאָליצייסקי.

— האָספּאָדי! — טוט אוסטינא פעטריוונא א קרעכצ אונ שטעלט זיכ אוועק לעמ פאָרהאנגל.

באנקע הערט אלצ. די פיס האָבנ זיכ בא איר אָפּגענומענ, איר קאָפּ איז געוואָרנ שווער. זילבערנע פונקענ פליִענ פונ די פארמאכטע אויגנ. זיי פאלנ, די פונקענ, אינ אנ אָפּגרונט אונ לעשנ זיכ אויס מיט א זידעניש. דערפונ הילכט אונ שמארצט אינ די אויערנ.

דער פּאָליציימאנ טוט א ריס אראָפּ דאָס פאָרהאנגל. צוויי וועלפישע אויגנ מיט א פאריסענער נאָז האָבנ זיכ אָנגעשטעלט אפ באנקענ.

— די פלימעניצע דײַנע זעט אויס ווי א סאראָטשקע.

— באראָנ באָזשע, פּאנ פּאָליצייסקי, — כאפּט אונטער אוסטינא פעטריוונא. — אינ אונדזער מישפּאָכע זײַנענ קײנמאָל קײנ יִדנ ניט געװענ.

זי קערעוועט זיכ אויס צו באנקענ:

— אנושקא, טשוגעש? אנושקא הערט נעבעכ גאָרניט. טערעשקע, ווענ וועסטו שוינ גײנ אינ אפּטייק?

טערענטי צעגלעט די לאנגע וואָנצעס:

— אזא ווײַט גײנ אינ אפּטייק.

— מײַנ קאשע איז טאקע פארכאלאָעט געוואָרנ, פּאנ פּאָליצייסקי, — שאָקלט באדויערנדיק אוסטינא פעטריוונא מיטנ קאָפּ.

— א קאשע גיט מענ א מאנספארשוינ? — האָט טערעשקע זיכ צעבייזערט, — פּאָטשעקײַ! — ער איז ארויס אינ פירהויז, ארײַנגעבראכט א פלעשל, ארומגעווישט עס פונ די ארומגעקלעפּטע שטרויעלעכ. — עמעסע מאָסקאָווסקע, זיכ דערוואַרט אפ א גאסט.

דער פּאָליציימאנ טוט א הוסט, זעצט זיכ אוועק אפ א טאבורעט.

אוסטינא פעטריוונא דערלאנגט גערייכערט פלייש.

— פארבײַסט!..

אויסגעטרונקענ א גלאָז בראנפנ, פארביסנ, האָט דער פּאָליצייסקי זיכ אופגעשטעלט קעגנ דער איקאָנע אינ ווינקל, עטלעכע מאָל זיכ איבערגעצײלעמט; פלוצעמ האָט ער א צי געטאָנ מאריִקענ פאר די הענט, ווי צוגעשלעפּט צו דער איקאָנע אונ א געשריי געטאָנ:

— צײלעמ זיכ איבער!

דאָס מיידעלע האָט פאר שרעק ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

אוסטינא פעטריוונא האָט מילד און שטיל געזאָגט צום איינינקל:

— ציילעם זיך איבער.

באם מיידעלע האָבן געציטערט די הענטלעך. זי האָט געפלאָטערט אינעם פאָליציימאַנס הענט, קוקנדיק אַף זײַן געזונט אָנגעגאָסן באַנעם.

— גו, טערעשקא, — זאָגט דער פאָליציימאַן, — אויב דײַן פלימעניצע איז אויך אזא, דאַרף מען אײַך צעשיסן, וואָס איר האָט עס געמאַכט פון די קינדער...

און ער איז ארויס פון שטוב.

אוסטינא פעטריוונא האָט זיך איבערגעציילעמט.

כאנקע האָט פרײַ אָפגעעטעמט.

די קליינע מאַריַיקע האָט א הייב געטאָן דאָס פאָרהאַנגל, צוגעלאָפן צו כאַנקעס געלעגער און זיך צוגעטוליעט מיטן שטערן צו כאַנקעס באַק, וואָס האָט געפלאַמט און איז געבריט דעם מיידעלע איבן שטערן.

— אנושקא-אנושקא, — האָט מאַריַיקע נאָכגעמאַכט דער באָבען, ווי זי האָט עס פריער, ווען דער פאָליציייסקי איז געווען, געשריגן.

דערוף האָט אוסטינא פעטריוונא צופרידן זיך אָנגערופן:

— אך דו, שאָרן-ווינקל, קרימסט זיך נאָך דער באָבען!

עס זײַנען געגאַנגען די טעג, א וואָך נאָך א וואָך, און כאַנקע איז אַלץ נאָך געווען פאַרשטעקט אין פאַרוואָרפענעם כוטאָר.

די וווּנד האָט זיך צוגעהיילט. אָט איז שוין דער ערשטער טאָג, ווען כאַנקע מעג אַראָפ פונעם געלעגער. זי ווערט פרווון שטעלן די פיס, זיך דורכשפאַנען איבער דער שטוב. זי קוקט ארויס דורכן פענצטער, זי איז צוגעזאָטן געוואָרן מיטן פאָנעם צו דער טאַפּליע. נאַנצפּרי, נאַקעטע ביימער, קופּקעלעך האַלב-צוגעפרוירענע, פאַרזשאַווערטע בלעטער, אײַנגעטאָפּטשעטע אין דער ערד. א דין פרעסטל האָט מיט ווײַסע קענטעלעך אַרומגעזילבערט די צווײַגן אַף די ביימער, די דעכער פון דער קלוניע און פון דער פערד-שטאַל. פון אָנגעבמאַרעטן הימל רײַסט זיך די זון און קאָן אַלץ זיך ניט באַווײַזן. אַשקאָלירענע וואָלקנדלעך הענגען איבערן הײַפל און איבער דער קלוניע. אָט גייט פון שטאַל ארויס די פעהיימע און גייט צום טויער. זי רופט, און איר רוף טראָגט זיך מאָרעשכווירעדיק איבער דער אומגעגנט.

מאַריַיקע גייט צו צו כאַנקען און טוליעט אויך איר קעפּל צו די טאַפּליעס. כאַנקע נעמט ארום דאָס מיידעלע און דריקט זי צו צו דער ברוסט.

— האָסט א טאַטן? — פרעגט פלוצעם מאַריַיקע און קוקט כאַנקען אין די אויגן.

— יאָ.

— און א מאַמען?

— יאָ.

— און שוועסטערלעך?

— יאָ, — שאָקלט כאַנקע מיטן קאָפּ.

— אונ ברידער?

— ניינ.

— אונ איכ האָב, — באַרימט זיכ מאַריִקע אונ פֿירט צו באַנקענ צום ווינקל, וווּ סע הענגענ פֿיל פֿאָטאָגראַפֿיעס. דאָס מיידעלע ווײַזט אַפֿ א בילד פֿונ א יונגנ באָכער. אַפֿ זײַנ ברוסט — א צייכנ פֿונ א פֿיזקולטורניק. אנ אויסדריקלעכ פּאָנעם. ער לאַכט אַפֿנ בילד, אַנטפּלעקנדיק ווײַסע געדיכטע ציינ.

— א שיינ ייִנגל דײַנ ברודער.

אוסטינא פּעטריוונא, וואָס האָט זיכ געפּאָרעט ערגעצ באַם אויוונ, דערהערט דעמ שמועס אונ גייט צו צו די מיידלעכ.

— ווער איז א שיינ ייִנגל? אהא, מיקאָלע, אײנמאָל א ייִנגל. זײַנע טאַטע-מאַמע זײַנענ געשטאָרבנ. ער מיט מאַריִקע זײַנענ שוינ אַפֿ אונדזערע הענט אויפֿגעוואַקסנ, — די אַלטיטשקע לאָזט א טרער, — א פֿלינקער, א ספּריטנע, אונדזער מיקאָלע — אָט וועל איכ דיר ווײַזנ. — אונ זי טוט א קערעווע אויס דאָס בילד. פֿונ יענער זײַט ראַמ, אונטערנ קאַרטאָנ, איז געווענ אָנגעקלעפּט א פֿלוגבלעטל.

בא כאַנקענ האָבנ פֿאַר פֿרייד גענומענ ציטערנ די הענט.

— זאָלסט ניט זאָגנ טערעשקענ. ער וועט זיכ בייזערנ, וואָס איכ דערצייל. מיקאָלע איז בא די פּאַרטיזאַנער. קומט אַמאָל צו לויפֿנ. — דאָס אַלצ האָט די אַלטיטשקע אָפּגעזאָגט אַפּגיכ אונ איז דערבײַ געגאַנגענ אַלע מאָל קוקנ צו דער טיר, צי קומט קיינער ניט.

כאַנקע איז געווענ פֿאַרטאָנ אינ לייענענ. דאָס איז געווענ א פֿלוגבלעטל, וווּ ס'איז געווענ אַפֿ אוקראַיִניש אָפּגעדרוקט סטאַלינס רעדע פֿונעמ דריטנ יול. אַפֿנ פֿלוגבלעטל איז געווענ אנ אויפֿשריפֿט: „אָטריאַד אַפֿנ נאָמענ פֿונ טאַראַס שעווטשענקאָ”.

פֿאַר פֿרייד האָט כאַנקע זיכ געוואָרפֿנ צוערשט קושנ אוסטינא פּעטריוונא, דערנאָכ מאַריִקענ, וואָס זײַנענ געבליבנ פֿאַרכידעשט, ניט פֿאַרשטאַנענ, וואָס אַזעלכעס קומט פֿאָר מיטנ מיידל.

אוסטינא פּעטריוונא שלעפּט איינ שפּיצ פֿונעמ קאָפּ-טיכל אינ מויל אַרײַנ, דערנאָכ דעמ צווייטנ אונ רעדט ווײַטער שעפּטשענדיק:

— כ'האָב מוירע געהאַט... אוי, האָב איכ מוירע געהאַט... ווענ די דײַטשנ זאָלנ עס געווענ געפֿינענ, וואָלטנ זיי אונדז געקאַטעוועט. נאָר כ'האָב עס פֿאַרהיט. — אינ אירע אויגנ האָט געלויכטנ פֿרייד.

— פֿיר מיכ צו מיקאָלענ! — זאָגט כאַנקע צום מיידעלע.

מאַריִקע קנייטשט מיט די אַקסל, ווי זי זאָל זיכ פֿאַרענטפֿערנ.

— איכ ווייס ניט וווּהינ. — אונ זי נעמט ניט אַראָפּ די אויגנ פֿונ דער באָבע. — עפּשער ווייסט די באָבע, טאָ זאָל זי ווײַזנ דעמ וועג.

אוסטינא פּעטריוונא מאַכט מיט דער האַנט:

— וואַרט, ער וועט אַליינ זיכ אַראָפּכאַפּנ. אָט אַגומלטנ, שאַבעס, איז ער געווענ. אַרײַנגעלאָפֿנ. אַפֿילע ניט פֿאַרזוכט מײַנע קנישעקלעכ. עפּעס אַלצ זיכ דאָ געדרייט. זאָרג זיכ ניט, אַנאַ, ער וועט אַליינ קומענ.

נאָכ א קלײנינקער פּאַוזע זאָגט ווײַטער די אַלטיטשקע:

— וווּהינ וועסטו גיינ, ביסט נאָכ קראַנק. אונ אָט אינ טערעשקע!

דערזען אים, האָט אוסטינא פעטריוונא זיכ אָנגעהויבנ צולאָטשענ צו אים, גלײַב זי וויל זיכ פאר אים פארענטפערנ פאר עפעס א זינד, וואָס זי איז באגאנגענ. זי דערלאנגט אים זײַנ באליבט מײַכל קאבאק=קאשע, דערנאָכ טראָגט זי אים צו א גלאָז טיי מיט האָניק. דער אלטער עסט, קוקט אפ כאנקענ אונ פרעגט:

— ווילסט אונדז שוינ אוועקווארפנ, דו, טשערניאַווקע?

זי האָט זיכ צוגעזעצט צום אלטיטשקנ, אים אָפּגעדאנקט פאר אלצ אונ מיטאמאָל געזאָגט:

— פירט מיכ צו מיקאָלענ אינ אָטריאַד. איכ ווייס שוינ אלצ. האָט פאר מיר קיינ מוירע ניט. — אונ כאנקע האָט מיט שטילער הארציקײַט זיכ צעשמייכלט צום אלטנ: — זיידעניו, זאָגט מיר ניט אָפּ.

טערעשקע דודאר האָט זיכ פאמעלעכנ אופגעהויבנ פונעם טיש, צוגעגאנגענ צו זײַנ פרוי, ברייטלעכ א גלעט געטאָנ ווי א מעפינעק זײַנע וואָנצעס אונ צופרידנ איר געקלאפּט איבער איר אויסגעדארטנ אקסל.

— ביסט בא מיר, אוסטיא, א קאָפּ=מענטש, נאָר האָסט דאָכ געקענט אויסווארטנ, איכ זאָל עס זאָגנ. נו, פארפאלנ. — אונ צו באנקענ זיכ אויסגעקערעוועט אונ געזאָגט, — אונ דיכ פירנ צו מיקאָלענ וויל איכ ניט. ס'איז געפערלעכ. די דײַטשנ יאָגנ דאָ אום ווי די הינט. שרעקלעכ. ווייסטו וואָס? איכ וועל באפוילנ וועט ער זיכ אראָפּכאפּנ אהער.

כאנקע דערהוידערט. בעשומויפנ וועט זי ניט ווארטנ. זי האָט קיינ געדולד ניט.

— ניינ, ביסט בא מיר אינ די הענט. אונ אלציינס, מיקאָלע דארפ זײַנ הײַנט=מאָרגנ. — ער וואָרנט זי מיטנ פינגער, — ביסט צי יונג, מע טאָר זיכ ניט כאפּנ. ביסט נאָכ קראַנק.

זי האָט ניט איבערגעשפּארט דעם אלטנ.

אינ יענעמ טאָג איז כאנקע שוינ ארויסגעגאנגענ אינ דרויסנ אונ זיכ אײַנגעהערט אינעמ ארום. — ס'ארא אויסגעשטאָרבנקײַט. א גאלקע איז דורכגעפלויגנ. זיכ אוועקגעזעצט אפנ דאכ פונ דער קליניע, געקוקט אפ א פארלאָזטער נעסט, געפרוווט אהינ ארײַנקריכנ אונ באלד צוריק ארויס מיט א געשריי אונ ניט געבליבנ צווישנ די בערעזעס. דאָס הינטל באמ טויער האָט דערפילט א פרעמדנ מענטשנ אונ זיכ צעבילט. מאַדיקע איז ארויסגעלאָפנ מיט א לאנגנ קאָזשוכ אפ די אקסל, צוערשט צו צום הינטל, בארויקט עס, דערנאָכ אָנגענומענ כאנקענ בא דער האנט אונ זי געצויגנ אינ שטוב ארײַנ.

וואָס מער מיט א שאָ, אלצ שווערער איז געוואָרנ דעמ מיידל אפנ הארצנ. א געפיל האָט זי געהאט, אז ערגעצ דאָ נאָענט קאָנ זי אָנווערנ אירע יונגע קויכעס אינ געראנגל. ארום דעם פארוואָרפענעמ כוטאָר איז טעטיק אג אָטריאַד. דאָרטנ איז איר אָרט. ניט ווײַט איז גאַריווקע, עפּשער וועט זי זיכ דערשלאָגנ אהינצו אונ געפינענ די עלטערנ, כאָטש ווערליק די אלטע דערציילנ, איז דאָרט אלצ כאָרעוו געוואָרנ. ס'האָט אפ איר געדריקט די שטילקײַט, דאָס לייריק זיצנ. מע קענ דאָכ דאָ פארגליווערט ווערנ.

ס'האט זי אופגעהערט צו ווארעמענ די ליבהארציקע באציונג פונ די אלטע. די דערווארטונג אפנ קומענ פונ דודארס אייניקל, מיקאלענ, האט זי פײַנלעכ גענאגט, געוועקט זיסע האפענונגענ. שוינ זשע איז מעגלעכ, זי זאל דא אינ שטילנ כוטאר-ווינקל פארפאלנ ווערנ?

מיט די געדאנקענ איז זי יענע נאכט אײַנגעשלאפנ. זי האט געהערט, ווי באנאכט איז טערעשקע ערגעצ ארויסגעגאנגענ. פארטאג האט ער זיכ אומגעקערט. זי האט ניט געוואלט פרעגנ, וווהינ האט עס אימ אוועקגעטראגנ. זי האט זיכ אימ פולקאמ פארטרויט, אבער דאכ האט זיכ געוואלט גיכער אוועק פונ דער שטוב. וואס מער דער פארלאנג איז געוואקסנ, אלצ קרעפטיקער האט זי זיכ דערפילט. געדאכט האט זיכ איר, אז זי איז גאר ניט פארוווּנדעט געווענ, געטאפט די זײַט אונ זיכ אליינ אײַנגערעדט, אז סע טוט איר שוינ ניט וויי.

אינדערפרי האט זי צומ ערשטנ מאל פאר דער גאנצער צײַט א קוק געטאנ אפ זיכ אינ שפיגל. דאס אפגעצויגענע פאנעמ אונ די אײַנגעפאלענע באקנ האבנ זי א ביסל געשראקנ. זי דערזעט לעמ זיכ מארייקענ.

— ביסט א שיינע, — זאגט דאס מיידעלע אונ לאשטשעט זיכ צו כאנקענ.

אפנ געדאנק קומט ארופ מישע. ווו איז ער איצטער? צי פליט ער, אדער ער גרייט נאכ אלצ זײַנע דעסאנטניקעס, צי עפשער איז ער שוינ ניטא אפ דער וועלט, אזוי ווי יורי קאשאר? ניינ, דאס וויל זי ניט דערלאזנ.

— וואס ציטערסטו? — דערהערט זי מארייקעס שטימ.

— ס'האט זיכ דיר אויסגעוויזנ, מיידעלע, — אונ כאנקע קערעוועט זיכ אפ פונעמ שפיגל. — נעמ, לייענ. — אונ זי דערלאנגט דעמ קינד דאס לערנביכל.

מארייקע וויל איצטער ניט לייענענ. זי וויל זיצנ לעמ כאנקענ אונ אויכ קוקנ אינ פענצטער ארײַנ. סע געפעלט איר, וויאזוי כאנקע זיצט פארטראכט אונ קוקט אומבאוועגלעכ אינ איינ פינטל ארײַנ.

כאנקע האט זיכ דערוואַרט. אינ איינעמ פונ די נאענטסטע טעג איז פונ דרויסנ ארײַנגעלאפנ מארייקע אונ, קוקנדיק צו כאנקענ, אײַנגערוימט דער באבענ:

— מיקאלא.

אינ שטוב האט זיכ ארײַנגעשטעלט א הויכער מענטש מיט א בלאנדער בארד. כאנקע האט בלויז לויט די אויגנ פונ דער פאטאגראפיע זיכ אנגעשטויסנ, אז דאס איז מיקאלע. זי האט אימ אויסגעשטרעקט די האנט, גלײַכ זי קענ אימ שוינ פונ לאנג אונ זי זיצט אונ ווארט אפ אימ. א גרויסע ברייטבייניקע האנט האט ארײַנגענומענ איר האנט. קוקנדיק מיט כשאד איר אינ פאנעמ, זאגט מיקאלע:

— ניינ, מיר קענענ זיכ ניט מיט אײַכ.

דאס מיידל צעשמייכלט זיכ אונ שאקלט מיטנ קאפ:

— ניינ, מיר קענענ זיכ יא מיט אײַכ.

דעמלט טוט דער יונג א קנייטש מיט די אקסל, באטראכט שוינ

איצטער מער אופמערקזאמ דאָס מיידל און זאָגט מיטנ זעלבנ טאָנ:

— מעגלעכ.

— ניט מעגלעכ, נאָר געווים. — איז אײַנגעשפּארט כאנקע. — אָט פרעגט אוסטינא פעטריוונא און אײַער זיידנ און... אײַער שוועסטערל.

מאריקע טוט א לאָז זיכ צו כאנקענ און פאלט איר ארײַנ אינ די אָרעמס. מיקאָלע האָט א הוסט געטאָנ, אויסגעשטרעקט די האנט צום שוועסטערל און שוינ ווייכער געזאָגט:

— מ'האָט אונדז דערציילט וועגנ אײַכ. ווער זײַט איר?

ניט געוואָרט אפ אזא פראגע, האָט דאָס מיידל א ביסל זיכ פארלוירנ, פאָשעט ניט געוווּסט, ווי אימ צו דערציילנ. זי האָט זיכ געקנייטשט, ניט געקאָנט אײַנשטיינ אפ אנ אָרט. אוסטינא פעטריוונא מישט זיכ ארײַנ, צעלאכט זיכ:

— ווער איז זי? פונ דײַנע מענטשנ, מיקאָלע, א יאק זשע!

— קיינ דאָקומענט האָב איכ ניט, צום באדויערנ, דאָרט אינ דער ארומרינגלונג איז אלצ פארלוירנ געגאנגענ... פירט מיכ צו אײַער קאָמאנדיר, וועל איכ אלצ דערציילנ.

— נו, גוט, און געווער האָט איר?

אוסטינא פעטריוונא מישט זיכ ווידער ארײַנ:

— געווער ווילסטו? נא דיר איר שינעל: טערעשקע האָט זי געפונענ אינ באלקע... דאָרטנ... אינ באלקע. מיר האָבנ זי קאמ אָפּגעראטעוועט. געווער וויל ער. עכ טי, מיקאָלא...

— נו, באבוסיא, איצטער איז אזא צײַט, אז מע טאָר קיינעמ ניט גלייבנ.

— ריכטיק, מיקאָלע, — האָט כאנקע צו אימ געזאָגט מיט א טאָנ ווי צו א גלײַכנ.

ער האָט עס דערפילט און צופרידנ זיכ געטאָרעט בא דער באָרד. זײַנ יונגע האנט האָט ניט געפאסט צו דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער ארבעט — צום גלעטנ די געדיכטע אָנגעוואקסענע באָרד.

— נו, דאָברע, מיר וועלנ זיכ אָפּרוענ און זיכ לאָזנ אינ וועג.

— ווארט! — שרײַט אומצופרידנ אויס אוסטינא פעטריוונא. — אָט וועט קומענ טערעשקע. ווו בלאָנקעט ער עס דאָרט אומ, טערעשקע, אינ אזא צײַט?

— נישקאָשע, נישקאָשע, באבוסיא, דער זיידע ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָנ. דו טשעפּע אימ ניט.

— ווער טשעפּעט אימ? — און די אלטיטשקע נעמט זיכ פּארענ ארומ טיש, ווי איר שטייגער, געלאסנ און רויק.

ווענ ס'איז אָנגעקומענ טערענטי, האָט ער מיט א לויכטנדיק פּאָנעמ גערייצט זיכ מיט כאנקענ.

— אהא, דיוּוטשינא, איכ האָב דיר אימ צוגעשטעלט, און דו ביסט געווענ אומעטיק, אראָפּגעלאָזט די נאָז, טשערניאווא טי.

נאָכ א פּויזע זאָגט ווײַטער דער אלטער:

— און איצט וועט איר גיינ צו אײַער קאפּיטאנ.

— ניט קאַפּיטאַנ, זיידע, נאָר קאָמאַנדיר, — פאַריכט מיקאָלע.

— מיר איז אַלצײנס: א קאַפּיטאַנ, צי א קאָמאַנדיר, אַבי איר זאָלט אונדז אַרויסטרײַבנ די היצלעס. אוי, צי נימצי, זשאַכ!

שפּעט אינ אָוונט זײַנענ אַרויסגעגאַנגענ ביידע — מיקאָלע מיט כאַנקענ. ביז דער באַלקע האָט זיי באַגלייט טערענטי, אוסטינא פּעט-ריוונא אונ מאַרייקע. די אַלטע האָט געוויינט אונ מאַרייקע האָט געוויינט.

— די שלעכטע וואָכנ זײַנענ פאַרפלויגנ ווי א טאָג, — האָט גע-זאָגט אוסטינא פּעטריוונא אונ זיכ צעקושט מיט כאַנקענ, — זאָלסט מיכ ניט דערמאָנענ צומ שלעכטנ. — אונ פאַריכט בא כאַנקענ אַפּ דער פּלייצע דאָס טאָרבעלע עסנוואַרג, וואָס זי האָט איר מיטגעגעבנ.

טערענטי האָט שווײַגנדיק אַרומגענומענ דאָס מיידל, ווי אַנ איי-גענע זי צוגעדריקט צו דער ברוסט.

— די הענט זאָלנ בא אײַכ, קינדער, ניט ציטערנ, ווענ איר וועט שיסנ. שיסט אונ טרעפט. כ'וואָלט געגאַנגענ מיט אײַכ, קענ איכ ניט...

מאַרייקע האָט זיכ אײַנגעקלאַמערט אינ כאַנקעס שינעל אונ ניט געוואָלט צוריק זיכ אומקערנ אַהיימ.

— נו, גענוג, — האָט א שעפּטשע געטאָנ מיקאָלע אונ האָט א צי געטאָנ כאַנקענ בא דער האַנט. ביידע האָבנ זיכ געלאָזט מיטנ שי-טערנ וועלדל דורכ דער באַלקע.

געגאַנגענ זײַנענ זיי לאַנג אונ שווײַגנדיק. ערטערווײַז, ווו די ביי-מער זײַנענ געדיכטער געוואָרנ אונ די ערד איז געווענ גליטשיק-קלע-פּיק, האָט כאַנקע אָנגענומענ מיקאָלענ בא דער האַנט, אונ ער האָט אָפט, אָפּווענדנדיק פונעמ פּאָנעמ אַנ אויסגעקרימטע צווײַג, זי דורכ-געלאָזט פאָרויס אונ אַליינ זי אונטערגעהאַלטנ, זי זאָל ניט פאַלנ. די נאַכט איז געווענ אַנ אָנווינטיקע, נאָר מיט א פײַכטער קעלט. פונ צײַט צו צײַט האָט זיכ אָפּגעבראָכנ אַנ איבערגעפוילטע צווײַג יזוג, פאַלנדיק, געשראָקנ. מיקאָלע איז מער געוווינט געווענ דערצו, איידער כאַנקע, אונ דעריבער ווייניקער זיכ צוגעהערט. ערגעצ ווײַט צווישנ די ביימער האָט זיכ געטוקט א פאַרביסנ פײַערל, וואָס האָט אַרייסגע-לאָזט פונ זיכ קליינע שטראַלעכלעכ-הערנערלעכ. וואָס נעענטער מע איז געגאַנגענ צומ פײַער, אַלצ ווײַטער האָט זיכ עס אויסגעדאַכט.

זיי זײַנענ אַרויס אינ סטעפּ. דאָ האָט זיכ אופגעהויבנ א ווינט אונ געשמיסנ אינ פּאָנעמ.

— אונ ווער איז אײַער קאָמאַנדיר? — האָט כאַנקע געפרעגט, ווענ זיי האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט איבערכאַפּנ דעמ אָטעמ.

— א ברענ א יונג.

— א יונגער? — פרעגט איבער כאַנקע.

— יאָ, א געלערנטער, א פײַער — ניט קיינ קאָמאַנדיר.

זיי זײַנענ געגאַנגענ ווײַטער, איבערגעשניטנ דעמ סטעפּ. אַרומגע-גאַנגענ א טײַכל אונ ווידער אַרײַנ אינ א וועלדל.

— אָט באַלד קומענ מיר, — זאָגט מיקאָלע.

אינגיכנ האָט זיי אָפּגעשטעלט דער ערשטער פּאַרטיזאַנישער פּאָסטנ. געזאָגט דעמ פּאַראָל, האָט מיקאָלע דווקא געוואָלט ווײַטער גיינ, אָבער דער וואַכמאַנ האָט אָפּגעשטעלט כאַנקענ.

— לאָז דורכ, פּעטראָ, — האָט מיקאָלע געזאָגט.

— ווער איז עס?

— ווּעסט נאָכדעם וויסנ.

— גיי, נו, בייזער זיכ נית.

ס'האָט שוינ געטאָגט. א צעבוימעטע בלאָווקײט האָט זיכ גערינג דורכ דיביימער אונ נית געקאָנט דערגרייכנ די ערד, וואָס איז איבער נאכט צוגעפרוירנ געוואָרנ. וו-נית-וו אונטער די פיס האָט זיכ-פּלאצט דאָס דינע גלאָז פונעמ געפריר אינ די גריבלעכ.

— ווארט א רעגע, — האָט פּלוצעמ געזאָגט מיקאָלע אונ איז ארײַנ אינ אנ ערד-שטיבל.

אינגיכנ איז ער צוריק ארויס, אָנגענומענ פאר דער האנט כאנקענ אונ זי אראָפּגעפירט פונ דרײַ טרעפּלעכ.

אנטקעגנ האָט זיכ פונ א געלעגער אופגעהויבנ א מענטש מיט א קאָזשוכ, ארופגעוואָרפנ אפ די אקסל. בא דער געלער בלייבער קאנעצ-שײַנ האָט דער שווארצבערדיקער מענטש אויסגעזענ מעסוקנ גרויס אונ ברייט. ער הייבט אופ דאָס פּאָנעמ, שטרעקט אויס די האנט אונ וויל עפּעס פרעגנ.

— כאנקע!

עפּשער האָט זיכ עס איר בלויז אויסגעוויזנ? זי האָט האסטיק אויסגעקערעוועט דעמ קאָפּ.

— דערקענסט מיכ נית?

בא כאנקענ פארדרייט זיכ דער קאָפּ. אינ דער פארוונדעטער זײַט האָט ווייטעקדיק א שטאָכ געטאָנ. דער מענטש נעמט דאָס קאנעצל אינ דער האנט, טראָגט עס צו צומ מיידלס פּאָנעמ, דערבײַ פאלט די שײַנ פונעמ קאנעצל אפ זײַנ אייגענעמ פּאָנעמ.

— מישע, אפ מײַנ וואָרט, מישע!

אונ כאנקע צעלאכט זיכ פּלוצעמ אפ א קאָל איבערנ ערד-שטיבל.

מישע שטעלט שנעל אוועק דאָס קאנעצל אפנ טיש. כאנקע איז קימאט ארײַנגעפאלנ אינ זײַנע אָרעמ.

— טשאָרט וואָזמי! — שרײַט אויס דער קאָמאנדיר, — אָט דאָס הייסט א באגעגעניש! מיקאָלע, דו ווייסט, ווּעמענ דו האָסט געבראכט?

— איכ וויס, כאווער קאָמאנדיר, מײַנ באָבע האָט מיר געזאָגט.

דאָס רופט ארויס א געלעכטער בא מישענ אונ בא כאנקענ.

— זײַנ באָבע האָט אימ געזאָגט... טשודאק... קומ אהער, מיקאָלע, וועל איכ דיר א דריק טאָנ די האנט.

— זע נאָר, — זאָגט כאנקע, — איר זײַט דאָ אלע בערדיקע.

— אונ דו ווי זעסט אויס? קומ אהער, לאָמיכ דיכ גוט באטראכטנ. או-או, האָסט זיכ א רוק געטאָנ! געווענ מיסטאמ אינ א גוטנ קלעמ. נית שרעקלעכ, בא אונדז וועסטו האָבנ א גוטע דאַפּשע. מיקאָלא, ריכטיק זאָג איכ?

נאָר מיקאָלע איז שוינ נית געווענ אינ ערד-שטיבל.

— אונ איצט, כאנקע, מוז איכ אי דיכ אי דערפרייענ, אי באצאָרענ. דײַנ פאָטער איז א העלד, אנ עמעסער העלד.

— מיט אימ איז עפּעס געשענ?

— אָט זעסטו, איך בין טאַקע א ווילדער. מיטאַמאָל אויסגע־שאָסן. בארויִק זיך. מאָרגן וועל איך דיר דערציילן. און איצט דער־צייל דו מיר.
— ניין, ווארט, מישע...— שטעלט זי אים אָפּ מיט דער האנט. א פּאוזע.
— עפּשער ווייסטו עפּעס וועגן מיין מאמען? און...
— דאָ שלאָגן מיר זיך פאר גאריוועקע... פאר דיין מאמען.
— נו, און דער טאטע?
מישע שווייגט.
— איך פרעג דאָך דיך, מישע.
— האָב איך דאָך דיר געזאָגט, כאנקע. ווארט, ביסט מינאכטאָט הונגעריק. מיר עסן בלויז טראָפּיי־מיכאָלים.
פארוואָס וויל עס מישע מער ניט ריידן וועגן איר טאטן? ער זאָגט דאָך, אז איר טאטע איז א העלד. וואָס שווייגט ער, מישע? זי מוז ווידער א פרעג טאָן, אומבאדינגט טייקעף א פרעג טאָן.
נאָר זי פרעגט ניט. די מידקייט פונעם היינטיקן טאג איז אזוי גרויס, אז זי האלט זיך קוים אָפּ די פיס. מישע באמערקט עס.
— דו דארפסט זיך צולייגן, — זאָגט ער שוין מיט א באפעלע־רישער שטים, — די מינוט זיך צולייגן.
זי פאָלגט אים, מיטן לעצטן ביסל קויעך רוקט זי זיך צום גע־לעגער, און עס דאכט זיך איר, אז, גייענדיק, דרעמלט זי שוין איין. מישע שטייט לעם איר געלעגער, ער קוקט אָפּ איר און זאָגט:
— ס'איז גוט, כאנקע, ס'איז אויסגעצייכנט גוט, וואָס סע קו־מען צו נייע כאוויירים אין אָטריאַד. אָבער די אלטע פריינט, וועלכע זיינען פארלוירן געגאנגען, זיינען געווען אזעלכע ־מענטשן!.. פרעג נאָר ניט, כאנקע. אזעלכע מענטשן!.. וועגן דו וואָלסט וויסן.
כאנקע דרעמלט. זי האָט אין זינען, אז ווי נאָר זי וועט זיך אופ־כאפּן, וועט זי פרעגן, אומבאדינגט פרעגן וועגן יענע אלטע, וועלכע זיינען פארלוירן געגאנגען... איר איז נייטיק עס צו וויסן, שטארק נוי־טיק. זי וועט זיכער ניט פארגעסן פרעגן.

קאַפּיטל אכצן

א נאכט אין שפּיטאָל

בא דער סאזשלקע, וואָס האָט געהאט די פאָרם פון אן איי, איז געשטאנען א גרויסע פירשטאָקיקע געביידע.
אין אָט דער געביידע איז ביז דער מילכאָמע געווען דער אייזנ־באנער־קלוב. זי איז געשטאנען לעבן וואָקזאל, באם סאמע עק שטאָט, האָט געקוקט ווייט צום האָריזאָנט, צו דער אייזנבאן־ליניע, וואָס לויפט אוועק צום אוראלער בארג־רוקן. פון די ליכטיקע פענצטער האָט מען געזען, ווי די צוגן שניידן זיך ארײַן אין דער בערייִשעסדיקער ווילד־קייט פון די אוראלער וועלדער, זיי צערייסן די שווייגעניש, וואָס האָט

דאָ געשטענדיקט אמאָל, זיי וועקנ אונ דערוועקנ די בארגיקע געגנט. איצט האָט מענ די געבײַדע איבערגעגעבנ דעמ מיליטערישנ שפּיטאָל, ווו שעפּ איז געווענ דער דאָקטער אָסיפּ קראמער. אָנגעקומענ איז עס אָסיפּ קראמערנ זייער שווער. מע האָט געדארפט פארוואנדלענ די קלובצימערנ אינ ברייטע גערוימע פּאלאטעס, איבערוואלקעווענ די ווענט, אויסקאלעכנ, איבערפארבנ. די ארבעט איז געווענ א שטארק אײַליקע, דער דאָקטער האָט געהאט אינ זײַנ רעשומ מער ניט ווי געציילטע טעג, אונ נאָכ יעדנ טאָג, וואָס איז פארבײַ, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז צו טאָנ איז נאָכ געבליבנ א סאכ, א סאכ מער, איידער מע האָט זיכ אויסגעמאָלט. איינס האָט אָבער געפרייט דערבײַ דעמ דאָקטער קראמער, וואָס געטאָנ האָט ער איצט זײַנ ארבעט ניט איינער אליינ.

עספיר מיכײַלאָוונע איז אזוי מיטגעריסנ געוואָרנ פונ דער ארבעט אינ שפּיטאָל, אז זי האָט אפילע ניט געוואָלט טראכטנ וועגנ אומקערנ זיכ צו איר פאכ — שול-ארבעט. אינ קיעוו איז איר אלס לערערנ אָפט אויסגעקומענ זיכ באגעגענענ מיט די עלטערנ פונ אירע שילער, דעריקער, מיט די מוטערס, נאָר זי האָט קיינמאָל ניט געפילט אזוי נאָענט, אזוי ליבלעכ דאָס פאָלק, ווי איצטער.

איינמאָל אינ אָווגט, ווענ מע האָט זיכ שוינ געקליבנ אהיימ גיינ נאָכ א טאָג האָרעוואניע, איז אומגעריכט אָנגעקומענ אָסיפּ לוואָוויטש פונ איינער א זיצונג אונ דערציילט, אז אפ מאָרגנ איז באשטימט א קאָמיסיע אפ אופצונעמענ די כירורגישע אָפּטיילונג.

אינ א הארבסטיקנ טאָג האָט מענ דאָס ערשטע מאָל געבראכט אינ דעמ נײַ-געעפנטנ שפּיטאָל פארוווּנדעטע. אינ די גרויסע ליכטיקע צימערנ, אפ די ציכטיק-פארבעטע בעטלעכ האָט מענ געלייגט די ערשט-געבראכטע פארוווּנדעטע. די פרויענ, וואָס האָבנ ארומ שפּיטאָל זיכ געפּאָרעט, האָבנ ארײַנגעקוקט די פארוווּנדעטע אינ די פענצטער. יעדערע האָט געמיינט, עפּשער וועט איר זונ אָדער מאנ אהערצו, גראָר אינ דעמ שפּיטאָל, ארײַנפאלנ. אייניקע האָבנ געלאָזט א טרער: „אָט אזוי, — האָבנ זיי זיכ געטראכט, זיכ צוקוקנדיק, ווי די סאניטארנ טראָגנ די פארוווּנדעטע, — טראָגט מענ עפּשער זייערע מענער. אונ עפּשער איז שוינ ניטאָ וועמענ צו טראָגנ...“

עספיר מיכײַלאָוונע האָט דעמ טאָג אויכ געפונענ וואָס צו טאָנ. זי האָט רעגיסטרירט די אָנקומענדיקע פארוווּנדעטע. זי איז געזעסנ אינ א צימער, באמ סאמע ארײַנגאנג אינ שפּיטאָל. זי איז געזעענ די ערשטע, וועמ עס האָט זיי באגעגנט. אונ אלע ווײַלע האָט זיכ איר געוואָלט פרעגנ: „צי האָט איר ניט באגעגנט אזא אונ אזא? ער איז מײַנ זונ“. זי האָט אָבער פארשטאנענ: ס'איז נאריש אזוי זיכ נאָכפרעגנ. פאראנ צופעליקײַטנ אפ דער וועלט, אָבער פארוואָס עפּעס דארפ זיכ עס טרעפנ גראָד מיט איר זונ? האָט זי שווײַגנדיק געטאָנ איר ארבעט אונ נאָר איינ מאָל, אז עס איז איר אויסגעקומענ רעגיסטרירנ א פארוווּנדעטנ פליִער, האָט זי זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אונ א זאָג געטאָנ:

— בא מיר פליט אויכ ערגעצ אומ דאָרט א זונ...

אונ באלד אפנ אָרט פארכאפּט זיכ:

— ווער ווייסט, צי פליט ער נאָכ?..

ארומ עספיר מיכײַלאָווגעס אויגנ האָבנ די לעצטע צײַט זיכ באַוויזנ א סאַכ קליינע קנייטשעלעכ. קנייטשעלעכ, ווי איידעלער פרויענקסאָוו, דריבנער אונ ציטערדיקער. די אקסל זײַנען אראָפּגעלאָזט געוואָרנ, אונ די גאַנצע פיגור אירע אײַנגעבראָכענער, דער טראָט פאַמעלעכער, געלאַסענער, שטילער אונ צוריקגעהאַלטענער. זי האָט זיכ געשטאַרקט אונ געזוכט די גרויסע טרייסט פריִער אינ צוגרייטנ די עפּענונג פונעמ שפּיטאָל, אונ איצטער אינ זײַנ טאָגטעגלעכער אַרבעט. זי האָט אפילע שוינ צוויי מאָל בלוט געגעבנ, א דאָנאָר געוואָרנ. אָסיפּ אונ אנדערע דאָקטוירימ פונעמ שפּיטאָל האָבנ איר עס פאַרבאָטנ, צוליבנ געזונט-צושטאַנד. אָבער זי האָט עס ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט געזוכט צו געפינענ איר אָרט אינ די גרויזאַמע מילכאָמעטעג, אונ גראָד אינ דער שפּיטאָל-אַרבעט.

אינ שפּיטאָל זײַנען אוועק מעסלעסנ שווערע, אָנגעשטרענגטע, פול מיט איינ זאָרג: וואָס גיכער געזונט מאַכנ די פאַרווונדעטע שלאַכט-לײַט, וואָס גיכער אומקערנ זיי צוריק אַפ די שלאַכט-פעלדער. דער דאָזיקער געדאַנק האָט פאַרנומענ אָסיפּס מוחנ. דאָס גאַנצע לעבנ זײַנס האָט ער אונטערגעוואָרפנ אָט דעמ געדאַנק. ער פלעגט קימאַט אהיימ ניט גיינ פונ שפּיטאָל.

אינ איינעמ א רעגנדיקנ אָוונט, ווענ מע האָט זיכ ניט געריכט אַפ קיינ שומ מיליטערישנ סאַניטאַר-צוג, האָט אָסיפּ קראַמער באַשלאָסנ צו נעכטיקנ אינ דער היימ.

דער שפּיטאָל האָט זיכ געגרייט צו אָפּרו. אינ קלוב האָט מענ שוינ אופגעהערט צו דרייענ דעמ קינאָ-אַפּאַראַט. אַפ די שאָכ-טישלעכ האָבנ זיכ געוואַלגערט איבערגעקערטע טורעמס, אראָפּגעשלאָגענע מאַלקעס. דער הויפּט-קעכער אינ זײַנ ווײַסנ קאָלפּאַק האָט זיכ געײַלט פאַרענדיקנ זײַנ לעצטע פּאַרטיִע אינ ביליאַרד, וואָס ער האָט געשפּילט מיט א פאַרווונדעטנ לייטענאַנט. א שוועסטער פונ דער דריטער אָפּטיילונג האָט אינ דער גרעסטער פּאַלאַטע אָפּגעזונגענ דאָס לעצטע לידעלע וועגנ דער שוואַרצער מאַרי, וואָס איז געווענ פּאָפּולער בא די שלאַכט-לײַט. אָסיפּ קראַמער איז נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגענ די קאָרידאָרנ, דורכגעקאָנטראָלירט די פּאָסטנס אינ דרויסנ, ס'האָט זיכ געדאַכט, אַז ס'וועט זײַנ א דורכויִמ רויִקע נאַכט. פּלוצעמ האָט אינ קראַמערס קאַבינעט זיכ צעקלונגענ דער טעלעפאָנ.

— וואָס פאַרלאַנגט מענ? — האָט געפרעגט קראַמער.

— דעמ שעפ פונ שפּיטאָל.

— איכ בינ עס.

דער וואָקזאַל האָט מיטגעטיילט, אַז פונ א מיליטערישנ סאַניטאַר-צוג, וואָס זײַנ מאַרשרוט ליגט ווײַטער, קיינ סיביר, האָט מענ געמוזט אראָפּנעמענ א פאַרווונדעטנ, וועלכער נייטיקט זיכ אינ עקסטער הילפ.

אָסיפּ קראַמער האָט גלײַכ באַפוילנ ברענגענ דעמ קראַנקנ אינ שפּיטאָל. אינגיכנ האָט די מאַשינ געבראַכט א יונגנ לייטענאַנט מיט פאַרמאַכטע אויגנ. דאָס איז געווענ א געוויינלעכער פאַל: די וווּנד פונעמ צעשעדיקטנ בוימ האָט זיכ געעפנט.

דעמ פארווגדעמג האָט מענ ארײַנגעטראָגנ אינ אָפּעראציע-זאל. דער דעזשורנער דאָקטער האָט אָפּגעשטעלט די בלוט-פליסונג. ס'איז אָבער געווענ קלאָר, אז באנוגענענ זיכ דערמיט קאָנ מענ ניט. דער לייטענאנט האָט פארלאָרנ צופיל בלוט. מע מוז אימ באלד איבערגיסנ בלוט. אָבער וועמעס? דער דעזשורנער דאָקטער איז געווענ אינ א גרויסער פארלעגנהײַט אונ איז אוועק צו קראמערנ. אינ די הענט האָט ער געהאלטנ די קראנקנ-געשיכטע, ווו עס איז געווענ פארשריבנ, אז פאר דעמ לייטענאנט מוז מענ האָבנ בלוט פונ דער ערשטער גרופּע.

— פארוואָס זשע טוט איר עס ניט? — האָט געפרעגט דער שעפ פונ שפּיטאָל אָסיפּ קראמער. אונ באלד, לויטנ פּאָנעמ פונעמ דעזשורנע דאָקטער, האָט ער פארשטאנענ, וואָס דאָ קומט פאָר.

— איר האָט ניט פארגרייט אזא בלוט? אָט דאָס האָט איר געוואָלט מיר זאָגנ? זייער וויִיל זיכ אויסגעצייכנט, זייער וויל...

ס'איז געווענ שווער צו וויסנ, צי דער שעפ פונ שפּיטאָל האָט טײַנעמ צומ הויפּט-כירורג, וועלכער איז איצט דאָ ניטאָ, צי דאָס זײַנענ פּרעטענזיעס צומ דעזשורנע דאָקטער. אלנפאלס, מע האָט גײַ מוזט באצײַטנס באזאָרגנ, אז קיינ מאנגל אינ קאָנסערווירט בלוט זאָל ניט זײַנ.

ביידע דאָקטוירימ האָבנ זיכ איבערגעקוקט אונ ביידע האָבנ זיי געקלערט וועגנ אייגעמ אונ דעמ זעלביקנ: וועמעס בלוט פונ די שפּיטאָל-דאָנאָרס פּאסט פאר אָט דעמ פאל.

באמ דעזשורנע דאָקטער — א פולבלעכ קליינוווקסיקער פארשוינ — האָט פונ ערגערנ זיכ אָנגעהויבנ ציטערנ די אונטערשטע ליפּ אינ פונ איר זײַנענ אראָפּגעפאלנ א צוויי-דרײַ קלאנגענ, וואָס דער שפּיטאָל-שעפ האָט זיי ניט איינגאנצנ באנומענ, אפ אזויפיל האָט דעמ דאָקטערס שטימ זיכ געענדערט.

— נו, וואָס לייגט איר פאָר, כאווער דעזשורנע, — האָט אומגעדולדיק געפרעגט דער שפּיטאָל-שעפ.

— איכ זאָג, כאווער שפּיטאָל-שעפ, אזא בלוט-גרופּע איז פאראנ... בא אײַער פרוי.

דער שפּיטאָל-שעפ הייבט אופ דעמ קאָפּ. ער טוט א קוק אפנ דעזשורנע, גלײַכ ווי ער וואָלט אימ אָנקוקנ צומ ערשטנ מאָל, אָבער אינ א ווײַלע ארומ רעדט ער שוינ מיט זײַנ געוויינלעכער פעסטקײַט אונ זיכערקײַט.

— שיקט ארויס א מאשינ נאָכ מײַנ פרוי, נאָר ניט געזאמט. יעדע רעגע איז טײַער...

די מאשינ האָט גענײַלט איבער די שלעכט-ברוקירטע גאסנ אונ געסלעכ פונעמ פאָרשטאָט. עספיר מיכײַלאָוונע האָט אָנגעשטרענגט אלע אירע קויכעס. זי האָט געוואָלט זיכ אָנשטויסנ: וואָס באדײַט אָט דאָס שפּעטיקע שיקנ נאָכ איר?

נאָכ באמ ארויסגייג פונ שטוב האָט זי געפרעגט באמ שאָפער:

— וואָס איז געשענ?

— איכ ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט, — מע האָט מיר באַפוילנ אײַכ ברענגענ.

אינ שפּיטאָל האָט מענ עספיר מיכײַלאָוונע באַגעגנט בא דער טיר. גלײַכ ארופגעוואָרפנ אפ איר א ציכטיקנ כאַלאַט אונ זי אַרײַנגעפירט אינ אָפּעראַציע-זאַל.

דערזענ דאָס ווײַב, האָט אָסיפּ קראַמער, אפילע ניט גריסנדיק זיכ, אײַליק א זאָג געטאָנ:

— גרייט זיכ צו, אײַער גרופּע בלוט פּאַסט זיכ פאַר אָט דעם קראַנקנ.

געזאָגט האָט ער עס ווי עס רעדט א קאָמאַנדיר צו א שלאַכט-מאַנ, כאָטש עספיר מיכײַלאָוונע האָט ניט געדינט אינ שפּיטאָל.

שווײַגנדיק, רויִק, אָנ איינ איבעריקער באַוועגונג, האָט די פערציק-יאָריקע פרוי אויסגעשטרעקט די האַנט. דער דעזשורנער דאָקטער מיט א שוועסטער האָבנ צוגעפּאַסט דעם איבערגוס-אַפּאַראַט, אונ אײַנגיכנ האָט עספיר קראַמערס בלוט אָנגעהויבנ איבערינענ אינ די אָדערנ פונעם שווער-פאַרוווּנדעטנ לייטענאַנט. ביים דער אָפּעראַציע האָט עספיר מיכײַלאָוונע א פּאָר מאָל געכאַפּט א קוק אפנ קראַנקנ. זײַנע גראָבע ליפּנ האָבנ אויסגעזענ ווי געשוואָלנ אונ קעגנ דער עלעקטרע-שײַנ — טונקל-בלוילעכ. וואָס מער בלוט ס'איז אַרײַנ אינ זײַנ אָרגאַניזם, אַלצ אָפטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באַוועגנ די ליפּנ, גלײַכ זיי האָבנ געוואָלט עפּעס דערציילנ. פונ אונטער די ליפּנ האָט עטלעכע מאָל א גלאַנצ געטאָנ די אייבערשטע שורע ווײַסע שטאַרקע ציינ. דער קראַנקער האָט געקריצט מיט זיי פונ פאַרשלאָפענעם ווייטעק.

עספיר מיכײַלאָוונע האָט געוואַרט, דער קראַנקער זאָל אויפעפענענ די אויגנ. שוואַרצע לאַנגע וויִעס, ווי בא א פרוי, האָבנ פאַרשלאָסנ זײַנע ביידע אויגנ. זי כאַפּט א קוק אפ דעם קראַנקנס האַנט. זײַנע לאַנגע דינע פינגער האָבנ ניט האַרמאָנירט מיטנ ברייטנ מאָנגאָליש-פּאָנעם. מיטנ בליק פרעגט זי זיכ אָנ בא אָסיפּנ:

— ווער איז ער, דער קראַנקער.

— א פּליִער, — ענטפערט דער מאַנ.

„א פּליִער אונ פינגער ווי בא א מוזיקאַנט" — קלערט זי אונ באַטראַכט זיי ווידעראַמאָל. זיי ליגנ איצט אומבאַוועגלעכ. אפנ פּאָנעם באַם קראַנקנ באַווײַזט זיכ א שמייכל. דער שמייכל איז געגאַנגענ פונ אינערלעכער פאַרלײַכטערונג. דעם קראַנקנס אָדערנ האָבנ זשעדנע געטרונקענ דאָס פרישע געזונטע בלוט.

נאָכ דעם, ווי די אָפּעראַציע איז געווענ פאַרענדיקט, האָט מענ דעם קראַנקנ אוועקגעטראָגנ אפ א טראָג-בעטל אינ א פּאַלאַטע. ס'האָט אים אַרײַנגעוואָרפנ אינ א פיבער. מע האָט אים אײַנגעדעקט מיט נאָכ א קאָלדרע, אַרומגעלייגט מיט וואַרעם-פלעשער אונ אים געלאָזט צו רו.

מיט פאַרשווערטע טריט איז עספיר מיכײַלאָוונע אוועק אינ אָסיפּס קאַבינעט אונ זיכ צוגעלייגט אפנ קושעט. א ווינט האָט געטריבנ דעם רעגנ, וואָס האָט געפּאַטשט איבער די פענצטער מיט א נאָגנדיקער

געברומערײַ. עספיר מיכײַלאָװנע האָט געקלערט װעגנ זונ, װעגנ איר זונ. קײנ שום פארבינדונג איז מיט אים ניטאָ. װו איז ער ערגעצ אהינגעקומענ? זי װאָלט װעגנ דעם געזאָגט דעם מאנ, אָבער ער טראָגט איבער שװײַגנדיק די לײדנ. ער רעדט קײנמאָל ניט װעגנ דעם.

אפ מאָרגנ האָט דער קראנקער באגעגנט דעם שעפ מיט א פרײַנט־לעכנ שמײכל. פונ זײַנע שמאָלע אױגנ האָט געשטראלט א װארעמ־קײַט. מיט אנ אָפּגעשװאכטער שטימע האָט ער זיכ געבעטנ באַמ שעפ, מע זאָל אימ דערלױבנ זיכ באקענענ מיטנ דאָנאָר, װאָס האָט אימ בלוט געגעבנ.

— נײנ, — זאָגט דער שעפ, — דער קראנקער טאָר ניט רײדנ קײנ סאכ. רו אונ רו, אנישט... — אונ דער שעפ דראָט מיטנ פינגער.

אָבער דער קראנקער איז אײַנגעשפּארט. נאָרװאָס, זאָגט ער, האָט ער זיכ דערװוסט בא דער שװעסטער, אז די פאמיליע פונעמ דאָנאָר איז קראמער.

— ס'איז עמעס?

— יאָ.

— זי איז ניט מישע קראמערס מוטער?

— װעמעס מוטער? — פרעגט איבער אָסיפּ לװאָװיטש.

— מיכאיל קראמערס.

בא אָסיפּ לװאָװיטשנ זײַנענ די געדאנקענ געלאָפנ פיבערדיק, אָפּ־געריסנ.

— נײנ... יאָ... עפּעס איז געשענ? איר װילט עפּעס זאָגנ?

— ער איז מײַנער א פרײַנט. מיר האָבנ זיכ מיט אימ צוזאמענ געלערנט אינ אײנ שול; צוזאמענ געפאָרנ אפנ פראָנט.

דער קראנקער מאכט א פּאוזע.

דער שעפ פונ שפּיטאָל האָט זיכ אײַנגעקלעפּט מיט די אױגנ אינ קראנקנ.

— װאָס נאָכ זאָל איכ זאָגנ זײַנ מוטער, כאװער גינאטולינ?

— ער האָט געגריגט דעסאנטניקעס אונ איצטער איז ער געװוּ מיט זײ בא דעמ סוינע אינ הינטערלאנד.

— עפּעס נאָכ זאָל איכ זאָגנ זײַנ מוטער, כאװער גינאטולינ?

— זאָגט איר, אז אימ װעט קײנמאָל קײנ קױל ניט נעמענ. דאָס איז אזא מושקעטיאָר!..

אונ גינאטולינ האָט זיכ צעשמײכלט אונ אנטפּלעקט זײַנע װײַסע צײנ.

דער דאָזיקער שמײכל האָט אינ אָסיפּס אױגנ אָנגעצונדנ א שטראל פונ האָפענונג.

— א דאנק, איכ װעל אלעס איבערגעבנ. א שאָד, װאָס מער װײסט איר ניט װעגנ אימ. — אונ גינאטולינ דערפילט דעמ שעפּס גרױסע ברײטע האנט אינ זײַנ אָפּגעשװאכטער האנט.

קאפיטל נײַנצנ

אונ קינדער... אונ ווײַבער... אונ זקײנימ...

הארבסטיקע כמארעס קוקנ ארײַנ אינ די ציגערנע וואסערנ. אינ קויטיקע פאריאסעמטע געסלעכ שטייענ אפגעברענטע הײַזער. נישטא שוינ קיינ שטעטל, וווּ פארהארטעוועטע, פארכאלעמטע מאמעס האבנ געוויגט קליינע קינדער מיט טרויעריקע לידעלעכ — „ראזשינקעס מיט מאנדלענ" אונ „אמאל איז געווענ א מיילעכ". דערנאכ האט אינ די געסלעכ זיכ צעפליעסקעט דאס זוניקע געזאנג פונעמ „ביראבידזשאנער פריילעכס" אונ פונ „דזשאנקוי", וואס יונגע שטאלטנע מיידלעכ האבנ צעטראגנ וווּ א קלוב אונ וווּ א שטוב. די קלאנגענ פונ די לידער זײַנענ אופגעגאנגענ ווי שטערנ אונ געלויכטנ אינ די פריילעכע פענצטער.

אלצ איז געווענ, אונ איצט איז שוינ ניטא קיינ שטעטל, גאריווקע, אונ אויסגעשטארבנ זײַנענ די לידער אונ אויסגעלאשנ זײַנענ זיי, ווי די שטערנ אינ די פענצטער.

...ס'האט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו פארהיטנ שקליארמ ווײַב פונעמ טאליענ. מע האט זי געכאפט אונ טאג אונ נאכט ניט אופגעהערט צו פײַניקנ. פאנ=דעסעל האט אלצ געהאפט, אז קלארעס מאנ, פרויִמ שקליאר, וועט קומענ ראטעווענ זײַנ ווײַב=אונ=קינד, אונ דעריבער געהאלטנ זיי אינ געפענקעניש.

זיי זײַנענ געזעסנ אינ געפענקעניש צוזאמענ מיט די איבעריקע גאריווקער יידנ.

זעלדעלע האט אײַנגענורעט דעמ קאפ אינ דער מאמעס שויס אונ מיט אירע שווארצע אייגעלעכ, אנגעשוואלענע פונ הונגער, געקוקט אפ די יידנ, וואס זײַנענ געלעגנ מיט אויסגעטריקנטע ליפנ אונ קאמ געאטעמט.

מיטאמאל האט זיכ אינ שײַער אופגעהויבנ א שטילע שושקערײַ, וואס איז געגאנגענ פונ איינ ווינקל צומ צווייטנ. מע האט גערעדט מער אפנ ווונק, נאר אפילע די קליינע זעלדע האט אויכ פארשטאנענ, וועגנ וואס סע גייט. די יידנ האבנ זיכ געשושקעט וועגנ דעמ, אז די איינוויניקע מאלאניע רוט ניט אונ אז זי קאנ זיכ ניט מויכל זײַנ, וואס מע האט פונ אירע הענט ארויסגעריסנ שקליארמ ווײַב. מאלאניע האלט ניט, אז אלצ איז שוינ פארפאלנ. פארקערט, זי גיט צו וויסנ אינ שײַער ארײַנ, מע זאל ניט זײַנ בא זיכ געפאלנ. מע זאל זיכ ריכטנ אפ געסט... הײַנט=מארגנ דארפנ זיי זײַנ דא, אונדזערע טײַערע געסט. אונ ווער עס זײַנענ די טײַערע געסט — ווייסט שוינ לאנג זעלדעלע. דאס זײַנענ די פארטיזאנער, וואס זיצנ אינ פיאטקער וואלד.

— מאמע, — מונטערט זעלדעלע די מוטער, — האסט געהערט?

קלארע האט יעשדיק געשאקלט מיטנ קאפ.

— גאט ווייסט, האלעווײַ.

אונ יאנקל גריילעכעס איז געגאנגענ פונ איינעמ צומ צווייטנ אונ אײַנגערוימט:

— שטארקט זיכ, די יעשועה איז נאענט.

פֿאַרמאַכטע מידע אויסגעוויינטע אויגנ האָבנ זיכ געעפֿנט פֿינ א שוואַכער האָפֿענונג, אינ קראַמפֿנ צונויפֿגעדרייטע הענט אונ פֿיס האָבנ זיכ אויסגעגלײַכט: „עפֿשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבנ“, אונ מע איז געלעגנ ווײַטער אינ שרעק, אינ פּכאָדים, אינ הונגער, אינ קלעמעניש.

אינ דעמ טאָג האָבנ פֿאָנ-דעסעלס סאָלדאַטנ פֿונ די צוויי גרויסע פֿערד-שטאַלנ אונ פֿונ דעמ שײַער אַרויסגעפֿירט בא פֿיר הונדערט איבערגעבליבענע ייִדנ — דעריקער ווײַבער אונ קינדער — אונ זיי געטריבנ צו דער באַלקע. אויסגעצערטע, אויסגעדייִוערטע, פֿאַרמאַטערטע אונ צעבראָכענע ייִדענעס האָבנ געפֿירט בא די הענט קינדער. זיי האָבנ פֿונ צײַט צו צײַט געקוקט צומ הימל, גלײַכ מע האָט געוואַרט, פֿונ דאָרטנ זאָל קומענ די הילפֿ אונ אָפּשטעלנ דעמ צאַר אונ דעמ צאָרנ, וואָס האָט זיכ אויסגעגאָסנ אַפֿ זייערע אומגליקלעכע קעפּ. דײַטשישע סאָלדאַטנ האָבנ מיט די באַגנעטנ אונ מיט די קאָלבעס פֿונ די ביקסנ אונטערגעטריבנ דאָס גאַריוּוקער פֿאָלק. זיי האָבנ זיכ געזידלט, ווײַל זיי האָבנ געוואָלט וואָס גיכער דורכמאַכנ די עקזעקוציע. זיי האָבנ געוווּסט, די דאָזיקע בהמעס אינ די גרינבלעכע מונדירנ, אַז אַלץ, וואָס איז אַפֿ די זקיינים אונ אַפֿ די ווײַבער אונ אַפֿ די קינדער, בלײַבט פֿאַר זיי.

איינער פֿונ די גרינבלעכע מונדירנ, וואָס טרײַבנ דעמ אוילעמ, פֿרעגט באַמ צווייטנ גרינבלעכנ מונדיר:

— ווילִיע, האָסט שוינ אָפּגעקליבנ א געשאַנק פֿאַר עליזענ?

דער גרינער מונדיר, וואָס הייסט ווילִיע, קערעוועט זיכ אויכ צו דעמ, וואָס פֿרעגט, אונ טוט א ווונק מיטנ קאָפּ אַפֿ איינער א יונגער פֿרוי, וועלכע שלעפּט זיכ מיט א זויג-קינד.

— אָט, בא איר...

דער ערשטער מונדיר מיטנ פֿערדנ-פּאָנעמ כידעשט זיכ.

— אָט די? איז וואָס זשע דאַרפֿ מענ ציִענ ביז דער באַלקע? —

אונ ער קוקט זיכ אַרומ, גלײַכ ווי עמעצער וואָלט אימ פֿאַרבאָטנ צו טאָנ דאָס, וואָס ער האָט אָקאָרשט פֿאַרטראַכט. ער גייט צו צו דער פֿרוי מיטנ זויג-קינד, טוט זי א שלעפּ אָפּ פֿאַר די אַקסל אינ א זײַט פֿונעמ גאַנצנ שפּאַנענדיקנ אוילעמ, שטעלט צו דעמ רעוואָלווער צו איר ברוסט אונ שיסט גלײַכגילטיק.

— נא, ווילִיע, וואָס דאַרפֿסטו וואַרטנ?

אינ דער מאַכנע ייִדנ האָט זיכ אויפֿגעהויבנ א גוואַלד, א קוויטשערײַ. אַנ אַלטער ייִד האָט מיט אַלע קויכעס געוואָלט אַרויסנעמענ דאָס זויג-קינד פֿונ דער געשאָסענער פֿרויס הענט. זי האָט עס אָבער אַזוי פֿאַרקלעמט אינ אירע געשטאָרבענע הענט, אַז ס'איז אוממעגלעכ געווענ דאָס אַרויסרײַסנ.

דער אוילעמ איז געטריבנ געוואָרנ ווײַטער. דער גרינער מונדיר ווילִיע איז געבליבנ אַפֿ עטלעכע מינוט זיכ פֿאָרענ לעמ דער געשאָסענער. ער האָט אַראָפּגעצויגנ פֿונ איר א ברוינ בלימשקענ קאָפּטל, אַרײַנגעשטופּט עס אינ קעשענע אונ דעריאָגט דעמ איבעריקנ אוילעמ.

אַפֿנ וועג פֿונ דער טויטנ-פּראָצעסיע זײַנענ פֿונ די פֿאַרברענטע הײַזער אַרויסגעלאָפֿנ אוקראַינישע פֿרויענ אונ קינדער, מיט מיטגע-

פיל־אויגן און מיטגעפיל־הערציקער נאָכגעקוקט זייערע לאַנגאָנגעדיקע שכיינים און מיט גאָרניט ניט געקענט העלפן.

פרוינע שקליאַרס ווײַב און זעלדעלע האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך אויך געשלעפּט צווישן גאַנצן אוילעם. לעם איינער א שטוב האָט שקליאַרס ווײַב דערזען אירע א באַקאַנטע און אויסגעשריגן:

— מאַרוסיע, זאָלסט דערציילן מײַנע פרויִמען, אַז דו האָסט מיך געזען. ווײ איז מיר!

די אוקראַיִנערן האָט וויינענדיק אויסגעשטרעקט אירע הענט אַלס א צייכן, אַז זי וויל איר העלפן. א גרינער מונדיר האָט זי אָפּגעשטויסן, און ווען מאַרוסיע איז, ניט אָפּטרעטנדיק, ווײַטער נאָכגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, האָט דער מונדיר איר געוויזן אָפן אוילעם: „ווילסט אויך אַהערצו, טראָג זיך באַצײַטנס אָפּ“. און ער האָט זי דערבײַ אַזא שטויס געטאָן מיט דער קאָלבע פון ביקס, אַז מאַרוסיע איז אומגעפאַלן אף דער קאַלטער ערד.

די טויטן־פּראָצעסיע איז געגאַנגען ווײַטער.

צוויי עלטערע ייִדן האָבן זיך אומגעריכט אָפּגעשטעלט. איינער פון זיי מיט רויטע אויגן שרײַט אויס:

— רעבוינוּ, לאָמיר ווידוי זאָגן, מע פירט אונדז שטאַרבן!

ביידע ייִדן נעמען זיך אַרום און בלײַבן אַזוי שטיין, ביז די דײַטשישע קוילן לייגן זיי ניט אַוועק אף דער ערד.

צו דער באַלקע האָט מען צוגעפירט גרופּעסווײַז און אויסגעשאָסן און אויסגעשאָכטן ווי שאָף. א יונג מיידל האָט אומזיניק־שרעקלעך זיך צעשריגן:

— איך וויל ניט שטאַרבן! — און זיך געוואָרפן ניט דערשאָסענערהייט אין דער באַלקע אף טויטע צעמאַזיקטע קערפּערס.

דאָס קלאַפּן פון די אויטאָמאַטן און קוילנוואַרפערס האָט פאַרשלאָגן די ווײ־געשרייען. פון די שיפּויען זײַנען אין דער באַלקע אַראָפּגערונען רימשקעס ייִדיש בלוט. אף די זעלביקע שיפּויען האָבן גויסעסדיקע זיך געפּרוּווט אַרופקלעטערן, אָבער זיי זײַנען געבליבן דערקוועטשט פון די נײַע פאַלנדיקע הארוגים.

ניט ווײַט פון דער באַלקע איז געשטאַנען באַראָן פאָן־דעסעל, דער קאָמענדאַנט פון גאַריזאָן. אין א רונג פון סאָלדאַטן האָט מען אַהערצו געבראַכט די לעצטע זעקס זקיינים ייִדן. צו זיי האָט מען באַלד צוגעפירט אונטער די הענט זעקס זקיינים אוקראַיִנער.

פאָן־דעסעל האָט באַפוילן די זקיינים גראָבן א גרוב. דערבײַ זײַנען געבראַכט געוואָרן אײַנגאַנצן זעקס רידלען. די איבעריקע זעקס מאַן האָט מען געצוווּנגען צו גראָבן מיט די הוילע הענט. סעמען דעמענטיעוויטש וואָלטשאָק איז ניט אײַנגעשטאַנען אף די פיס. א סאָלדאַט האָט אים געשטויסן, ער זאָל גראָבן מיט די הענט.

פאָן־דעסעל האָט געקוקט אפן האַנט־זייגער, און אַלע צען מינוט געביטן די פּאַרטיעס. פאַר די ערשטע זעקס, וואָס האָבן געגראָבן מיט די רידלען, איז איצט געקומען די רײ צו גראָבן מיט די הוילע הענט.

שווײַגנדיק, האָבן די אומגליקלעכע, אף וויפל ס'האָט זיי געסטײַעט קויכעס, אַרויסגעוואָרפן די ערד מיט די רידלען און הינטערווײַלעכס געקוקט אף זייערע שכיינים, וועלכע האָבן מיט זיך טרייסלענדיקע הענט

זיכ אײַנגעגראָבנ אינ דער שװאַרצער ערד אונ מיט קלײנע הײַפֿנ אַרויסגעדראָלובעט זי. סאַטיע איז געלעגנ אַפ אַלע פֿיר אונ מיט די פֿאַרטריקנטע פֿינגער, װי אַ מוילװאָרפֿ, אַרויסגעשלעפּט קלײנינקע מעס-טעלעכ ערד. די לאַנגע באָרד זײַנע האָט געקערט די הײפֿעלעכ ערד אונ מיט די דולע קאָפּע אויגנ האָט ער געבליצט אינ די זײַטנ.

פֿאַנ-דעסעל קוקט זיכ צו, װי די ײדנ זקײנים װאַרפֿנ אַרויס די ערד, אונ זאָגט צו די אוקראַינער:

— איר זעט, די יודנ װילנ אײַכ אָפּנאַרנ. זײ אַרבעטנ ניט, זײ װילנ, איר זאָלט אַרבעטנ.

פּראָקאָפּ אָרליק האָט צוערשט אַ קוק געטאָנ אַפ יאַנקל גרײלי-כעס, אַפ סאַטיענ, דערנאָכ אַפנ קאָמענדאַנט, געקוקט מיט אַזעלכע אויגנ, װי אײנער רעדט: „ביל, ביל, ס'װעט מיכ סײַװי ניט נעמענ“.

— שנעלער! — איז געפֿאַלנ דעם קאָמענדאַנטס קאָל אַפ די קעפּ פֿונ די גרעבער.

ס'איז אויסגעװאַקסנ אַ באַרג מיט אויפֿגערודערטער ערד אונ פֿונ הינטנ האָט זיכ געשװאַרצט אַ גרוב.

— גענוג! — דערהערט זיכ פֿאַנ-דעסעלס קאָל.

אונ דער קאָמענדאַנט האָט באַפֿוילנ די ײדנ אַרײַנקריכנ אינ דער גרוב. די זעקס רידלענ גײענ איבער אינ די הענט פֿונ די אוקראַינער, װעלכע זײַנענ אויסגעשטעלט פֿונ אויבנ באַם ראַנד פֿונ דער גרוב.

— פֿאַרשיט! — באַפֿוילט דער דײַטש די אוקראַינער.

די אוקראַינער זקײנים האָבנ זיכ אײַנגעהויקערט. זײ זײַנענ איצט אַלע ענלעכ געװענ אַפ סאַװטשוקנ דעם ברױנטרעגער — דעם הויקער, אַזוי דערשלאָגנ אונ צונויפֿגעקאָרטשעט.

— פֿאַרשיט! — פֿאַלט די שװערע שטימ פֿונעם דײַטש. ער טוט אַ װונק צו די סאָלדאַטנ, אונ יענע נעמענ אַראָפּ די אויטאָמאַטנ, שטעלנ זײ צו צומ בויכ, גרײט אַרויסלאָזנ פֿײַער.

אינ דער רעגע דערזעט פּראָקאָפּ אָרליק זײַנ אַלטנ באַקאַנטנ יאַנקל גרײליכעס. פֿאַר די אויגנ בלענדט די שװערד פֿונ אַ דעניקינעצ. אָט האַלט זי, די שװערד, אַפ זײַנ קאָפּ. אָבער גרײליכעס, דער געזונטער גרײליכעס, האָט מיט אײנ זעצ אַראָפּגעשלעפּט דעם דעניקינעצ פֿונעם פֿערד, אונ די שװערד פֿאַלט אַ צעבראָכענע. אונ יאַנקל אונ פּראָקאָפּ יאָגנ װײַטער צו דער באַלקע, צומ טײַכ...

סאַטיע קוקט אַרומ צו װאָלטשאָקנ: „װאָס גײסטו מיר טאָנ, סע-מענ דעמענטיעװיטש?“ אונ סאַטיעס בליק װערט צוגעזאָטנ צומ רידל.

באַ די אוקראַינער האָבנ די רידלענ געבריט די הענט, װי צע-גליט אײַזנ.

פֿאַנ-דעסעל האָט עפּעס ניט דערװאַרט, אַז די אוקראַינער װעלנ אַזוי קאַלט זיכ באַציִענ צו זײַנע באַפֿעלנ. דאַנ באַפֿוילט ער די ײדנ זאָלנ אַרויסקריכנ פֿונ דער גרוב. מיט גרויס מאַטערניש, אָפּשיטנדיק די ערד, האָבנ די זקײנים זיכ אַרויסגעדראַפּעט. באַמעלעכנ האָבנ זיכ איצטער לויטנ דײַטשס באַפֿעל אַראָפּגעלאָזט די אוקראַינער.

— שיט! — האָט מיט אַ פֿרײלעכער שטימ אויסגערופֿנ דער דײַטש.

די ײדנ האָבנ אַפילע ניט גענומענ די רידלענ אינ די הענט. אַז

אים האָבנ געקוקט צעבראָכענע, צעטראָטענע מענטשנ, וועמעס לעבנ עס איז סײַווי פאַרפאַלנ געווענ.

פאָנ-דעסעל האָט אָנגעהויבנ פאַרלירנ דאָס געדולד אונ ווידער באַפוילנ זײַנע קאָרבאָנעס זיכ בײַטנ מיט די ערטער. אינ עטלעכע רײַנעס ארומ זײַנענ די יִדנ שוינ ווידער געשטאַנענ פונ אונטנ, אונ איצט שוינ אפילע קיינ קויעכ ניט געהאַט אופצוהייבנ די קעפ צו זייערע שכײנים.

אויכ דאָס מאָל, הייסט עס, איז דער גרוויליקער באַפעל פונ דײַטשנ מאַיאָר ניט אויסגעפילט געוואָרנ. פאָנ-דעסעל זעט עס, אונ די אויגנ הייבנ בא אים אָנ גלאַנצנ מער, ווי שטענדיק. ער קלײַבט אָפ איינ זאַקנ פונ די יִדנ, איינעמ — פונ די אוקראַינער אונ אליינ פונ זײַנ אייגענעמ רעוואָלווער דערשיסט ער זיי. ווי אונטערגעשניטענע פלאַכטעס זײַנענ אוועקגעפאַלנ די צוויי זקײנים אונ געבליבנ ליגנ באָנעמ על פאָנעמ, גלײַכ זיי האָבנ נאָכנ טויט זיכ געזעגנט.

איצט זײַנענ געשטאַנענ די אוקראַינער אינ גרוב, אונ די יִדנ — פונ אויבנ. דער דײַטש איז צוגעגאַנגענ האַרט צו דער גרוב אונ אליינ אראָפגעשאַרט מיטנ פוס עטלעכע הויפנס ערד. געמאַכט, מע זאָל עס ניט באַמערקנ.

— איר זעט? — האָט ער זיכ געווענדט צו די אוקראַינער. — די יִדנ ווילנ אײַכ פאַרשיטנ, — אונ עטלעכע הויפנס זײַנענ נאָכגעגאַנגענ זײַנע ווערטער, — איז בעסער פאַרשיט איר זיי.

די סאָלדאַטנ האָבנ צוגעטריבנ די צענ פאַרבליבענע זקײנים צומ ראַנד פונ דער גרוב. די קאָרבאָנעס האָבנ זיכ אוועקגעשטעלט אַפ די קני׳ אונ אזוי ווי פאַרצײַטנס די אורזיידעס זייערע, זײַנענ אויכ איצט די יִדנ אינ די לעצטע מינוטנ פונ זייער לעבנ, געשטאַנענ מיט פאַרריסענע אויגנ אונ געקוקט צומ הימל — א נעס זאָל געשענ. זייערע פאַרטריקנטע ליפנ האָבנ געמורמלט א טפילע, וואָס יעדערער פונ זיי האָט געדענקט. אָפגעריסענע זיפצנ האָבנ די טפילע איבערגעריסנ.

די פרײַנט — די שכײנים זייערע, די אוקראַינער, האָבנ זיכ געציילעמט.

איצט שיסט שוינ ניט דער באַראָנ פאָנ-דעסעל מיט זײַנ אייגענער האַנט. ער באַפעלט זײַנע סאָלדאַטנ זאָלנ שיסנ אינ די זקײנים.

די זקײנים טוענ זיכ א וואַקל אונ פאַלנ לעמ דער גרוב אונ אינ דער גרוב.

מאַלאַניע האָט קיינ טאָעס ניט געהאַט: אינ גאַריוויקע זײַנענ דעמ טאָג טאַקע געקומענ טײַערע געסט. די פאַרטיזאַנער זײַנענ אַרײַנ אינ שטעטל פונ עטלעכע זײַטנ...

דער אָנפאַל איז געווענ אזוי האַסטיק, אז דער קאָמענדאַנט מיט זײַנ גאַרניזאָנ האָט אפילע ניט באַוויזנ זיכ קעגנשטעלנ ווי געהעריק. באַראָנ בערטאָלד פאָנ-דעסעל איז געבליבנ ליגנ א פאַרווונדעטער לעמ דער גרוב, ווו זײַנע לעצטע קאָרבאָנעס האָבנ זיכ געוואַלגערט. מיט שרעק האָט ער געקוקט אַפ מישע קראַמער. פעטראָ סאָמענקאָ איז צוגעשפרונגענ אונ געוואָלט דערשיסנ דעמ דײַטש.

— וואַרט! — האָט קראַמער אָפגעשטעלט סאָמענקאָ, — ער געהערט ניט דיר, ער געהערט אונדז אלעמענ.

די פארטיזאנער האבנ געקוקט מיט באדויערונג אפ די פארשוינטענע זקיינים. מע איז נעלאפנ צו דער באלקע און... די פארטיזאנער האבנ פאר צארנ אפגעקערעוועט די פענעמער.

— פארשפעטיקט.

איבער דער באלקע אנגעבויגנ איז געשטאנענ כאנקע שקליאר. אוועקגעלייגט דעם אווטאמאט אפ דער ערד, האט זי צוערשט ארויסגעשלעפט דעם קערפער פונעם שוועסטערל, דערנאכ דעם קערפער פונ דער מאמענ, זיכ איינגעקוקט אינ זייערע פארענדערטע פענעמער, דעווינאכ א פאל געטאנ צו דער מאמענ און זיכ צעוויינט.

קראמער האט געשוויגנ, ער האט אומגעשפאנט באם ראנד פונ דער באלקע און געקוקט אפ די צעשאסענע יידנ.

— וואס טאנ מיטנ מאיאר? — האט ער דערהערט, ווי מע פרעגט אים.

— אינ שטאב אים אוועקפירנ.

— ער קאנ ניט גיינ, מע דארפ אים טראגנ.

— אב, טראגנ, זאל כאנקע זאגנ איר ווארט.

אנגעבויגנ איבערנ קערפער פונ דער מאמענ, האט זי דאפקע דערהערט, אינ וואס סע גייט דא. זי האט פונ דער ערד גענומענ דעם אווטאמאט, צוגעגאנגענ צום פארוואונדעטנ מאיאר און אויסגעשאסנ אינ אים. געענדיקט, האט כאנקע איבערגעגעבנ דעם אווטאמאט א כאווער און אפגעווישט די הענט, גלייכ זי האט געוואלט אפוואשנ די הענט פונ דעם שווארצנ בלוט, וואס זי האט פארגאסנ. אירע ליפנ האבנ עפעס געשעפטשעט.

...ס'איז שוינ געווענ פארנאכט. הארבסטיקע כמארעס האבנ ארונגעקוקט אינ דעם צינערנעם וואסער פונ דער גאריוווקער סאזשלקע. אינ די פאריאסעמטע געסלעכ זיינענ געשטאנענ פארסארפעטע הייזלעכ און געשראקנ מיט אויסגעצויגענע קוימענס, ווי מיט איבערגעשניטענע העלדזער. שוינ, ניט געווענ קיינ שטעטל. דא האבנ אמאל פארהארעוועטע, פארכאלעמטע מאמעס איינגעוויגט זייערע קליינע קינדער מיט טרויעריקע לידעלעכ — „ראזשינקעס מיט מאנדלענ“ און „אמאל איז געווענ א מיילעכ“. שפעטער האט אינ די ליקעלעכ זיכ צעפליעסקעט דער זוניקער מאטיוו פונ דעם „ביראבידזשאנער פריילעכס“ און פונ „דזשאנקוי“, וואס גראטענע שטאלטנע מיידלעכ האבנ צעטראגנ איבער די שטיבער. די קלאנגענ פונ די לידער זיינענ אופגעגאנגענ, ווי שטערנ, און געלויכטנ אינ פריילעכע פענצטער.

אלץ איז געווענ. און איצט איז שוינ ניטא קיינ שטעטל גאריווקע, און אויסגעשטארבנ זיינענ די לידער, און אויסגעלאשנ זיינענ זיי, ווי די שטערנ אינ די פענצטער.

זאל זיינ, אז דאס פאלק, דאס יידישע פאלק איז שוינ ניטא?

ניינ, ס'איז דא דאס פאלק, ס'איז דא זיינ ליד, ס'איז דא זיינ כאכמע און ס'איז דא זיינ שווערד. זי גייט, די שווערד, און שניידט און שטראפט.

פעטרא סאמענקא האט פאמעלעכנ זיכ גערוקט איבערנ ערשט אויסגעפאלענעמ שניי, אריבערגעשפאנט פניאקעס און אומגעוואלגערטע ביימער. נאכ אים — מישע קראמער און כאנקע שקליאר. פונ די הויכ גע-

וואקסענע סאַפּנעס האָבנ זיכ פונ צײַט צו צײַט אראָפּגעשאָטנ הויפנס שניי, וואָס האָבנ פארקלעפּט די אויגנ. דערפונ פלעגנ זיכ די גייערס אָפּשטעלנ אפ א רעגע אונ ווײַטער שפּאַנענ. דער וועג האָט געפירט קיינ פּיאַטקע — צומ אָנפירער פונ די פּארטיזאַנישע מאַכנעס, — צו ציבענ.

כאַנקע האָט אראָפּגעשארט דעמ שניי פונ א פּניאָק אונ זיכ צוגעזעצט.

— מיר? — האָט מישע געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט, בלויז א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. קראַמער אונ סאָמענקאָ זײַנענ א ביסל אָפּגעטראָטנ פונ איר, געוואַרט אפנ מיידל.

דערווײַל האָט קראַמער געזאָגט:

— האָסטו שוינ צוגעגרייט א רעדע, פּעטראָ?

— צוליב וואָס? — פארשטייט ניט סאָמענקאָ.

— נו, הײַנט נעמט מענ דאָכ אונדז אָנ אינ פּארטיי. ציבא האָט געזאָגט.

בא סאָמענקאָ ווערנ די אויגנ מילד-מילד. ער שמייכלט מיט זיי. דערנאָכ ווערט ער ערנסט אונ שטרענג.

— אונדזער פלאַנ — דאָס איז מײַנ הײַנטיקע רעדע.

קראַמערנ טוט א ברי פונ זײַנ כאַוועריש רייד. הייסט עס, אז ער, סאָמענקאָ, גלייבט אויכ אינ דעמ פלאַנ פונ א רייד הינטער סאַמע קיעוו. אונ וואָס וועט זאָגנ דערופ ציבא?.. וועג ציבא זאָל גאָר אײַנגיינ דערויפ, אָט דעמלט... ער האָט זיכ אומגעקוקט צו כאַנקענ, וואָס איז געזעסנ אפנ פּניאָק, אונ מיט א געהעכערטער שטימ געזאָגט:

— אונ דײַנ הײַנטיקע רעדע, כאַנקע? אויכ וועגנ אונדזער פלאַנ? איאָ?

אפּאָנעמ, זי האָט געהערט, וועגנ וואָס די יונגע האָבנ געשמועסט אונ באַוויליקנדיק צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

אלע דרײַ האָבנ זיכ ווידער געלאָזט פאָרויס צומ פארשנייטנ האָריזאָנט. געדאַכט האָט זיכ קראַמערנ, אז ער פירט נאָכ זיכ א גרויסע מאַכנע געקאָמענעמער, ער פירט זיי, ער פירט זיי אפ קיעוו. אפ דורכברעכנ ווענט אונ אפ איבערקערנ בערג...

★★★